STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03008

KSOVIM FUN HAYIM KRUL

Chaim Krul

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כתבים פון

חיים קרול

(אַ ליטעראַרישע ירושה, איבערגענומען פונעם דיכטער אין זיינע
לעצטע טעג, מיטן צוזאָג אַרויסצוגעבן עס אין אַ בוך-פאָרם)

גענזאַמלט און צונויפגעשטעלט

— פון —

י. ה. ראַדאָשיצקי

מיט אַ הוספה פון זכרונות און אָפּשאַצונגען פון דיכטער און קריטיקער

שער־בלאַט געצייכנט פון

פּנחס סקורקא

פאַרלאַג „אייגענע", ניו־יאָרק, 1954

KSOVIM FUN CHAIM KRUL

Edited By

J. H. Radoshitzky

New York, 1954

Copyright by

J. H. Radoshitzky, 1954

1497 Carroll Street

Brooklyn, N. Y.

Printed In The United States Of America By

GRENICH PRINTING CORP.

151 West 25th Street

New York 1, N. Y.

חיים קרול

1946 — 1892

***

ווי אַ זון־שטראַל פאַרנאַכט, פאַרלעשט זיך אויף אַ שויב —
האָב איך דיך געזען, אין דער לעצטער שעה — פּאָעט;
געשטאַנען בין איך, מיט צער, ביי דיין גסיסה־בעט,
געהערט דיין שוואַנען־ליד: פון האַרץ דעם פּאַל און הויב . . .

דיין קאַלטע האַנט האָב איך געהאַלטן פול מיט צער,
געפילט: דאָס האַלט איך נאָר אַ צווייגל, יונג־פאַרדאַרט;
די אויגן דיינע, אָפענע, פאַרנעפּלטע — האָבן ווייט געשטאַרט:
געוואַנדערט האָסטו פון מיר ווייט, העט — צו דיין פרעמדן לאַנד...

איך האָב דיין נאָמען הויך גערופן — געגאַרט דיין וואָרט,
נאָר דיינע וועלקע ליפּן האָבן שטום און טויט געשוויגן:
דאָס האָט דיין גייסט מיט דיר צום הימלס טראָן געשטיגן —
גאָטס ליכט געזעגלט האָט מיט דיר, צו זיין מלכות־אָרט!

י. ה. ראַדאָשיצקי

מערץ, 1946.

י. ה. ראַדאָשיצקי

חיים קרול

(זיין לעבן, ליידן און שאַפן)

חיים קרולס פולער נאָמען איז חיים אהרן, נאָך זיין זיידן, זיין מאַמעס פאָטער, וואָס האָט געלעבט אין גאווערטשאוו, פוילן. געווען אַ ייד אַ סוחר, וואָס איז געבליבן אַן אלמן צו זיבעציק יאָר, און ווידער חתונה געהאַט מיט אַ זעכצן יאָריק מיידל — שרה, זי איז דאָס קרולס באָבע.

חיים קרול איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש, דעם 10־טן אַפּריל, 1892. פון זיין מוטערס זייט שפּרייט זיך אויס דער יחוס העט־ווייט ביז צום „ייד הקדוש" און ביז דעם באלאשקער און טארבינער צדיקים, און דערגרייכט ביז צום גדול הדור, דעם גאסטעניגער צדיק, ר' יחיאל מאיר, זצ"ל.

חיים קרולס פאָטער, יחיאל מאיר, איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין פוילן. יחיאל מאיר איז געווען יינגלוויז, אַ תלמיד ביים אמשי־נאָווער רבין, רב מנחם ז"ל. ר' משה, יחיאל מאירס פאָטער, דער זיידע פונעם פאָעט, איז אַליין אויך געווען אַ חסיד ביים אמשינאָווער רבין. כדי זיך מפרנס צו זיין האָט ר' יחיאל מאיר, דעם דיכטערס פאָטער, זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון וועבעריי, פון וועמען, אגב, חיים קרול האָט שפּעטער איבערגענומען דאָס פאַך און געהאָלפן שפּיזן דאָס הויזגעזינט.

אָנגעהויבן צו שרייבן לידער האָט חיים קרול אין די גאָר יונגע יאָרן, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. זיין הונגער צו לייענען ביכער פון די אוניווערסאַלע דיכטער און שרייבער איז געווען זייער גרויס. אין די נעכט פלעגט ער לייענען ביי אַ קליינעם נאַפט־לעמפּל, בייטאָג — אונטערן וועב־שטול — פלעגט תמיד ליגן אַן אָפענער בוך, פון וועלכן ער פלעגט זעטיקן זיין נשמה. ער פלעגט לייענען אַ סך און אויסחלומען זיינע אייגענע לידער. די ערשטע לידער זיינע האָבן זיך באַוויזן אין זשורנאַל „געזאַנגען", אונטער דער רעדאַקציע פון פאָלקס־פאָעט „הערשעלע", ווי אויך אין דעם זשורנאַל „יונג יידיש", רעדאַגירט פון יצחק קאַצענעלזאָן ז"ל און משה בראָדערזאָנען. שפּע־טער אין דעם זאַמלהעפט „פעלד", אונטער דער רעדאַקציע פון חיים לייב פוקס. אויך אין אַ זשורנאַל „אין דער שטיל" אַרויסגעגעבן פון מ. גינזבורג. און אין אַנדערע זשורנאַלן.

זיינע יוגנט־חברים זיינען געווען: דוד זיטמאַן, משה בראָדערזאָן, חיים לייב פוקס, דער שרייבער פון די נאָטיצן, שפּעטער — יצחק בערלינער, ישראל ראבאן, און פּרץ אפּאטשינסקי.

„הערשעלע״ ע״ה איז געווען דער, וואָס האָט קרולן צו מיר דאָס ערשטע מאָל אין שטוב אַריינגעפירט. אַ שעמעוודיקער האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט. מיט חידוש האָב איך באַטראַכט זיינע לאַנגע פינגער, וואָס פּאַסן זיך פאַר אַ פּרויען־האַנט. זיין לענגלעך פּנים האָט געהאַט אַן אַסקעטישן אויס־זען. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טרוימערישע גוטסקייט. זיין פי־גור איז געווען גליך, שלאַנק, זיין שטערן — הויך, טונקל־ברוינע האָר און געדיכטע ברעמען. מיר האָבן געלייענט זיינע נאָך נישט געדרוקטע לידער, געשריבן מיט אַ פּערלדיקן כתב. מיר האָבן באַלד גענומען ריידן וועגן זיינע פאָרמען.

„הערשעלעס״ מיינונג איז דעמאָלט געווען, אַז חיים איז אַ פּאָעט, אָן צווייפל, נאָר וואָס דען — אים פעלט דער גראַם אין די לידער. קוים וועט ער באַהערשן די קלאַסישע פאָרם, וואַקסט ער אַ גאַר פיינער פּאָעט!

איך האָב גראָד נישט מסכים געווען מיט אים. זיינע לידער, אפילו אין דער פאָרם ווי ער האָט זיי געשאַפן, האָבן מיך איבערראַשט! אַ נייער טאַ־לאַנט מיט אַ פרישׁ וואָרט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט! דאָס ליד וואָס איך האָב געלייענט, האָט מיך איבערצייגט, אַז דאָ קומט אַן אייגנאַרטיקער דיכטער, פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

די זעלבע מיינונג האָב איך אויך שפּעטער געהערט פון יצחק קאַצענעל־זאָגען, פון משה בראָדערזאָנען, און פון חיים לייב פוקסן.

אין יאָר 1919 דערשיינט זיין ערשט ביכל לידער—„הימלען אין אָפּגרונט״ און האַלץ־שניט־מאָלערייען פון אסתר קאַרפּ. דאָרטן געפינען זיך שוין די טיף־לירישע לידער:

„כ׳האָב היינט געפרעגט
מיינע פריינט —
דריי פאַרחלבטע פלעשלעך,
אין וועלכע כ׳צינד די ליכטער
פון מיין געמיט:
ווער בין איך?
און די פלעמער אין זייערע מיילער
האָבן זיך פאַרלאָשן.״

און אויך דאָס טיף טראַגישע ליד:

„ברעט,
מיין איינציק ברעט
אויף וועלכן מיין גוף וועט אַמאָל רוען.״

שוין דעמאָלט האָט מען דערזען דעם שפּעטערדיקן חיים קרולן.

אין יאָר 1920 דערשײַנט זײַן צווייט ביכל לידער „לויבן" אין פֿאַרלאַג „יונג יידיש". דאָס ביכל איז געווען אַ ווידמונג צו זײַן אויסגעטרוימטער חיה שרהן. די לידער האָבן געבערענגט מיט זיך אַ פֿרישן אַראָמאַט. מען האָט דערפֿילט אַז פֿון די קליינע לידלעך גליט אַרויס אַ גרויסע, הייליקע ליבע! זײַן באַגײַסטערונג איז באַלד, בלי־ספק, געקומען פֿון אַ ריין קרישטאָל־לירישן קוואַל.

זײַנע מעטאַפֿאָרן, דאָס פֿאַרגלײַכן זײַן מיידל צו אַ וואַסער־ליליע, צו אַ לאָטוס, צו אַ ווייס־זײַדן וואָלקנדל — דאָס איז געווען ניי, פֿריש, וואָס האָט אַרײַנגעבערענגט די שיינקייט פֿון דער נאַטור, די ליכטיקייט פֿון די הימלען, אין דער יידישער פּאָעזיע. עס האָט ווי שמעקנדיקע פֿרילינג־ווינטלעך דער־פֿרישט דאָס האַרץ און פֿאַרכישופֿט דעם לייענער. איז דאָך טאַקע נישט קיין וואונדער וואָס זײַן ערשט ביכל לידער האָט פֿאַרכאַפּט באַלד די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע וועלט. אָט, די קורצע ווייס־פּערזיקע שורות זײַנען טאַקע דע־מאָלט ציטירט געוואָרן פֿון אַ סך קריטיקער:

„אין דיין געגנוואָרט ווערסטו בלייכער
ווי אַ ליליע קעגן דער לבנה,
און עס ציטערן דיינע ליפּן־ווינקלען
פֿון דיין דופּטיק מויל.

לייכטע, דורכזיכטיקע קטורת־הויכן
ווייען פֿון דיין אָטעמען צו מיר.

אין יעדן וועלכל דערזע איך דיין בליק,
אין יעדן ווינטל דערפֿיל איך דיין גלעט,
אין איטלעכן וואָלקנדל דערזע איך דיין שיין,
אין איטלעכן רעגנדל דערפֿיל איך דיין האַרץ,
אָך, ווי גליקלעך בין איך!"

די דאָזיקע קליינע, לירישע לידער האָבן קלאָר דערציילט פֿון זײַן גרוי־סער הייליקער ליבע, וואָס ער טראָגט אין זײַן האַרץ: אַז יעדע באַרירונג, יעדער אָטעם־הויך פֿון דעם מיידלס בלומיקער שיינקייט אַרויס — מאַכט אויפֿציטערן זײַן יונג פֿאַרליבט האַרץ, וואָס גליט־אויף באַלד מיט געזאַנ־גען; זײַנע צאַרטע ליבעס־לידער זײַנען טאַקע געקומען מיט פֿרישע פֿרי־לינגס־ווינטלעך און אַרײַנגעטראָגן אַ באַנײַטן מאָטיוו, ווי אַ מאָדערנער שיר־השירים אין דער יידישער פּאָעזיע.

אין יאָר 1923 קומט חיים אָן קיין אַמעריקע, שוין גוט באַקאַנט אין די

היגע דיכטער־קרייזן. אָבער אַ חוץ דעם וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין פּאָעטישן נאָמען, אין אַ ביכל מיט באַרימט־געוואָרענע לידער, האָט ער אָבער, ליידער, אין זיין צאַרטן גוף אויך מיטגעבראַכט די גיפטיקע זוימען פון אַ קראַנקהייט. קרול האָט אין לאָדזש, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געליטן הונגער און צער. נאָך שווערער זיינען געווען די בענקשאַפט־ליידן צו זיין פאַרגעטערטער חיה שרהן, וואָס האָט באַלד נאָך דער מלחמה עמי־גרירט קיין אַמעריקע. אַ בענקענדיקער צו איר און אַן אָפּגעשוואַכטער פון ליידן און נויט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ לעטאַרגישער שלאָף־קראַנק. עטלעכע וואָכן איז ער אָפּגעלעגן אין אַזאַ קראַנקן שלאָף אַ חולה מסוכן, קוים מען האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם טויטן־נעץ.

ווען ער איז אָנגעקומען מיט דער שיף אין ניו־יאָרקער פּאָרט „עליס־איילענד" — האָט מען אים פון דער שיף אַראָפּגענומען אַ קראַנקן, אין דאָר־טיקן שפּיטאָל אַריין. עס האָט געהאַלטן פּשוט דערביי, אַז מען זאָל אים אַלס אַ קראַנקן עמיגראַנט צוריק אָפּשיקן קיין פּוילן. אָבער דאָס מיידל חיה שרה האָט איינגעריסן וועלטן אים צו באַפרייען — ווי זי האָט מיר דערציילט. אָבער אַ דאַנק דער באַמיאונג פון ב. וולאַדעק און דוד איגנאַטאָוו און אַנדערע חשובע פּרעסע פּאַרשטייער — איז חיים קרול באַפרייט געוואָרן פון „עליס איילאַנד און איז געוואָרן אַ ניו־יאָרקער תושב.

חיים קרול האָט אפשר געהאָפּט דאָ זיך צו דערנערן פון דער פּען, דער באַגער איז אים אָבער נישט מקוים געוואָרן. ער מוז אויפסניי ווערן אַ ווע־בער־אַרבעטער אין פּעטערסאָן. ער מאַטערט זיך דאָרטן אַ היפּשע צייט. ער בענקט שטאַרק צו זיין אין ניו־יאָרק, נעבן זיין חיה שרהן; זיין האַרץ ציט אים צו איר, ווי דעם שמעטערלינג צו דער רויז! ווייל אָן איר איז די וועלט פאַר אים ווי אַ מדבר, נאָר איר נאָענטקייט גיט אים האָפענונג און אויסדויער אויף בעסערע צייטן.

מאַכט זיך: חיים קרול באַקומט אַ געוויסע אַרבעט אין „האיאס". זיצט ער אין דער „לאָבי" און גיט אַרויס נומערן צו מענטשן וואָס קומען זיך איינ־פאָרמירן וועגן פאַרשיידענע עמיגראַציע־ענינים. ער ווערט באַלד ווידער פּראָ־דוקטיוו, שאַפט און דרוקט נייע לידער אין דער „צוקונפט", אין דוד איגנאַטאָווס „שריפטן", „פרייע אַרבעטער שטימע" און אין פאַרשידענע אַנדערע זשורנאַלן איבערן לאַנד, ווי אויך אין די „שוועלן", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין לאָדזש, פון אַ גרופּע יונגע דיכטער דאָרטן, מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרופּע פּאָעטן דאָ אין ניו־יאָרק.

אין יאָר 1925 פאָרמירט זיך דאָ אין ניו־יאָרק אַ גרופּע פון דיכטער און פריינד, אונטערן נאָמען, „אייגענע", וואָס גיבן אַרויס חיים קרולס אַ בוך

לידער „אינדערלייטערונג". דאָס בוך דערשיינט. אין די לידער דער־זעט מען, אַז דער דיכטער האָט אַדורכגעמאַכט אַ היפּשן מהלך. זיינע פּערזן זיינען געוואָרן לויטערער, נאָך ריינער און תּפילהדיק. קלאָר דערזעט מען אין די לידער זיין נזיריש פּנים. מען דערזעט, אַז דער דיכטער שטייט ביי זיין אייגענעם עמוד. דאָס דאָזיקע בוך לידער איז געוואָרן געקרוינט מיט אַ סך קריטישע לויבן, סיי דאָ אין לאַנד און סיי איבער דער גאַנצער וועלט.

חיים קרול אַרבעט אין „האיאָס" און זיין פיזישער צושטאַנד ווערט פּאַטעטיש: זיין רעכטע האַנט הייבט־אָן עפּעס ציטערן, די פּלייצע ווערט ביי אים איינגעבויגן. דאָס מיידל חיה שרה פירט אים צו פּראָפעסאָרן און דער־וויסט זיך, אַז חיים וועט ווערן ביסלעכוויַז פּאַראַליזירט, און הילפלאָז. זי ווערט קאַלט און גלייכגילטיק צו אים. נאָך אַ געוויסער צייט פועלט זי ביי זיך אים איבערצולאָזן, און פאַרשווינדט ווי אין ים אַריין.

אַנטוישט און פריטשמעליעט בלייבט חיים איבער, ווי פאַריתומט, אין דער גרויסער וועלט. אַ צעבראָכענער זיצט ער אין „האיאָס" ביים טיש און גיט אַרויס גומערן צו מענטשן. ווען ער רעדט וועגן דעם פאַרשווונדענעם מיידל חיה שרהן — ווערן זיינע אויגן פייכטע פון טרערן. אַ טרער קייקלט זיך איבער זיין בלייכן פּנים, ווען ער זאָגט צו מיר:

„איך האָב געטרוימט אַז איך האָב געפונען אַ מיידל־מלאך! צום סוף? — נו, מילא: מין־הסתם איז מיר אַזוי באַשערט... אַ שיינעם טרוים געהאַט און — אפשר איז זי נישט געווען מיין זיווג?..."

אין יאָר 1930 דערשיינט אין פאַרלאַג „קלעצקין" זיין בוך „אַרום זיך". דאָס איז אַ זאַמלונג פון דריי ביכער — אַ מיניאַטור־ראָמאַן אונטערן נאָמען — "פון מיין טאַטנס שטוב", אַ בוך פאַרשידענע לידער. און אַ בוך מיניאַ־טור עסייען, וועגן דיכטער און נאָוועליסטן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט אַוואו נאָר דאָס יידישע וואָרט ווערט געשאַפן. דער ראָמאַן איז אַ אידיי־ליש געוועב, אין וועלכן ער שילדערט זיך און זיין גרויסער פלאַמנדיקער ליבע צו זיין חיה שרהן.

בעת איר לייענט דעם ראָמאַן דערפילט איר אַז דאָס מיידל חיה שרה איז דאָרטן זיין וואונדערלעכע אינספּיראַציע. איר געשטאַלט אָטעמט פון יעדן קאַפּיטל אַרויס, מיט איר פרישקייט, יוגנטלעכקייט און מיט איר ליכט, דורך דעם דיכטערס פאַרגעטערונג. יעדעס קאַפּיטל איז געצייכנט מיט דעם דיכטערס גליענדיקן אָטעם. בעת מען לייענט ווערט מען פשוט שיכור פון דעם ליבעס אַראָמאַט. די ראַנדעוואוען מיט איר זיינען פאַרכאַפנדיק, שפּאַ־נענד. עס איז אַ ראָמאַנטיש יוגנטלעך קינסטלעריש געוועב פול מיט שיינ־קייט און אידילישקייט.

ער מאָלט אַ בילד, אין דעם „ראַדאָגאָסטשער גאָרטן" אין לאָדזשער באַלוט

— וואו ער האָט מיט איר זיין ערשטן ראַנדעוואו, דערפילט איר, אַז צווישן די גרין און גאָלד־באַלויכטענעביימער גליט־אויף אַ הייליקע ריינע ליבע פון צוויי פאַרליבטע פאָלקס־קינדער. די פּראָזע אין וועלכער ער מאָלט זיין פאַרגעטערט מיידל חיה שרהן, פינקלט און פעכלט מיט ריחות פון דעם צע־בליטן גאָרטן וואו די צוויי יונגע הערצער ווערן פון ליבעס־פלאַמען צונויפ־געבונדן; און עס שיכורט דיך אַריין אין זיין צויבער־וועלט.

כאַטש דאָרטן אין דעם ראָמאַן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס טראַגישע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה וואו זיין לעבן איז אויך אין גרויס געפאַר, בלייבט אָבער פאַר אים חיה שרה דער עמוד האש, וואָס באַלייכט אים דעם פינצטערן וועג און גיט אים כוח ווייטער צו טראָגן די שווערע ליידן.

ווי אַזוי חיים קרול קומט צום געדאַנק צו שרייבן מיניאַטור־עסייען — דאָס איז אַ קאַפּיטל וואָס איז ווערט עס זאָל ווערן פאַרצייכנט אין די דאָזיקע ליטעראַריש־ביאָגראַפישע נאָטיצן.

איך קום צו אים אויף אַ באַזוך אין „האיאס" — באַקלאָגט ער זיך פאַר מיר:

„יצחקל — וואָס טוט מען, צייט איך האָב פאַרלוירן, דאָס מיידל האָט פּשוט איינגעטרוקנט מיין שאַפונגס־קוואַל". איך זע ווי זיינע אויגן ווערן פייכט. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק אים אַרויסצוראַטעווען פון זיין פאַר־צווייפלטן צושטאַנד, זאָג איך:

— מיין מיינונג איז, אַז דו זאָלסט נעמען צו שרייבן מיניאַטור־עסייען — וועגן דיכטער און שרייבער, איך ווייס אַז דו ביסט אַ גרויסער מבין אויף ליטעראַטור. נעם זיך מיט פלייס צו דער אַרבעט, און דיין פּאָעטישער שאַ־פונגס־קוואַל וועט זיך דערוועקן!

„דו מיינסט אַז איך מעג וואָגן צו טאָן אַזאַ אחריותדיקע אַרבעט? בין איך דען באַרופן צו דעם מיט גענוג וויסן און טאַלאַנט?" — פרעגט ער מיך.

— יאָ! — איז מיין ענטפער — איך בין זיכער, אַז דיין טאַלאַנט און דיין באַנעמען באַרעכטיקט דיך צו דעם! דאָס וועט דיך דערמוטיקן און דער־הייבן צו אַ העכערע מדרגה אויך ווי אַ פּאָעט!

דאָס איז געווען די שטויס־קראַפט פאַר אים צו שרייבן זיינע מיניאַטור־עסייען. אַ דאַנק זיינע עסייען האָט ער זיך דערוואָרבן אַ סך פריינט. אָבער אויך אַ היפש ביסל שונאים... אים אָבער האָט דאָס געראַטעוועט פון זיין שטומען איינזאַמען לעבן. זיין מבינות וועגן פּאָעזיע און אויך וועגן פּראָזע — איז טאַקע געווען געוואויגן און געמאָסטן אויפן טאַלאַנט פון נשמה־וואָג. ער איז קיינמאָל נישט געשטרויכלט געוואָרן: זיינע קריטישע חושים האָבן אים דיקטירט און געפירט די פען אין זיין האַנט. בליציק זיינען געקומען זיינע קריטישע מיינונגען, מיט עטלעכע שורות האָט ער אַרומגענומען, ווי מיט

אַ פייערדיקן רינג דעם דיכטערס שאַפן, אַז מען האָט קלאָר אַרויסגעזען יעג־נעמס טאַלאַנט, און די ווערט פון דיכטערס שאַפן.

חיים האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף קוראַציע. ער באַ־ראָט זיך מיט מיר וועגן דעם. (אולי ירחם — טראַכט איך) — אפשר וועט אים דער נס געשען... איך גיב אים צו מוט דעם פּלאַן אַדורכצופירן.

אין דעם יאָר 1932 לאָזט ער זיך אַרויס איבערן אַטלאַנטיק געטראָגן פון צווי האָפענונגען: איין גרויסער טרוים זיינער איז — געהיילט צו ווערן. דער צווייטער — אַז אין פוילן וואַרט אויף אים זיין זיווג. ער טרוימט, אַז זיין אַלטער גרויער טאַטע וועט אים נאָך דאָרטן פירן צו דער חופה, מיט אַ צנועותדיק מיידל, וואָס וועט אונטערלענען זיינע צעבראָכענע פליגל, דער־פרישן דעם שאַפונגס־קוואַל. דאָס האָט ער פאַר מיר אַנטפּלעקט אידער ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן ים מיט זיינע חלומות.

ער בלייבט דאָרטן איבער אַ יאָר צייט. פון זיינע בריוו אַרויס, צו מיר — דערזע איך, אַז זיינע חלומות לעשן זיך. דער באַווייז איז אָט אין די עט־לעכע שורות וואָס ער שרייבט מיר אין זיין בריוו:

„יצחקשי—דו ווייסט וואָס כ'וועל דיר שרייבן: איך האָב נאָך נישט פאַרגעסן חיה שרהן — נאַכט־ביי־נאַכט האָב איך חלומות פון איר, ביטערע חלומות... דאָס מיידל לײדט, ביי מיר איז זי נאָך אַ מיידל... איך פיל עס. קום אין קאָנטאַקט מיט איר — זאָל זי מיר שרייבן אַ בריוו. אויב נישט — שרייב מיר איר אַדרעס און שיק מיר אים. דיין חיים."

ער קומט צוריק אַליין, פון זיינע גרויסע אויגן האָט אַרויסגעקוקט יאוש. זיין איינגעבויגענער גוף איז געווען איינגעהילט אין טרויער. ער איז געקו־מען קראַנק און אַנטוישט. נאָך שווערער איז געוואָרן זיין דאַליע, וואָס ער האָט פאַרלוירן דעם פּאָסטן אין „האיאס" צוליב זיין קראַנקן אויסזען. עס זיינען געווען צייטן פון הונגערן... ער איז געווען צו איידל זיך צו פאַרטרויען פאַר עמיצן וועגן אַזעלכע „קלייניקייטן"... בכלל האָט ער מיט קיינעם נישט גע־רעדט וועגן זיין ביטערער מערכה... ער איז געווען אַ שעמעוודיקע שטאָל־צע נשמה. אין אַזעלכע טעג, פון שטילן לײדן, פלעגט ער תמיד אויסגיסן זיין ביטער הארץ צו דער וועלט אין אַזעלכע לידער:

„מיין טיש איז געדעקט
מיטן אָוונט־טוך,
און אַ ליכט ברענט אויף אים —
דער דאָרן־בוים.
און מיין מאָלצייט איז
ד ע ם ו ו י נ ט ס ב ל א ז."

חיימס פיזישער לאַגע ווערט ערגער. זיינע הענט נעמען ציטערן. אויך דאָס לשון הייבט אָן ביי אים אונטערצוהינקען. ער דערציילט מיר, אַז מען וויל אים אַריינגעבן אין אַ שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע, אין ברוקלין. אַ פאַר־צווייפלטער פרעגט ער מיין מיינונג. איך פאַרשטיי ווי ער פילט וועגן דעם שריט. איך דערמוטיק אים:

— חיים — זאָג איך אים, — דאָס וועט זיין פאַר דיר אַ גרויסע הילף אין דיין מצב. דו וועסט זיין פאַרזאָרגט דאָרטן מיט אַ היים, דער עיקר — מיט הייל־מיטלען, דאָס וועט דיך ראַטעווען — איך מיין, אַז דו זאָלסט דאָס אויפ־נעמען באהבה, דאָס וועט דאָך אָראָפּנעמען פון דיינע שוואַכע פּלייצעס דעם שווערן יאָך, דער עול פון פּרנסה! דו וועסט זיין באַפרייט פון די דאגות, וועט דאָס זיין פאַר דיין גוף אַ גרויסע הילף! דערמוטיקט פון מיינע רייד, זאָגט ער:

„דו ביסט אפשר גערעכט, יצחקל, איך וועל דיך פאָלגן. איבערהויפּט, אַז דאָס שפּיטאָל איז אַזוי נאָענט פון דיר, ס'איז דאָך נאָר עטלעכע גאַסן, מיר וועלן זיך קענען זען יעדן טאָג!" ער נעמט מיך אַרום, ברודערלעך און גיט מיר אַ קוש אין שטערן.

חיים ווערט אַ שטענדיקער פּאַציענט פון דעם ברוקלינער שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע. ער קומט צו מיר טעגלעך. ער באַקלאָגט זיך נישט אויף זיין נייער „היים", ער האָט געמאַכט שלום מיט זיין גורל. יעדעס מאָל ברענגט ער מיט זיינע נייע אָנגעשריבענע זאַכן, געשריבן מיט אַ ציטערדיקער האַנט, איך שרייב דאָס איבער. נאָך אַ געוויסער צייט לעבנדיק אין שפּיטאָל, הייבט ער אָן שרייבן בילדער פון שפּיטאָל־לעבן פון די קראַנקע צעבויגענע טיפּן, מיט וועלכע ער לעבט אונטער איין דאַך, אונטער דעם נאָמען — „אין טויטן הויז". עס איז כדאי אויך צו פאַרצייכענען „אַ גנבה" וואָס האָט אים גע־טראָפן, און וואָס איז געבליבן ביי מיר, עד היום, פּשוט אַ מיסטעריע.

אין משך פון עטלעכע חדשים צייט, האָט זיך געהאַט ביי אים אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל בילדער פון „אין טויטן הויז" — ווי ער האָט דאָס אַ נאָמען גע־געבן. איך בין געקומען צו אים מיט דעם באַשלוס, אַלץ איבערצושרייבן, פון זיין העפטל אַרויס. אַ דערשלאָגענער, דערציילט ער מיר — אַז מען האָט שוין ווידער אים דאָס העפטל אַרויסגענומען פון זיין שופלאַד, נעבען זיין בעט. ער זאָגט מיר — „ווידער" — ווייל דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל וואָס מען נעמט אים אַרויס דאָס העפטל, ער איז זייער פאַרביטערט:

„יצחקל — זאָגט ער מיר — אַ העלפט פון דער זאַך האָט עמיץ ביי מיר צוגעגנבעט! מען האָט מיר קאַליע געמאַכט אַ ווערקל. יענער וועט דאָך צוי־מאָל דאָס געשריבענע נישט קענען איבערלייענען. איך האָב געוואָלט איבער־לאָזן בילדער, פון מיין טרויעריקן לעבן פון „אין טויטן הויז" — דאָס איז

מיר אויך נישט געווען באַשערט. איך וועל דאָס שוין מער נישט קענען אָנ־שרייבן.״

צוליב וועלכן צוועק מען האָט ביי אים דאָס העפטל אַרויסגעגנבעט, קען איך עד היום נישט פאַרשטיין.

נאָך עטלעכע יאָר צייט האָט מען אים נישט דערלויבט מער אַרויסצוגייך פון די שפּיטאָל־טויערן. זיין פיזישער צושטאַנד האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט... פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין רעגעלמעסיק קומען צו אים אין שפּיטאָל אַריין. איך האָב אים געטרייסט: אַז דאָס פאַרווערן אים אַרויסצוגייך פון שפּיטאָל איז נאָר אפשר אויף אַ קורצער צייט. אָבער חיים איז פעסימיס־טיש וועגן דעם, ער פאַרשטייט, אַז זיין פיזישער מצב האָט זיך פאַרערגערט. זאָגט ער צו מיר:

„יצחקל — אַזוי איז מיין גורל, איך וועל נישט זינדיקן. אָבי איך מעג אַרומשפּאַצירן דאָ אין דעם שיינעם גערטנדל! (עס איז געווען זומער־צייט) — דאָס איז דאָך אויך אַ וועלט מיט „מענטשן״, מ׳שטיינס געזאָגט! זיי זיינען דאָך איצט מיינע העלדן, ווי אין דאַנטעס „אינפערנאָ״. זיי שפּילן דאָ אויס זייער אומגליקלעך לעבן, פאַר מיין בוך „אין טויטן הויז״, זיי זיינען דאָך איצט דער מאַטעריאַל פאַר מיין בוך! — אָבער וואָס וועט ווערן פון דעם וואָס איך שאַף דאָ? וועל איך דאָס נאָך זען געדרוקט?...״

זיין הויכער שטערן נעמט זיך קאָרטשען מיט טיפע פאַלדן, ווי ביי אַ זקן. איך טרייסט אים:

— זיי רואיק, חיים, האָב בטחון און שאַף! דו וועסט מיט גאָטס הילף נאָך ווערן געזונט, שרייבן און דרוקן!

הלואי — זאָגט ער. ער קוקט אויף מיר מיט ברודערלעכן צוטרוי, איך לייען פון זיינע אויגן אַרויס זיין שטומען פאַרלאַנג.

פון יאָר צו יאָר ווערט זיין לאַגע קריטישער. זיין גוף ווערט איינגע־בויגענער, זיינע הענט ווערן מאַכטלאָז זיך אַליין צו שפּייזן, מען מוז פשוט אים שוין לייגן דעם לעפל מיטן געקעכץ אין מויל אַריין. אָבער דער מוח איז ביי אים שאַרף און קלאָר. איך ברענג אים ביכער, ער לייענט אַ סך, געזונטע קריטישע מיינונגען האָבן אַרויסגעבליצט פון זיין מויל ביים לייענען, כאָטש זיין אויסגעצערטער גוף האָט זיך שוין געקרישלט...

בעת איך פלעג זיצן ביי אים, פלעגט זיך איינקריצן טיף אין מיר זיין פאַרענדערונג: זיין פּנים איז געוואָרן אויסגעצויגן מאָגער און לאַנג, פון זיינע גרויסע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ וועלט מיט צער. זיינע לאַנגע ברעמען זיינען נאָך נישט געווען גרוי און האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבער די אומעטיקע אויגן, די האָר — צעשויבערט. דער הויכער שטערן האָט זיך געקאָרטשעט מיט פאַלדן, ווי ביי אַ הונדערט־יאָריקן זקן, פאַרוואַנדלט אים אין אַ נביאישן

אויסזען. אָפט האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז אין בעט זיצט דאָס קראַנק־צעבראָ־כענע געשטאַלט פון היינריך היינע. דעןביידנס גורל איז געווען דער זעלבער: היינריך היינע האָט געליבט אַ מיידל און געזונגען צו איר וואונדער־ראָמאַנסן אויפן „מאטראצן־קבר", געטרוימט און געוויינט, פאַר זיין נישט דערגרייכט גליק, ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. חיים קרולס גורל איז אויך געווען אַזאַ: אויך ער האָט געזונגען וואונדערלעכע לידער צו זיין חיה שרהן, צו זיין נישט דערפילטער ליבע, אויך זיין פּאָעטיש האַרץ איז פאַרברענט געוואָרן אויפן מזבח פון אַ ריינער פאַרגעטערדיקער ליבע.

ווי הייליק חיים קרול האָט דאָס מיידל געליבט איז אַ טאָפּלטער באַווייז פאַר מיר — וואָס עטלעכע חדשים פאַר זיין שיידן זיך מיט דער וועלט, פלוצלינג גיט ער מיך אַ פרעג, צי איך האָב נישט חיה שרהס אַדרעס, ער וויל איר שרייבן אַ בריוו (ליידער האָב איך איר אַדרעס קיינמאָל נישט געהאַט) — דאָס וועלן שרייבן צו חיה שרהן אַ בריוו אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ מיזעראַ־בעלען צושטאַנד, -- דאָס האָט טאָפּלט פאַרשטאַרקט מיין זיכערקייט, אַז דער אומגליקלעכער פּאָעט ליבט נאָך דאָס פייען־מיידל, אַז דער נאָמען חיה שרה איז געבליבן זיין צויבערוועלט, אין וועלכער זיין בליענדיקע יוגנט איז מיט גאָלדענע פעדים דאָרטן אַריינגעוועבט! דאָרטן אין זיין אויסגעטרוימטן וועלטל לעבט נאָך דער פּאָעט מיט אַלע זיינע ליבעס־טרוימען! דאָרטן, אין די שטילע לבנה־נעכט — זינגט ער נאָך צו איר, — צו זיין חיה שרהן — די לבנהדיקע ליבעס־לידער.

קיין סמנים פון כעס צו דעם מיידל האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט טאַקע אין אַ שמועס מיט מיר וועגן דעם מיידל צו מיר געזאָגט:

„כאָטש זי האָט מיך פאַרלאָזן, און פאַרגעסן, די וועמען איך האָב דער־הויבן, פאַרגעטערט, אין מיינע לידער איר נאָמען פאַראייביקט! ווייס זי דען נישט וואו איך געפין זיך? ווי מיין צוקונפט זעט אויס?... זי ווייסט, יצחקל, זי ווייסט ווי מיין לאַגע זעט אויס... איך ווייס אַז זי פילט זיך שולדיק... איך פיל דאָס, זי איז דאָך אַ מענטש פונקט ווי איך, מיט אַ האַרץ... איך בין איר מוחל פאַר אירע שווערע זינד... און גאָט זאָל איר אויך מוחל זיין."

פון זיינע הייליקע ווערטער וועגן איר, האָט אויפגעלויכטן פאַר מיר זיינס אַ ליד, וועגן איר אומטריישאַפט:

„כ'האָב מיין שטאָלץ
אַ מלכותדיקן
צו דיינע פיס געלייגט
אָנשטאָט אים צו באַהאַלטן אין האַרץ
האָסטו אים — געטרעטן."

עס זיינען געווען טעג ווען חיימס בטחון איז געווען גוט צו אים, איז זיין שטימונג אויך געווען אַ בעסערע. עס זיינען אָבער געווען אויך צייטן וואָס דער שפּיטאָל־לעבן האָט אין אים אַריינגעבלאָזן אַ טויטלעכן פּעסעמיזם. מיטן ערשטן בליק האָב איך דאָס באַלד דערקענט אויף זיין אויסגעבלייכטן פּנים, ער האָט דאָס קיינמאָל נישט פאַר מיר פאַרבאָרגן. צייטנווייז האָבן מיינע ווערטער געווירקט אויף אים צום גוטן. עס זיינען אָבער געווען טעג וואָס ער האָט פּשוט דערוואַרט דעם טויט, אַלס זיין באַפרייער. ער פלעגט זאָגן צו מיר:

„איך בין שוין מיד, יצחקל, מיד...״

אין אַזעלכע מרה־שחורה־געדאַנקען פלעגט ער אַריינפאַלן אין די ווינ־טער־טעג. דאָס מאָנאָטאָנע שפּיטאָל־לעבן, די אויסגעלאָשענע קראַנקע פּנימער אין די בעטן אַרום — האָבן צעשטערט אַלע זיינע שוואַכע אילוזיעס וואָס האָבן נאָך אין אים געפלעמלט. אין די זומער־טעג, ווען די זון האָט גע־שיינט, די ביימער אין שפּיטאָל־גאָרטן האָבן געגרינט, די בלומען האָבן גע־בליט, דאָס האָט אויפגעלעבט אַ ביסל זיין שטימונג. מיר פלעגן זיצן אין שפּיטאָל־גאָרטן, אַקעגן די בלומען־בייטן און לייענען פּאָעזיע. לייענען פּאָ־עזיע איז געווען פאַר זיין נשמה, ווי אַ פרישער טרונק קוואַל־וואַסער פאַר אַ מידן וואַנדערער אין אַ זאַמדיקן מדבר. אָפט פלעג איך מיט אים רעדן וועגן זיינע לידער. ביי אַזאַ געשפּרעך פלעגט ער תמיד דערמאָנען די לידער צו חיה שרהן. אַזעלכע שמועסן זיינען צווישן אונדז פאַרגעקומען ווען זיין לשון איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן געליימט, זיין גוף האָט זיך נאָר געבויגן ווי אַן איינגעטרוקנטער בוים. דעם לשון האָט ער אָבער נאָך, אַ שוואַכן, פאַרמאָגט, ער האָט נאָך געהאַט די מעגלעכקייט מיר אַרויסהעלפן זיין צע־בראָכענעם כתב איבערלייענען, כדי דאָס איבערצושרייבן.

עס זיינען אויך געווען טעג ביי אים פון חשבון־הנפש: צוויי גרויסע נשמות האָבן זיך געראַנגלט אין זיין האַרץ — די ראָמאַנטישע נשמה פון אַ גרויסן ליריקער, און די געליייטערטע נשמה פון אַ צדיק אַ נזיר. ביידע נשמות האָבן זיך תמיד געראַנגלט אין זיין קראַנקן גוף. די נשמה פון דעם פּאָעט — האָט געלעכצט כאָטש אַ טראָפּנדל וויין נאָך פון דעם לעבנס־כוס צו גע־ניסן... נאָר דער כוח פון דעם נזיר האָט תמיד דעם יצר זיינעם אין אים גובר געווען; ער האָט געהיטן זיין יעדן טראָט, ער זאָל חלילה נישט ווערן געשטרויכלט פון מענטשלעכן זינדיקן לעבן...

חיים האָט געפילט און פאַרשטאַנען דעם גרויסן פּרייז, וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר דער ריינער ליבע צו דעם מיידל „חיה שרהן״. מאַכט זיך — איך זיץ ביי אים, נעבן בעט. חיים זיצט אין בעט, אָפן ליגט פאַר אים דאָס בוך „אַרום זיך״ — ער לייענט די לידער צו חיה שרהן — (ווען האָט ער זיי

נישט געלייענט?) ער מישט די בלעטער, זיין ציטערדיקע האַנט בלייבט ליגן אויף אַ ליד: „לייען, זאָגט ער צו מיר — לייען!" לייען איך:

„דו ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן,
ווי רמב״ם אַריסטאָטלעסן —
אויב דו האָסט דיין גוף
אַרומגעוועבט מיט שפינוועב,
און נישט צוגעלאָזן צו זיך
דאָס נאַקעטע לייב פון אַ ווייב,
און דו האָסט נישט געשיכורט
פון לעבנס־ברונעם."

זיין ציטערדיקע האַנט בלייבט ליגן אויף נאָך אַ ליד, ווי אַ פלאַטערדי־קער פויגל וואָלט זיך געראַנגלט אונטער איר — האַלט ער דאָס ליד צו, עס זאָל חלילה אים נישט אונטער די הענט אַוועקפליען. — „לייען" — שטאַמלט ער. לייען איך פאַר אים:

„כ׳ווין ווי אַ טויב
אויפן בית־המקדש
וואָס איז אַמאָל אין מיר
חרוב געוואָרן."

דער דיכטער אַליין קלאָגט, מיט חרטה, אויף זיין גורל: וואָס זיין בלי־ענדיק לעבן איז אפשר געוואָרן באַשטראָפט, פון דער שטרענגער מוטער־נאַטור זיין גוף זאָל וויאַנען פאַר דער צייט, פאַר זיין נזירות, פאַר זיין הע־ראָאישן אָפּשטויסן פון זיך די גרויסע מתנה פון גאָט — דעם גענוס פון לעבן... זיין האַרץ בלייבט אָבער ריין, צו מענטש און גאָט! — ער איז מוחל איר — חייה שרהן. גאָט אַליין אויך! זינגט ער טאַקע:

„און דאָך — האָב איך נישט קיין תרעומות צו גאָט
און כ׳וואַך צו די אויגן —
איך בין מקבל
אַלע שטראָפונגען פון אים."

חיים האָט דערפילט אַז די טעג זיינען שוין געציילטע: ער האָט מיט מיר וועגן דעם סוף אדם, באַוואוסטזיניק גערעדט, ווי ער וואָלט זיך גרייט גע־מאַכט אין אַ העכערער וועלט אַריין. זיין פנים איז געווען רואיק, סטאָאיש, בעת ער האָט גערעדט וועגן דעם, קיין שרעק האָב איך אין זיינע אויגן נישט באַמערקט. די ווערטער זיינען אַרויס פון זיין געליימטער צונג צעבראָכענע. ער זאָגט צו מיר:

„יצחקל, דיר מוז זיך אפשר דאַכטן אַז איך שרעק מיך פאַרן טויט? — זאָג איך דיר באמת — אַז נישט! וואָס קענען מיר, אומגליקלעכע, פאַר־

קריפלטע, פון מיין סגאל, דערוואַרטן? — אַ נס אפשר? — גיי שוין, גיי — די ישועה פאַר אַזעלכע קראַנקע פון מיין סגאל, איז נאָר ביי גאָט, אָדער, אין דער מאַכט פון טויט!"

הערנדיק די פעסימיסטיש-טויטלעכע ווערטער פון זיין שטאַמלדיקן מויל אַרויס, בין איך געבליבן אַ פאַרשטיינערטער זיצן. אין מיין מוח זיינען געלאָפן גערדאַנקען-פלעמלעך, ווערטער אים, נאָך דערווייל אַרויסצוראַטעווען פון דעם טויטלעכן נעץ וואָס האָט זיך שוין אין זיין אינערלעכער וועלט אויסגעוועבט. מיין צונג איז אָבער געבליבן ווי געליימט, מיין מויל פאַרהאַקט. ביים אַוועקגיין — איז זיין ציטערדיקע האַנט אַריינגעפאַלן אין מיינער, ווי אַ דאַר, אויסגעטריקנט צווייגל, וואָס דער האַרבסט-ווינט האָט עס אַראָפגעבראָכן פון בוים. זיינע בלויע ליפן האָבן נאָר געשעפּטשעט צו מיר:

„ווען זעען מיר זיך, יצחקל?"

די לעצטע חדשים, איידער חיים קרול האָט אויסגעהויכט זיין אין יסורים — געלייטערטע נשמה, פלעגט ער באַקומען אָפט קאַנוואולסיעס. עטלעכע מאָל האָב איך דאָס צעפאַלן ווערן פון זיין פאַרפייניקטן גוף צוגעזען, שטייענדיק ביי זיין בעט. דער צער און רחמנות האָט זיך געטראָגן פון זיין צעבראָכענעם גוף צו אַלע זיבן הימלען, מיט אַ געבעט, אויסצולייזן אים, דעם אומגליקלעך-געפייניקטן פאַעט פון יסורים. איך האָב דערזען אַז זיין אויסגעדאַרט לענגלעך פנים האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ טויט-מאַסקע — געל און אויסגעלאָשן, פון זיינע גרויסע טריבע אויגן האָט שוין אַרויסגעקוקט דער שטאַרנדיקער אייז-קאַלטער טויט. איינמאָל, נאָך אַזאַ קאַנוואולסיע — ווען ער האָט זיך „באַרואיקט" — האָט ער קוים, מיט ציטערדיקע ליפּן צו מיר גערעדט, דאָס קול זיינס איז געווען הייזעריק, די ווערטער אָפגעהאַקטע, צעבראָכענע:

„יצחקל, ביי דיר זיינען אַלע מיינע כתבים, נאָך נישט געדרוקטע — איך גיב זיי איבער אין דיינע הענט, איך ווייס אַז ביי דיר וועלן זיי נישט גיין פאַרלוירן."

ער קוקט אויף מיר מיט שטאַרע, פאַרלאָשענע אויגן און נעמט ווידער שטאַמלען צו מיר מיט ציטערדיקע ווערטער, איך מוז אָנשטרענגען שאַרף מיין געהער כדי צו פאַרשטיין וואָס זיין וואונטש איז צו מיר:

„יצחקל — זאָגט ער — מיר זיינען דערוואַקסענע מענטשן, מעגן מיר רעדן וועגן דעם, יאָ, מיר מעגן: דו האָסט מיר אַנומלטן געזאָגט, אַז דו קויפסט דיר אַ פאַמיליע-קרקע, האָסטו שוין דאָס געקויפט?"

— יאָ — שוין געקויפט — איז מיין ענטפער צו אים. מירביידע בלייבן שטיל, מיר קוקן זיך ביידע שטום אין די אויגן אַריין, אונדזערע אויגן רעדן שטום... מיר שוויגן, אָבער דאָס טראַגישע שוויגן שרייט צו די הימלען:

גאָט, גאָט — ווי גרויזאַם און שרעקלעך דו באַשטראָפסט דעם צדיק וואָס פאַרדינט נישט דיין שטראָף!

ווען איך בין אַרויס פון שפּיטאָל האָבן זיינע רייד מיך באַגלייט און געפּליסטערט אין מיינע אויערן: „מען מעג רעדן וועגן טויט... מען מעג"... ווי אַ טויטן־מאַסקע האָט זיין געלבלעך פּנים געשוועבט פאַר מיי־נע אויגן, די בלויע ליפּן האָבן זיך באַוואויגן ווי זיי וואָלטן געמורמלט: „מען מעג..."

***

מיט פולע קלאָרע געדאַנקען איז זיך לעצטער וואונטש געווען:

„ווען די זון וועט זיך אויסלעשן איבער מיר, אויף אייביק, זאָל מען אויף דער מצבה מיינער אויסקריצן, דאָס דאָזיקע ליד מיינס:

„ברעט —
מיין איינציק ברעט,
אויף וועלכן מיין גוף וועט אַמאָל רוען,
און מיט דיר ביינאַנד
אין דער אייביקייט פאַרגיין.
דו מוזט איצט בליען ווי איך,
אין דיין מאַמען — אַ בוים,
צי דו שפּראָצסט ערשט צווישן דיינע ברידער
אין אַ גרינעם וואַלד.
דו, מיין אייביקייטס שותף,
אונדז ביידע דערוואַרט איין גורל."

איך פּיל, צום סוף, ווי צו פאַרענדיקן מיט די שורות:

אַזוי איז געווען חיים קרולס גורל:
ערשט — אויפגעלויכטן מיט געזאַנגען פון הייליקער ליבע!
און שפּעטער — בלייבן אַנטוישט און פאַראיינזאַמט:
אַ געליימטער, אַ צעבראָכענער, פול מיט צער און יסורים.
צום סוף — ווי די זון פאַרנאַכט — זיך לעשן, צאַנקען,
און — איינשלאָפן, זיך באַהעפטן מיט דער אייביקייט.

1

לידער פון חיים קרול

מיין מאַמעס ווייסער חלום

טאַטע

לויבן

אין דערלייטערונג

ווידמונגען

צו אומבאַקאַנטע

לעכצונגען

פלעקן

צווישן מיינע שטערן

לבנה-לידער

נענטער צו גאָט

מיין מאַמעס ווייסער חלום

אַ שוואַכקייט צו קינדער האָבן
האָט מיין מאַמע געהאַט.
זי האָט זיי אַלע פאַרלוירן
פאַר די דריי־פערטל יאָר.

א

כ׳שוועב צווישן ווייסע, ווייטע הימלען,
אַרום מיר
אַן עדה
יונגע בחורים
און אַלטע זקנים
יונגע כלות
און אַלטע באָבעס.
צווישן זיי
דער פעטער,
רב יחיאל־מאיר —
זיין זכות זאָל אונדז מגין זיין.
און די באָבע ביילקע,
וואָס האָט געטראָגן
אַ טלית קטן ביים לעבן.
און איך פֿלי מיט אַ יונגער כלה;
צעפלאַמט זיינען אונדזערע באַקן.
צעפלעסקעט — אונדזערע האָר.
מיר פליען טויער־איין, טויער־אויס
און אַרום אונדז שאַלט און זינגט:
אסתר־פריידל בת שרה
זאָל געבוירן אַ זון
צו דריי־פערטל־יאָר —
און טאַקע צום לעבן.
און צו דריי־פערטל־יאָר
בין איך געבוירן.

ב

מאַמע.
צוועלף לייבער
האָסטו אָפּגעגעבן צום מענטשלעכן אוניווערס.
שטאָלץ!
שותף פון גאָט!
ווי גאָט — אַזוי אויך דו.
האָסט באַשיינט דאָס מענטשלעכע מין,
באַרייכערט דאָס מענטשלעכע באַפּרוכפּערונג,
און מיט דיין בלוט האָסטו דאָס אַלץ באַוויליקט.

ג

אין ווייטער היים
זע איך אייביק וואַכן מיין מאַמען
איבער אונדזער שטוב: זי גיט אַכטונג
אויפן ביסל אָרעמקייט,
ס'זאָל זיין שלום צווישן מיינע צוויי שוועסטערלעך
מיט מיין אַלטן טאַטן,
אַז ס'זאָל זיי וואויל באַקומען
די פּאָר קאַרטאָפל
מיטן ביסל האָבער-גריץ.

ד

מאַמעשי!
מי דיך פאַר דיין קינד:
ער זאָל נישט פאַרלוירן גיין אין ווייטער וועלט.
ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן פונעם גאָלדענעם קאַלב.
ער זאָל נישט פאַלן ביים בארטן.
און האָבן צו עסן אַ שטיקל ברויט.

ה

פאַר דעם,
וואָס איך האָב נישט קיין הוימלעכע טעג,
האָב איך גוטע נעכט:
עס קומט צו מיר מיין מאַמע, די צנועה,
וואָס האָט איר לייב, ווי חנה,
נישט געוויזן די באַלקנס פון דער שטוב,
און ברענגט מיר טרייסט.

ו

וואָס אַ שעה
ווער איך לויטערער,
און וואָס אַ שעה —
טריבער.
לויטערער —
פון מיין מאַמעס געדעכעניש,
טריבער —
פון מיין לעבן.

ז

אַזוי ווי כ׳פאַרמאַך נאָר מיינע אויגן,
וואַכסטו איבער מיר
און דערציילסט מיר מעשהלעך,
כשרע מאַמע.
ווער נאָך, ווי דו,
האָסט געקענט דערציילן מעשהלעך,
אין יידיש,
כשרע מאַמע?

ח

כ׳וואָלט געהאַט פאַר וועמען
וואָלט איך זיך צעוויינט,
ווי אַ קינד:
רוט מיין מאַמע ווייט פון מיר,
אין פוילנלאַנד,
און גאָט האָט זיך פון מיר
אָפגעטאָן.

טאַטע

א

טאַטע,
כ'בענק נאָך דיין מתנה —
נאָך די פּאָר תפילין מיטן סידורל,
וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבן אויפן וועג;
נאָכן זיידעס רב משה טאָמאַשאָווערס רצועה
פונעם של־יד,
וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן אַ ירושה —
און וואָס כ'האָב אָן זיי פאַרגעסן
און איבערגעלאָזן אויף אַ פּוילישער באַן.
אוי, טאַטע!
ס'בענקט זיך מיר נאָך דיין מתנה.

ב

עס בענקט זיך נאָכן היימישן טייך —
די שטוב איז צוגערוימט
און אויסגעשיט מיט ווייסן זאַמד
לכבוד שבת.
און דער טאַטע זאָל לעבן גייט זיך באָדן.
און ווי אַזוי באָדט ער זיך?
איי, לייגט ער קלאַפּטער:
די באָרד זיינע גליטשט זיך אויפן טייך
און די הענט שניידן דעם פלאַך
און דער קאָפּ קוקט שטאָלץ
מיט צוויי אויגן ווי ראַקעטן,
בעת מעשה אָרום אין טייך.
און נאַרקעס נעמט ער!
ער טונקט זיך אונטער
ווי אַ גאָלדענער שוואַן,
מלכדיק, אונטערן וואַסער.
איי, בענקט זיך נאָכן היימישן טייך.

ג

כ'האָב די נאַכט געוויינט
אויף מיין טאַטנס קניען
און ער האָט מיין פּנים פאַרטוליעט
צווישן זיין באָרד

און מיר טרייסט געמורמלט
אין מיין הארץ אריין.

ד

ווי א שטראלן־שאָם
איז מיין בליק
געווענדט צו מיין טאטן.
ווי א הירשן־יאָג
געשיקט צו מיין טאטן.

ה

כ׳האָב די נאַכט גערוט
אין מיין טאַטנס אָרעמס
און ער האָט מיך פאַרהיט
פון בייז און שלעכטס.

ו

דעק דיין טיש פאַר אָרעמע לייט —
האָט מיר מיין טאַטע געזאָגט.
בין איך פאַרוואָרפן אין דער רייכער וועלט
און בין מיין טאַטנס צוואה נישט מקיים —
כ׳האָב אַליין נישט צו עסן.

ז

שפּילט מיר א חופּה־מאַרש!
לאָמיך דאַכטן, אַז איך ווער אויסגעגעבן
לתורה, לחופּה ולמעשים טובים —
און מיין טאַטע בענטשט מיך
און זיינע טרערן פאַלן אויף מיין קאָפּ.
און א ייד — א מרא־דאתרא
איז מיין מסדר־קידושין.
און איך הייליק מיין כלה. —
נו — שפּילט פידלען!
קלאַפּט טאַצן!

ח

מיט מיין בליק דערגרייך איך ביז פּוילן־לאַנד,
וואו כ׳האָב ס׳טייערסטע פון מיין לעבן:
אַן אַלטן טאַטן. א כשרער ייד —
א פּשוטער בעל־מלאכה,
וואָס וועבט נאָך אויף זיינע אַלטע יאָרן
אונטער א וועב־שטול.

„לויבן"

וי אַ טולפּ
מאַכט זיך אויף —
מאַך אויף
דיין האַרץ פאַר מיר.

חיה שרהן

א

אין יעדן ווערעכל דערזע איך דיין בליק.
אין יעדן ווינטל דערפיל איך דיין גלעט.
אין איטלעכן וואָלקנדל זע איך דיין שיין.
אין איטלעכן רעגנדל פיל איך דיין האַרץ.
אַך, ווי גליקלעך בין איך!

ב

כ'האָב דיך אין דיין הייליקער התגלות,
דיך — דעם לעבן פון מיין זיין —
אויף מיינע ציטערדיקע הענט געטראָגן,
ס'זאָל דער קויט דיך נישט באַרירן.

כ'האָב דיך אין מיין נאַקעט לייכט געטוליעט —
(בלויז מיין מאַמע האָט באַרירט אים) —
כ'האָב אין אָרעמס דיך פאַרבאָרגן —
ס'זאָל דער קויט אויף דיר נישט פאַלן.

כ'האָב דיך אין מיין ברוסט געטראָגן.
אין מיין האַרצן דיך פאַרהוילן.

ג

אין מיין קעגנוואַרט ווערסטו בלייכער
ווי אַ ליליע קעגן דער לבנה.
און עס ציטערן די ליפּן-ווינקלען
פון דיין דופּטיק רויזן-מויל.

עס באַוועגן זיך די מיידל-ברוסטן.
און עס הייבט זיך טיף דיין קדושה-בוזעם.
לייכטע דורכזיכטיקע קטורת-הויכן
ווייען פון דיין אָטעמען צו מיר.

און מיך נעמט אַרום אַ הייליקער, שטילער שווידער.
מיין בחור־האַרץ ווערט אויפגעציטערט,
ווי ס'וואָלט אַ מלאך מיט די פליגל זיינע
איבער מיר געפלאַטערט.

ד

כ'האָב דערזען דיין קלאָרן נאַקן
אויפן ווייסן שניי פון קישן,
וואָס האָט זיך לויכטנדיק געלייטערט,
ווי אַ האַלבע לבנה־קלאָר;

און מיין הייסע בחור־ראיה
איז אין העלן בלענד צערונען,
ווי די זיו־השכינה פּלוצלונג
וואָלט זיך קעגן מיר באַוויזן.

ה

הייליקע,
פרעמד איז מיר
דער צויבער־ציטער
פון אַ פרויען־ליפּ.
פרעמד —
דער כישוף־טרוים
פון אַ פרויען־באַרירונג.

הייליקע.
פרעמד איז מיר
דער קטורת־פלאַם
פון אַ פרויען־מזבח.
פרעמד —
דער שיכרות־דופט
פון אַ פרויען־אָטעם.

הייליקע.
נישט ביי קיינער
וויל איך עס געניסן,
ניין —
נאָר אינעם קדשי־קדשים
פון דיין אומשולד.

ו

יעדן מאָרגן קלאַפּן בלאָע שוואַלבן
אין מיין פענצטער
און ברענגען מיר דיין גרוס.

יעדן מאָרגן קושן יונגע שטראַלן
מיינע שויבן
און ברענגען מיר דיין גרוס.

ז

כ׳האָב געחלומט אין אַ שטיל לאַנד.
און דו — אין בלאָ געוואַנט
האָסט דעם הימל פאַרשלעפערט,
אין דעמערונג-טיול פאַרוויגט דאָס ליכט.
און צו דיינע פיס בין איך געפאַלן,
געאָטעמט דיין דערבאַרמונג-שיין.

ח

כ׳זע דיך.
גייסט אום צווישן דערנער-בייטן
אַ העלע.
נישט דו בליקסט אויף די ריסן-בלוטן
פון דיינע פיס,
און מיט שטראַלנדיקע הענט
צעשיטסטו גאָלד-קערנער.
און אַז כ׳שטרעק צו דיר מיין האַרץ —
פאַרנעם איך:
כ׳פלאַנץ די זון דיר.

ט

אַנטפּלעקט זיך אין דיין שכינה-מאַנטל.
מיין חלום בלויט איצט.
כ׳בין שטראַליק.
ווייז זיך אין דיין כהונה-צירונג.
מיין לייב בעט איצט.
כ׳בין הייליק.
לבנה לויטערט — מיין קאָפּ איז באַטויט,
כ׳בין ראוי.
און טבילה-שטראַלן קושן מיין שטערן.
אַנטפּלעק זיך אין דיין שכינה-מאַנטל.

י

קום, לערן דיך אָפּ ביי דער זון
איר גוטקייט:
ווי זי גלעט און וואַרעמט,
מיט איר מאַמעקייט.
טייערע,
זיי מיר די זון.

יא

די שטיינער לעכצן
נאָך דיין זיידן־טריט.
מיין האַרץ —
נאָך דיינע ווייכע גלעטן.

ווי די גרעזער אין בראַנד
נאָך טוי —
דורשט מיין פּנים
נאָך דיינע שטילע הויכן.

אינדערלייטונג

מיין טרוים —
אַ זילבערנע משוגע,
שלאָגט זיך אָפּ
אָן די שוועלן פון מיין גליק.

א

כ׳גיי אויף מיין וועג
פאַל איך אַמאָל —
שטיי איך צוריק אויף
און צי ווייטער.

ב

ווייטע, ווייטע פעלדער
גריסט מיין דערלייזונג מיר.
שטילע, שטילע ווינטן
בענטש מיין דערלייזונג מיר.
זיסע, זיסע ריחות
זאַלבט מיין דערלייזונג מיר.
גוטע, גוטע בשורות
טרייסט מיין דערלייזונג מיר.

ג

לבנה, לבנה —
באהאלט דיין פנים:
כ'זע מיין הויכקייט בלאנדזשען
אין בלייכן צער —
און איך טראג דא איר הארץ.
לבנה, לבנה —
באלייכט איר וועג;
כ'פיל מיין הויכקייט טרערן
אין שטומען צער
און איך טראג דא איר הארץ.

ד

ס'האט די זון א קרוין געפלאכטן
היינט אין יונגן פעלד.
און נאענט,
אויף וואלקן-פליגלען,
זי צו מיין קאפ געשיקט.
כ'האב אין טרערן דיינע הענט געזוכט,
זאלסט מיך קרוינען.

ה

כ'דערוואַרט א נס.
ס'איז די העכסטע שעה
פון מיטן נאכט.
זע —
ס'לאזן זיך אראפ די הימלען
נאענט צו די דעכער.
ס'איז די הייליקסטע מינוט
פון אנטפלעקן.

ו

כ'האב געבעטן צו די בלומען —
צו די שוועסטער דיינע,
און געפייכט צו מיר
האבן דיינע אויגן.

ז

כ'גיי אויף די וועגן
וואו דו האסט געטרעטן,
אין פעסטן בטחון

אז כ׳וועל דיך באַגעגענען.
כ׳גרים אַלע ביימער,
וואָס האָבן געשאָטנט
איבער דיין בליק.
כ׳קוש אַלע שטיינער
וואָס האָבן געבליקט
דיר אויף די פּיס.
כ׳טרער —
ס׳העלט מיר דער אָוונט:
כ׳זע דיינע אויגן
פייכטן צו מיר.

ח

ווי מיין מאַמעס ווייסע הענט
וואָלטן מיינע אויגן צוגעלענט
און מיט זייער העל געזאַנג
מיך איינגעלולעט —
זינק איך אויפן שטיין
וואו דו פלעגסט רוען.

ט

ס׳ווערט אַלץ אַזוי גוט.
ס׳איז אַלץ אַזוי מילד.
מאַמעס היטן זייער מילעך.
קינדער ליובן זייער געבורט.
ייִדעס בענטשן זייער עלטער.
בלינדע דאַנקען זייער גורל —
ווען דו נעמסט לייכטן אין מיין טאָג.
איז אַלץ אַזוי גוט.
ס׳קושט די זון שלאַנג און טויב.
ס׳האַלזט דער טוי דאָרן און בלום.
ס׳רוט אַ פרייד אויף שטיין און האַרץ.
ס׳לאַכט דאָס גליק פון אויג און נאַכט —
ווען דו נעמסט לייכטן אין מיין טאָג.

י

ביסט אין העלע קליידער,
אין בלייכע זאָרג
געקומען מיר אַקעגן
אין מיין יאוש־נאַכט —

אין מיין בלינדן בלאָנדזשען.
שטום, שטיל אויף מיין אַקסל
האָסטו דיין קאָפּ אָנגעלענט.
און שטום, שטיל צו דער ערד
זיינען מיינע טרערן געגרונען.

יא

פאַר מיין בעט שפּרייטן זיך הימלען
אין רעגנבויגנס געגאַרטלט
און הילן איין מיך אין נזירות.
און דאַן —
אַלץ מער באַשאַפ איך הימלען,
וואָס שפּרייטן זיך אויף וועלטן פאַרגאַנגענע.
און איך אין מיין נזירות
שטייגן
איבער הימלען,
איבער וועלטן.

יב

פּילסט נישט מיינע שפּיצן פינגער,
זיי באַרירן דיינע האָר —
כ'שטרעק די הענט צו דיר.
פּילסט נישט מיינע קילע ליפּן,
זיי פּרעסן דיין שטערן —
כ'אָטעם אָפּט צו דיר.

יג

אין דיין מאַנטל — אַז כ'היל זיך:
ווערט אַלץ געהיילט.
אַלץ גענעזן.
אַ רפואה שפּרייט זיך איבער אַלעם.
און מיין האַרץ גיב איך מיט ליבע אָפּ:
פאַר בלינדע אויגן — אַ שיין.
פאַר טויבע אויערן — אַ בשורה.
פאַר יתומים — אַ טרייסט.
פאַר אַלמנות — אַ האָפענונג.

יד

שטיל שטרעקן זיך מיינע הענט —
כ'לויב אַלץ:
וואָס ס'איז

אוּן, וואָס איז געווען.
אַלץ,
וואָס האָט געהאַלפֿן
מיך געבוירן
אוּן, וואָס האָט נאָר עפּעס
אין מיין דערוואַקסן.
אַלץ !
פֿאַרן גרויסן גליק —
פֿאַר מיין זיין מיט דיר אין איין צייט.

יה

זיי געבענטשט
פֿאַר יעדער רגע גליק
וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
פֿאַר יעדע רגע רו,
וואָס כ׳האָב אין דיין שוים געפונען,
פֿאַר יעדן מאָל
ביי דיין קילן אַלטאַר.
אויפסניי געבוירן ווערן

יו

אַז כ׳קלער פון דיר
ווער איך שטאַלץ מיט מיין געבורט,
אוּן כ׳בענטש די שעה
וואָס כ׳האָב דערצויגן ביז דיר.
אַז כ׳קלער פון דיר,
נעמען די מזלות גיין אַ טאַנץ
אַרום מיין קאָפּ.
אוּן די וועלטן שליסן זיך צוזאַמען
אין אַן אייביקן הימן.

יז

קום
שיץ מיין עתיד :
כ׳זע אים פאַרשאָטנט
אונטער קרעפּע־פליגלען
פון אייביקן חשכות.
קום —
רחמנות.

יח

אויף אַן אָראָפּגעבראָכענעם צווייג
לען איך אַן מיין קאָפּ.
איך באַוויין אונזערע טעג —
די יונגע טויטע בלעטער.

יט

כ׳קוק אַריין אין אונדזערע צוועלף יאָר,
ווי אין אַ שפּיגל:
איך באַוויין אונדזערע טעג —
דאָ זע איך —
פולע טעפּלעך מיט גאָלד
איבער די שטערצלעך.
דאָ זע איך —
פעלזן ראָסטיקע,
שפּיציקע.
ווי אין אַ טייך
שווים איך אַדורך
אונדזערע טעג.

כ

כ׳האָב מיין שטאָלץ
אַ מלכותדיקן
פאַר דיינע פיס געלייגט.
אָנשטאָט אים צו באַהאַלטן אין האַרץ
האָסטו אויף אים געטרעטן.

כא

כ׳בין געווען פאַרהילט אין אַ שלייער,
כמה וכמה יאָרן.
היינט בין איך אויסגעלייטערט
פון מיין טשאַד
און איך זע קלאָר
וועלט און פרוי.

כב

דו טאַנצסט אויף מיינע חורבות —
טאַנץ !
ס׳וועט אַמאָל אויפשיינען
דער שטערן פון מיין פאַרכמאַרעטן אוונט,

װעט מײן טאַנץ זײן
רעשיקער, װילדער.

כג

מסתם האָב איך נישט געטאָרט
מײן שטאָם אין דיר פאַרפלאַנצן —
דאַנק איך און לויב גאָט
װאָס כ׳בין בײגעקומען דעם יצר;
גײ איך אַ ריקוד,
מיט גאָטס גאַרטל,
װאָס די זון ברענגט מיר —
צװיטנס פון איר,
די לעצטע טעג.

כד

און דאָך װעסטו הערן מײן געשרײ,
װאָס טראָגט זיך דורך זיבן בערג
און פאַלט צו דײנע פיס.
און דאָך װעסטו פאַרנעמען מײן געװײן
װאָס שלעכצט דורך זיבן ימען
און װײלט פאַר דײנע פיס.

כה

פרעמד איז דיר מײן מאָרגן־לאַנד
װאו ס׳שײנען זיבן זונען.
פרעמד איז דיר מײן אָװנט־לאַנד,
װאו ס׳לײכטן זיבן לבנות.

כו

שטאָפּ אויף די קװאַלן
פון ליבע און פרײד
אין מיר.
די,
װאָס דו האָסט געמאַכט שלאָפן.
זאָל די ליבע אין מיר שפּרודלען,
װי אַ קלײנער װאַסער־פאַל,
זאָל די פרײד אין מיר זיך גיסן,
װי דאָס זונען־ליכט.

כז

ביסט װערט מען זאָל דיך צעהאַקן,
װי רמב״ם אַריסטאָטלעסן —

אויב דו האָסט דיין גוף
אַרומגעוועבט מיט שפּינוועבס
און נישט צוגעלאָזן צו זיך
דאָס נאַקעטע לייב פון אַ ווייב.
ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן,
ווי רמב״ם אַריסטאָטלעסן —
אויב דו האָסט נישט געשיכורט
פון לעבנס-ברונעם
דעם זאַפט פון זיין —
ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן
ווי רמב״ם אַריסטאָטלעסן.

כח

כ׳האָב היינט אַ נאַכט אַזאַנע —
כ׳האָב אָנגעצונדן אַלע פלעמער —
זאָל עס צוציען אַלע פליגן —
זאָלן זיך אנזענקן די פליגעלעך,
מיך אַרט נישט קיין פליגן.
כ׳האָב היינט אַ נאַכט אַזאַנע:
מיין כלה ווערט צו דער חופה געפירט
מיט אַ לאָרד — אַ פרינץ!
און איך ציר זיך אויס אין זיידנס
און צינד אָן אַלע ליכטער
אין מיין וועלט.

כט

כ׳וויין
ווי אַ טויב
אויפן בית-המקדש
וואָס איז אַמאָל, אין מיר
חרוב געוואָרן.

ל

אונדזערע וועגן זיינען גלייכע
און דאָך צעקרימט —
פרואוו איך שטעלן אויף זיי אַ פוס —
פאַל איך אין שאול-תחתיה אַריין.
פרואוו איך זיך צוריקציען —
זע איך מיין טראַגעדיע:
אַ מאַן פון דרייסיק יאָר

האָט אין זיך מידות
פון אַ קדוש,
צי איך צו דער הייך —
דאָרט געפין איך מיין גאָט.

לא

דיין ליכט-זיין
באַלייכט ס׳גהינום מיר
אין וועלכן איך לעב.
ס׳לעבן האָט מיך אויסגעשפּיגן
אין דאַנטעס „אינפערנאָ״ —
לעב איך אין די יאָמער-טאָלן
פון שרעק און וואַנזין.
לייכט דיין ליכט העכער,
שטאַרקער פון די גיהנום-פלאַמען
און באַלייכט מיר מיין צוקונפט,
וואָס שפּראָצט אין די גרונטן
פון מיין אונטערגאַנג.

לידער־ווידמונגען

פון חיים קרול

י. י. סיגאַל

דוד איגנאַטאָוו

י. ה. ראַדאָשיצקי

ר. ר.

דוד פעפער

צו י. ר.

לידער־ווידמונגען

קלאַפּסטו אָן
אין אַ פריינטס האַרץ,
קלאַפּסטו אינעם היכל
פון גאָט:

י. י. סיגאַלן

א

ס'איז מיר אַזוי גוט
יעצט,
ווי פאַרן טויט —
נאָר נאָענטע צום טויט
מוז זיין אַזוי גוט —
איך הער זיך צו
צו מיין חברס פּיוט,
וואָס ער לייענט
פון שטיקלעך פּאַרמעט.

ב

ווען דו קוקסט אויף דיין קינד,
ברענען צוויי ליכט דיר אין די אויגן,
און איך לעז אין זיי:
ס'זאָל מיר זיין פאַר מיין קינד.
אָרעמער טאַטע,
גאָט האָט דיר געשענקט זיין קרוין
און זי דיר אויף דיין קאָפּ אָנגעטאָן —
ביסטו רייכער,
ווי מיט קורחס אוצרות!
רייכער טאַטע,
נעם צו פאַר אַ שותף
צו דיין פרייד און לייד
מיין אָרעם בחור־האַרץ.

ג

ביי אַן אָרומגעדעקטן טיש
עסן מיר
פון אַ מעוברתדיקן ברויט —

מיר, מלכים־קינדער,
און קוויקן זיך
מיט זיין געווירנטן טעם,
וואָס עטעמט
מיט פראָסטן ריח.

דוד איגנאַטאָוו

ד

היינט זע איך אין דיר דעם דיכטער.
דיין אָשיק פּנים
פאַרהילט מיט עצבות
איז אַן עדות דערפאַר,
און איך בייג מיינע קניען
אין אָפּשיינונג
פון דיין זיבעטן דור,
מיט ערפורכט פאַר דיין גרויסקייט.

ה

גיסט צו פרייד,
ווי אַ גאָלדן שטראַל
אין מיין בלוט,
אַז דו נעמסט אויף מיין ליד
מיט דיין טרויער.

ו

דיין טרויער —
דיין פּערל
איז מיין שטימונג.
איך וויקל זיך אין אים,
ווי אַ שפּין
אין אירע געוועבן,
און איך ליב טיף.

ז

האַסטיק אָטעם איך,
האָפענונג פויזעט אין מיין בלוט:
מיינע קערנער פאַלן
אויף אַ באַפרוכטנדיקן באָדן.

ח

א שטראַלן־נעץ
פאַרכליניעט מיינע אויגן.
איך בין פּיעריק —
איך זינג פֿון אַ דיכטער.

י. ה. ראַדאָשיצקין

ט

האָב איך נישט קיין בגד —
איז וואָס?
האָב איך דאָך אַ חבר
וואָס זינגט
ריינע ליריק.
און ווי ווייסע מעוון־פליגלען
איז ריין זיין הארץ;
און ווי זיין הארץ
זיינען לויטער זיינע לידער.

צו ר. ר.

א

כ׳האָב געמיינט דו קומסט —
פּרינצעסין פון מיין ליד.
זיך איינגעהערט אין יעדן טריט
אויף די טרעפּ,
וואָס שטריקן זיך אונטער מיין טיר,
און אומזיסט,
כ׳האָב דיין פּנים נישט דערזען.

ב

כ׳האָב אין מיין שטיבל
איינער געפּראַוועט יום־טוב,
דעם איינעם שטול
וואָס שטייט דערין
געשטעלט צום טיש
און פאַרבעטן דיין שאָטן,
וואָס שניידט זיך פאַר מיינע אויגן,
אויף צו זיצן.

און דיין שלעף,
האָב איך געפּרעסט צו מיינע ליפּן
און געגאָסן פאַר דיר דאָס ליד־געטראַנק
פון ליפּן־באָקאַל,
אין דראָבנעם קרייז פון דיין פּנים,
און דערפילט האָב איך דיינע שפּיצן־פינגער
אויף מיינע ליפּן.

ג

פאַרלאָז דיין מאַמען
און קום מיט מיר אויפן אינזל פון געזאַנג,
דאָרטן וועל איך זיך אַנטפּלעקן,
כ'וועל זיך פאַר דיר בוקן
און דיר פאַרטרויען אַ וואָרט,
אַ פּערל פון מיין שאַץ:
איך ליב!

ד

כ'האָב דיך פאַר מיר שטיין
און כ'דערצייל דיר פון מיין עלנט,
וואָס איז אַזוי טיף ווי דער ים,
און פון מיין לעבן וואָס איז אַזוי ביטער,
ווי טרערן פון אָפּגענאַרטע כלות,
און דו פאַרזיסט מיין נויט —
איך דערזע טרערן
אין דיינע אויגן.

ה

און עס האָבן אויפגעלויכטן מיינע אויגן.
דער עלנד איז פאַרשוואונדן,
די נויט צערונען.
דו,
ווייסע נשמה האָסט מיך פאַרנומען.

ו

ערשט, נאָך אַזוי פיל יאָרן קענענדיק דיך,
האָב איך דיך היינט דערזען,
דערזען,
מיט פּערל־גלאַנץ אין די אויגן,
און מיט יוגנט־ציטער אין די בריסט.
דיך,

די צוואַנציק־יאָריקע,
איך,
דער אין די דרייסיקער יאָרן.

ז

אייביק ביסטו אַריינגעטאָן אין דיינע ביכער,
קוק איך
פון אַ זייטיקן שפּאַלט,
אַ שיכורער,
אַ זייטיקער פאַר דיר —
נעמסטו נישט אַרויס די אויגן פון דיינע ביכער,
ווער איך ניכטער,
באַפאַלט מיך אַ רייפקייט
צו דיר, גאָלדן קינד.

ח

האָסט אַ שטאָלצן קין
און אַ פּריצהשן פּראָפיל,
פּאַסט דיר צו פאָרן אין אַ קאָטש
מיט זעקס פערד נאָשפּיץ!

ט

אַ טריאומף:
כאָטש דו ביסט נישט געקומען
צו מיר אין דער וואָר —
ביסטו צו מיר געקומען אין חלום,
און כ'האָב פאַר דיר צעשפּרייט
מיינע געפילן —
מיינע דיוואַנען
און דו האָסט זיי באַטראָטן.

י

ביסט צו מיר געקומען,
ווי איך האָב דיר באַוויזן
מיין עשירות:
פּיראַמידן־געהויפטע בערג גאָלד
און ימען צעשפּרייטע טאָלן זילבער
פון מיינע טיפן.

יא

אין דער זעלבער שעה —
צוועלף ביינאַכט:

ווען דיין טאַטע האָט געלעזן מיינע לידער —
ביסטו צו מיר געקומען.
ווי אַ וואונדער-ליכט —
אָט ביסטו ביי מיר געשטאַנען
און אָט ביסטו פאַרשוואונדן.

יב

אויב אַזוי,
פאַרנעם-זשע דעם רוף
פון מיינע נערוון.
ס'געבעט פון מיינע טיפעניש
ווער ס'ליכט פון מיין גוף.

דוד פעפערן

יג

כ'בין געפאָרן צו דיר,
מיט אַזאַ טיפע פרייד.
און,
קומענדיק צו דיר,
האָט מיר אַרומגענומען אַן עלנט,
אַזוי בלייך,
ווי דיינע באַקן.
ווי דיינע הענט.
און טיף איז מיר דער וויי,
ווידער אָטעם פֿון דיינע חלומות.

צו י. ר.

יד

בחור שוין גרויט דיין קאָפּ.
קום, מיט מיין רחמנות וועל איך דיך טוליען.
האָסט אויסגעלעבט דיין יוגנט?
מסתמא ווי איך.
אָבער איך האָב געהאַט דורכזיכטיקע נעכט,
ווי קלאָרע אויגן, ווי לויטערע טעג!
האָסטו זיי כאַטש געהאַט?
קום, מיט מיין רחמנות וועל איך דיך טוליען.

צו אומבאַקאַנטע

1

ווי אַ בין היפּ איך
פון פרויען־פּנים
צו פרויען־פּנים
און כ'זיפּ זיך אָן
מיט שיינקייט.

2

האָסט מיר געשענקט אַ שמייכל
צניעות —
און ליכטיק איז מיר געוואָרן
אין מיינע אברים,
ווי אַ לבנה וואָלט איר בליאַסק
אין מיר פאַרזונקען.

3

דיינע האָר־צעפּלאָשונג געפעלט מיר.
זעסט אוים ווי אַ צעפּלאָשעטע בלום
אין ווינט.
דאָס פאַלן פון דיינע האָר
איבער דיינע אויערן
קוקט אוים
ווי העגגלעך בליעכץ
אויף אַ קאַרשן־בוים.

4

ווי איידל ביסטו,
ווי אַ זוים פון אַ קלאָרן וואָלקן,
ווי אַ שטראַל
פון דער אויפגייענדיקער זון.

5

די געל־בורשטינענע רינגען
אין דיינע אויערן
מאַכן דיך באַחנטער,
דער טיפער אויסשניט
אויף דיין ברוסט

מאַך דיך הייליקער —
ביסט זינדיק און הייליק.

6

ביסט לויטער — אַ פּערל פֿונעם ים.
דורכזיכטיק און קלאָר —
די לבנה אין אַ טייך.
שעמסט זיך —
ביסט טיף, ביסט גוט, ווי מיין מאַמע.
אַ כּלה אונטער דער חופּה.
ביסט אָפֿן —
אַ רויז אויף דער זון,
ביסט שיין —
אַ שטראַל אין אַ בוך.

7

אַזאַ בלום — גאָט, מיין גאָט,
פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַשערט
צו וואַכן איבער איר —
גאָט, מיין גאָט,
אַזאַ בלום.
מיין יונגע יוגנט
האָט זיך אין מיר דערוועקט,
איך וויל זיין אַ יונגער פּאַסטעך
ביי דיינע קניען.
אַ יונגער בן־בחיר
ביי דיינע פֿיס.

8

דו ביסט אַ טאַנצנדיקע בלום.
אין זייד־געוואַנט זעסטו אויס
ווי אַ יונגע שולמית.
דיר פּאַסט צו נעמען אַ קרוג אויפֿן אָרעם
און גיין נאָך וואַסער צום קוואַל —
אין כּישופֿדיקן מזרח.

9

ביסט אַ גאָלדענע מנורה,
וואַרט אויף אַ געטלעכע האַנט דיין גוף,
וואָס זאָל אָנצינדן דאָס ליכט אין דיר.

10

וואונדערדיקע, ווי שיין ביסטו!
ביסט דאָך רובינס געמאָלענע שיקסע,
מיט דיקלעכע פּיס.
דיינע פּיס — גינגאָלדענע עמערס,
וואָס שעפּן לעבעדיק וואַסער
און קילן דעם אָנגעגליטן מאַרך
מיט פאַרגעסעניש.

11

כ׳האָב אַריינגעזויגן פון דיינע שפּיצן פינגער
דאָס הייסע בלוט פון דיין האַרץ,
און דעם קילן שווידער
פון דיינע גלידער.

צו מ. פ.

12

ביסט אַ מיראַקל —
ביסט געשען פון דיינס אַ וואָרט,
דעם שם־הויה ליגט אונטער דיין צונג,
טוסט באַנייען יונגע וועלטן —
מיט דיין שפּרוך
ציסטו אַרוים פון ים דעם פּערל
און לויטערסט אים.
געפינסט דאָס גליק־שטראַלעכל
פון אונדזערע געמיטער.
זוכסט דאָס שיינקייט אָדערל
פון אונדזערע שטרעבונגען.
לייזט אונדז אוים פון אונדזערע זינד,
ביסט אונדז מכפר פאַר אונדזערע עבירות.

13

פראָסטע פון מיין פאָלק
ביסט פשוט ווי זיינע קדושים,
וואָס זיינען געגאַנגען אויפן פייער
מיטן פשוטן וואָרט
אחד.

14

דיין געזאַנג דערמאָנט מיך
אינעם געזאַנג פון מיין בלוט,
אינעם געזאַנג פון אונדזערע לוים —
אַזוי ווייך זינגסטו,
ווייך ווי מיינע לידער
פון מיין ליבע.

15

שטאַרבט אַ קוסט רויזן —
יונגע פאַרוויאַנעטע זונות,
פון אַ גאַנצן זומער געניאָסן
און געגעבן די לייבער אויף הפקר.
שטאַרבן זיי איצט
מיט אַ קוש פון מיינע ליפּן.

די קראָ צום שניי

כּפלי דעם שניי אַנטקעגן —
מיין ווייסע כּלה.
העי, שניי,
דיין נאַקן איז ווייסער
ווי דער שוים פון ים.
קלאָרער פון וואָלקן און זון.
פלי מיר אַקעגן, בלענדיק הארץ —
אין צווייען פליט זיך שטייפער,
רונדער, הייסער.
אָט אַזוי,
נייג דיין האַלדז דיין ווייסן
צו מיין קאָפּ דעם שוואַרצן,
וועל איך דיך פאַרוויגן
אינעם שטילן דרימל,
אינעם שטילן שלאָף.

לעכצונגען

א

פֿאַרשטיי מיך:
גישט מיין שטים רופֿט נאָך בלוט,
מיין שטים איז דאָס קול
פֿון מיינע זיידעס,
וואָס האָבן געליטן
און געשוויגן.
און איך, אַזוי ווי זיי,
די קדושים וטהורים,
וועל לעבן
און שווייגן.

ב

קום,
וועק אויף מיין פֿאַרשלומערטן גוף,
וואָס וועקט זיך צווישן חלום און וואָר.
קום,
ווייז מיר צו גיין אויפֿן וועג פֿון דערוואַכונג.

ג

ביסט ביי מיר אויסגעוואַקסן
אין אַ גרויסער פֿרוי:
ביסט ענלעך צו ראַכל —
געטעס געליבטע.
בעט איך צו גאָט,
זאָלסט זיין נאָענט
צו מיין מאַמען —
דאָס איז אַ וואונדערלעכער זיווג:
ראַכל און מיין מאַמע —
די ליבע און די גוטסקייט,
די צאַרטקייט און די איידלקייט,
די זון און די לבנה.

ד

דער אומעט האָט אַ לייטער —
וואויל איז דעם
וואָס קלעטערט אויף איר.

וואָס איז דער ציל,
אויב נישט טרויער:
טרויער — מיין כלה!
איך ציר זיך מיט דיר,
ווי דער ים-ברעג מיט אַ מושל.

ה

קום, מאַך רייך מיר
מיין אָרעמען טיש:
סאַרווע מיט דיינע הענט
מיין אָרעם-ברויט,
מיט זאַטן זאַלץ.
קום, דעק מיין טיש
מיט דיינע ברכות.

ו

אַז כ׳קוק אין דיר,
אין שיין פון דיין יוגנט,
ווי ווערט מיר דאָן טרויעריק:
דען כ׳זע די עלטער
וואָס וועט דיך פאַרצערן.

אַז כ׳קוק אין דיר,
אין ליכט פון דיינע אויגן,
ווי ווילט זיך דאַן וויינען:
איך זע דעם טויט
וואָס וועט עס פאַרלעשן.

ז

פריינדין.
שוועסטער, נאַכט —
ווי טריי גלעטסטו מיין דערשראָקענעם שטערן,
און ווי גוט הויכסטו אין מיינע אָפענע אויגן.
טרייע, גוטע, מאַמע — — —
ווער האָט עס מיר אין מיין הארץ געפליסטערט.
מאַמעס לעשן זיך די אויגן,
פאַר זייערע קינדערס טרערן,
און וועלטן פאַרגייען פאַר מאַמעס צער —
שוועסטער, שרעקסט זיך נישט פאַר דעם,

וואָס בלאַנדזשעט אין אייביקן בלוט
פון הייליקן געבורט?

ח

ווי אַ נאַקעטער פויגל
טוליע איך זיך צו מיין לייב
און בעט צו דיר.
זע, ווי אָרעם איך בין:
דרויסן ווייעט קיין קעלט,
און מיר איז אַזוי קאַלט.
דרויסן שיינט אַ ליכט,
און מיר איז אַזוי טריב.
זע, ווי אָרעם איך בין.

ט

פאַר מיין בעט שפּרייטן זיך הימלען
אין רעגנבויגנס געגאַרטלט
אין הילן איין מיך אין מיין נזירות.
און דאַן —
אַלץ מער באַשאַף איך הימלען,
וואָס פאַרשפּרייטן זיך אויף וועלטן פאַרבאַרגענע.
און איך אין מיין נזירות —
שטייגן
איבער הימלען,
איבער וועלטן.

י

ווער איך אומרואיק —
לאָז איך אַרויס מיינע ווייסע טויבן,
פון מיין פאַרזיגלטן טורעם,
אויף דער דערשראָקענער וועלט.
שוועבן זיי אין בהלהשע זיג־זאַגן
און קומען צוריק מיט לאָמע פליגל.

פלעקן

מיין טראַגיש, יונג־פאַרשטאָרבענעם
חבר דוד זיטמאַן

א

לעבן,
דו האַרטער פעלז!
צעמאַלסט אונטער דיינע פיס
וועלטן.
צעשטויבסט אונטער דיינע קנעכל
דורות.
פאַלן און פאַרגייען אייביקייטן
און דו בליקסט איבער אַלעם.

ב

הימלען, גנענט צו מיר,
כ׳בין שוואַך און מיד,
מיינע הענט פאַלן.
הימלען, הילט מיך איין,
כ׳בין נאַקעט,
מיין נשמה שווידערט.
הימלען לייכט מיר,
סציטערט מיין ברעם,
מיין אויג איז טרוקן.

ג

איז דיר באַקאַנט די שעה:
אַלע צייט־ווייזערס שטעלן זיך אָפּ.
אַלע וועלטן לעשן זיך אויס.
אַלע הימלען וויקלען זיך איין —
ווען גאָט נעמט באַקלאָגן די נשמות
פון נישט געבוירענע קינדער?

ד

כ׳בין יונג אַלט געוואָרן.
און קאָן די נאַכט אירע אויגן אויף מיין ברוסט
אויסוויינען —
אַרט מיך נישט.
און מעג דער טאָג זיינע ברעמען אייביק האַלטן
פאַרשלאָסן —

אַרט מיך נישט.
כ׳ליג אָן גליד־באַוועגונג
און וועב די גראָקייט פון מיין עלטער.

ה

איידער כ׳וועל דעם אומבאַוואוסטן אל אָפּגעבן מיין
נשמה

וואָלט איך מיר אויסבעטן:
ער זאָל מיר די נשמה
פאַרברענען אויף אַש,
און דעם אַש־שטויב וואַרפן
ביי יעדן אויפגאַנג
אויף די פלאַכן פון ים.
נאָר נישט הייסן זאָל איך
ביי מיין פאָלק טיטוס הרשע.

ו

האָסט אָנגעצונדן מיינע וועלטן —
פלאַקערן מיינע הימלען,
בין איך צווישן זיי
אַן אייביקער סנה.

ז

שטיל,
ווי אויף דעכער פון הייזער הויכע
איז מיין מלכות.
אין שטילקייט קלייד איך זיך אָן.
מיין קרוין איז שטילקייט.
מיין סצעפּטער איז שטילקייט.
מיין טראָן איז שטילקייט.

ח

זיינען אַזוי שווער די ברעמען מיר,
ווי אומבאַקאַנטע נעכט וואָלטן אויף זיי געהאַנגען,
לאָז איך זיי פאַלן אויף די וועלטן —
אויף די לעשנדיקע פון מיין זעל,
נעם איך זינקען אין אומבאַוואוסטעניש
פון אַן אַ מאָרגן און אָן אַ נעכטן.

צווישן מיינע שטערן

א

דער קלאָרער, ווייסער לייב
פון אַ נאַקעטן עפּל
ווערט באַלד געעלטערט.
מיין טאָג —
ביים ערשטן ליכט —
געטויט.

ב

נישט דו ביסט שולדיק,
נישט קיינער,
ווען כ'בין געבוירן אין אַ ליידנדיקער שעה.
געפאַלן אין אַ ליידנדיקע וועלט.
געוויגט אין אַ ליידנדיקע וויג.
נישט קיינער איז שולדיק
און אויך נישט דו!

ג

נעכט מיינע וואו זענט איר?
נאָר שאָטנס בלאַסע
געפין איך אייערע.
נעכט פון מיין גרויסער ליבע!
ווען גאָט האָט אין אייך געאָטעמט
מיט פייער.

נעכט פון מיין גרויסער ליבע!
ווען די ערד האָט איר ברוסט
צום הימל דערלאַנגט.

נעכט פון מיין גרויסער ליבע!
ווען כ'האָב זיך דערפילט
אין פלאַמען-מאַנטל פון גאָט!

נעכט פון מיין גרויסער ליבע!
ווען מיינע וועלטן האָבן זיך צונויפגעגאָסן
אין אַן אייביקן הימן.

נעכט פון מיין גרויסער ליבע!

ד

אפשר בין איך נישט גערעכט?
אפשר זינדיק איך,
וואָס איך דערצייל נאָר פון מיינע פיר איילן —
ווי ליב איך האָב זיך?
איך רעד נאָר פון מיין געמיט,
און זייטיקע שרעקן
ווינען מיר פרעמד.
און אפשר בין איך אויך נישט שולדיק:
ציט זיך דאָך א שנור פון אַלע גרווילן,
פאַרצערט דאָך מיך יעדער דאָרן-שניט.
פייניקט דאָך מיך יעדער ווערעמל-אומקום.
בלוטיק איך דאָך מיט יעדן בלוט-טראָפּן.

ה

איך טאַפּ מיט בלינדע אויגן
און צעבלוטע פינגער
אין מיין וועלט.
ניין:
איך בלאָנדזשע אויף פרעמדע שטערן!
איך וויים נישט:
אינעם העלסטן טאָג
ווערט מיר טונקל.
אין דער פריילעכסטער מינוט —
פלוצלונג טרויעריק.
איך וויים נישט:
טיילמאָל בין איך א טאַנצנדיקער שטראַל.
טיילמאָל ווער איך א צופאַלנדיקע נאַכט.
איך וויים נישט:
איך טאַפּ מיט בלינדע אויגן,
מיט צעבלוטע פינגער
אין מיין וועלט —
ניין:
איך בלאָנדזשע אויף פרעמדע שטערן!

ו

יעדן מאָרגן פיל איך טויט,
די אייביקייט, דעם גורל.

איך זע פאַר זיך געגראָבן אַ פריש גרוב —
צו פאַרגעסן מיך . . .
און נישט עם קומען יוגנט־פריינד :
טרוים און גלויבן —
מיך טרייסטן.
יעדן מאָרגן פיל איך יאוש,
די אייביקייט, דער שיקזאַל :
כ׳זע זיך עלנט־נאַקעט.
פיין־שווער שטיקט דאָס ליכט.
און נישט ס׳קומען יוגנט־פריינד :
ליבע ! טרערן !
טרייסט.

ז

וואו איז מיין דערלייזונג ?
ווער טראָגט זי מיר ?
וואו, אויף וועלכע פליגלען
שוועבט זי ?

וואוהין מיינע הענט אויסשטרעקן —
זי צו דערלאַנגען ?
וואוהין מיינע בליקן ווענדן,
זי צו דערבליקן ?
וואו איז מיין דערלייזונג ? !

מזרח,
דו, ליכט־בשורה־ברענגער :
היל מיך איין אין מאָרגן־טיול
פון דיין דערוואַכונג־בעט !

מערב,
דו, רויזן־טרוימער־שפינער —
פאַרבאָרג מיך אין די מנוחה־פאַלבן
פון דיין פורפור־מאַנטל !
וואו איז מיין דערלייזונג ? . . .

לבנה-לידער

דיכטונג

איז אַ שוואַנען-מלכה
אויף אַ לויטערן טייך.

א

די לבנה איז ארוים, ווי אַ זילבערנע הירשין.
גלאַט פאַרקעמט דעם קאָפּ,
אויפן שטילן הימל.
און אונטן, אויף דער ערד,
האָט געווימלט און גערעשט.
און נישט קיינער האָט געוואָרפן אַ בליק
צו דער זילבערנער הירשין איבער אונדז.

ב

שפּיגלט די לבנה אָפּ מיין פענצטער אין דער וואַנט:
אַ קליינער אריינגאַנג אין קדשי-קדשים,
טו איך אוים מיינע שיך
און פּרואוו שטעלן אַ פוס —
ווער איך נסתלק:
די שכינה שפּאַצירט
אין איר קליינעם היכל.

ג

לעשט זיך אַ לבנה-כוואַליע
אויף מיין איבערבעט,
מיט איר — דאָס בלוט אין מיינע אָדערן.
מיטן אָטעם פון דער לבנה וואַך איך אויף,
מיט איר פאַרגיין —
גיי איך אונטער.

ד

די לבנה שפּאַצירט
אויף מיינע ווענט
און סדרט אוים
זילבערנע טרעפּלעך
אין הימל אריין.
די לבנה,
ווי פון טבילה
אַ ווייס-געהילטע כלה

מאכט שטילע טריטלעך,
אין זילבערנע לעטשלעך
איבער מיין גאַס.

ה

איך קוק צו דער לבנה
און איך וואונדער זיך.
דיין פנים — ענלעך צו מיין מיידלס,
און פאַרוואָס ביסטו אַזאַ גוטע? —
בליקסט צו מיר אַ פולע נאַכט,
מיט דיינע לאַנגע פינגער
ווישסטו אוים מיינע אויגן,
נישט ווי מיין מיידל —
זי איז אַ שלעכטע...

נעענטער צו גאָט

א

ס׳גייט אויף אַ ליכט
אין מיין היכל:
כ׳פיל זיך נעענטער צו גאָט
און זיינע מעשים.

אָט, טראָג איך געפילן פון אַ מיידל,
וואָס כ׳קען נישט,
נאָר זי פלאַטערט בלויז
אין מיין טרוים,
ווי שוואַנען-פליגל!

ס׳גייט אויף אַ ליכט
אין מיין היכל:
כ׳פיל זיך נעענטער צו גאָט
און זיינע מעשים.

ב

גרויסער גאָט! —
מאַך ליכטיק מיינע אויגן,
לאָמיר דערזען דעם קוואַל

פון וואַנען דיין חכמה שטראַמט,
לאָז מיך מיינע אויגן אויסוואַשן
אין די טראָפּעלעך ליכט
פון דיין גענאָד!

ג

גרויסער גאָט,
וואָס בין איך? —
אַ זעמדל אין אַ שטויב-זייל,
געהויבן פון אַ ווירבל!
טאָ האָב אויף מיר רחמנות —
כ׳זאָל נישט פאַרלוירן גיין אינעם ווינט.

ד

גאָט,
האָסט דיין ערד צוזאַמענגעקאַרטשעט
אין אַ קליינעם באַלעם
און מיך אריינגעפּרעסט
אין איר משא —
האָב איך שוין נישט קיין כוח
צו אָטעמען.

ה

מיין טיש איז געדעקט
מיטן אָוונט-טוך.
און אַ ליכט ברענט אויף אים —
דער דאָרן-בוים.
און מיין מאָלצייט איז
דעם ווינטס בלאָז.

ו

גרויסער גאָט! —
מענטשן זיינען הונגעריק,
שיק אַראָפּ דעם מן פון הימל,
צו זעטיקן
די הונגעריקע . . .

ז

כ׳בין איינזאַם —
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פון הימל,
מיין ברכה
צו זיין איינציק.

ח

און דאָך,
האָב איך נישט קיין תרעומות צו גאָט.
איך מאַך צו די אויגן און בין מקבל
אַלע שטראָפונגען פון אים.

ט

גאָט,
און נישט אין דיין נאָענט
געפין איך היינט באַרואיקייט,
ס'איז מיר ענג,
ווי אַ וועל אין ים,
ווי אַ טראָפּן בלוט
אין אַ קרענקלעכן אָדער.
גאָט, דערבאַרעם זיך.

ט ו י ט

כהאָב היינט
געלאָזט פאַלן אַ טרער
אויפן טאָג, וואָס איז אַוועק
אָן גליק.

א

טויט, וועסט צו מיר קומען ווי אַ ברודער —
אַ לאַנג נישט געזעענעם.
איך וועל מיך פאַר דיר נישט שרעקן.
איך וועל מיינע הענט אַראָפּלאָזן
און פאַלן אין דיינע אָרעמס אַריין.
איך וועל מיינע געדאַנקען
איבער וועלט אויפהייבן
און מיט זיי
זיך אַליין אויפהייבן,
און לייכט וועלן מיר שוועבן
אין די רוימען איבער וועלטיקע און פאַלן
מיט צוזאַמענגעפרעסטע ליפּן

ב

כ'בין פריידיק —
אַ שטיק פייער:

אין מיטן פון מיין אליין זיין
גלי איך אויף —
נעמען שווינדן די ווענט
פון דער וועלט,
און עס ווערן דורכזיכטיק
אלע זיבן הימלען.
און עס גענענט דער כסא הכבוד
אין מיינע פיר איילן.
און איך קוש דעם של ראש
פון גאט, ברוך הוא.

ג

קום! —
איך שטיי פאר מיין אנטארטונג.
איך בליק אין דעם תהום
וואו טויט און לעבן ראנגלען.
שפרייט־אויס דיינע ארעמס,
פארהויל מיך.
קום! —
איך שטיי פאר מיין אונטערגאנג.
איך בליק אין דעם קאן
וואו ליבע און תאווה קעמפן —
מאך פריי דיין שוים,
פארבארג מיך.
קום! —
איך שטיי פאר מיין סוף:
איך בליק אין דער אייביקייט,
וואו אנהייב און ענד וויברירן.
אנטפלעק דיין ברוסט —
ראטעווע מיך!..

ד

נאכט, קום,
דו, אויסלייזונג פון מיין פיין.
איך שטרעק דיר אקעגן די הענט,
שוין ווארט איך אויף דיר א פולן טאג,
אין מיין ליידן.
קום, פארגים מיינע אויגן,
ליים ס׳ליכט אין מיין זען,
און לאמיך אויף דיין הארץ פאלן.

ה

פאַרשטעלט מיר מיט אַ שאַרבן
די אויגן,
סײַ־ווי־סײַ זע איך נישט דאָס ליכט.
כ׳ליג גאַנצע טעג
(כ׳ווייס נישט פאַרוואָס)
מיט צוגעפּרעסטע ברעמען,
אין מײַנע אויגן טונקלט
דער שאָטן.

ו

אויף מײַן געשריי איז קיינער נישט געקומען,
אויף מײַן געבעט האָט זיך קיינער נישט באַוויזן —
איז דער שטויב פון מײַנע ווערטער געפאַלן
אין אַ וויסטן חלל פון אַ נאַקעטן מדבר.

ז

עס גייט רגעס,
ווען עס קומט דער טויט
און קלאַפּט מיט זײַן גראָבן שטעקן
איבער מײַן קאָפּ.
דעמאָלט פיל איך זיך שטאָלץ
מיט מײַן אייגן באַשאַפן
און נעם צו די קלעפּ
מיט עקשנות.

ח

טויט, ביסט מײַן איינציק ווייב.
דײַן אייביקע ערד־קיל
ווייעט אויף מיר
פון ווייטע וועלטן,
און זאָגט מיר אָן די בשורה
פון באַרואיקייט.

ט

וואונדער.
סוד פון נישט באַוואוסטן.
ספינקס!
שוין לעשן זיך די שטראַלן אין מײַן בלוט
און ס׳שטאַרבט די זון איבער מײַן קאָפּ.
שוין אויף!

איך לאָז פאַלן דעם שדי־מאַנטל,
איך גיי צו דיר!

י

כ׳האָב היינט געפרעגט
מיינע פריינד —
דריי פאַרחלבטע פלעשלעך,
אין וועלכע כ׳צינד די ליכטער
פון מיין געמיט —
ווער בין איך?
און די פלעמער אין זייערע מיילער
האָבן זיך פאַרלאָשן.

יא

ברעט,
מיין איינציק ברעט,
אויף וועלכן מיין גוף וועט אַמאָל רוען
און מיט דיר באַנאַנד
אין דער אייביקייט פאַרגיין.
דו מוזסט איצט בליען ווי איך,
אין דיין מאַמען — אַ בוים.
צי דו שפּראָצסט ערשט צווישן דיינע ברידער
אין אַ גרינעם וואַלד.
דו, מיין אייביקייט־שותּף,
אונדז ביידע דערוואַרט איין גורל.

יב

גאַלט זיך דער מוח מיינער,
ווי זיין שאַרבן וואַלט שוין ליגן אין דער ערד,
פיל איך דעם ערד־גערוך אין מיינע ביינער.
בין איך באַהאַפטן מיט מיין ווייט־ווייטער צוקונפט,
ווען מיינע ביינער וועלן זיין טרוקן,
און דער נפש מיינער וועט זיין צערונען.

טראָג איך מיין מיסיע
וואָס דער ערשטער אַטאָם האָט פאַר מיר באַשטימט,
כ׳וואַרט מיט געדולד
אויף מיין אין־סופיקייט.

2

פון חיים קרולס פּראָזע

פון מיין טאַטנס שטוב

דורות

אין טויטן-הויז

מיניאַטור-עסייען

פראַגמענטן פֿונעם ראָמאַן „פֿון מײַן טאַטנס שטוב“

א

אָנגעהויבן האָט זיך עס דורך אַ ביכל: כ׳האָב איר געבאָרגט דאָס ערשטע ביכל „קלאַראַ מיליטש“ טורגעניעווס. כ׳געדענק עס, ווי הײַנט: איך האָב געאַרבעט הינטערן װעבשטול, און אַ ביכל אויף דער זײַט פֿון שטול, וואָס איך האָב געלייענט בײַ דער אַרבעט. פּלוצלינג באַוויַזט זיך אין טיר חיה־שרה — איך ווער מבולבל: נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, ווי מיר האָבן געוואוינט פֿון קינדערוויַז אויף, אין איין גאַס, האָב איך זי ס׳ערשטע מאָל דערבליקט.

טרערן קומען מיר אין די אויגן אַרײַן, ווען איך דערמאָן זיך: איך דערבליק מײַן באַשערטע, מײַן כלה, מיט וועמען איך האָב אין אַ לבנה־נאַכט געוועבט ס׳טוך פֿון דער צוקונפֿט — מײַן אַלץ פֿון מײַן לעבן. וועמען איך האָב אָנגעטרויט דעם אײַנגעווייד פֿון לײַב. ווי אַ פּערל־שניר, האָב איך פֿון מײַן לײַב דעם אײַנגעווייד אַרויסגעריסן און דערמיט איר נאַקעטן גוף אַרומגעוויקלט. אין אירע צעפּ, וואָס האָבן געבאָמבלט אויף איר נאַקן, ווי לולבים, האָב איך דאָס גאָלד פֿון מײַן איין־און־צוואַנציק־יעריקער עלטער אײַנגעפֿלאָכטן. אין אירע ברוסט־נעפּלעך, וואָס האָבן זיך בײַ איר געפּיקט, ווי פּיטומס פֿון שמעקענדיקע קאָרפֿירער, האָב איך געלאָזט אײַנזאַפּן דאָס יונגע בלוט פֿון מײַנע ליפּן און דעם צאַרטן זייד פֿון מײַנע שפּיצן פֿינגער. און אירע פֿיס, וואָס מען זעט נאָר אין הייסן חלום פֿון איין־און־צוואַנציק־יעריקן עלטער, נאָך פֿון אַ ריינער יוגנט, האָב איך אײַגעשמידט אין קישן־קייטן, פֿון מײַנע ליפּן, וואָס כ׳האָב זיי, נאַקעטע, דערפּרווירענע פֿון אַ פֿראָסט, צום בלוטיקן הייסן לײַב פֿון מײַן ברוסט געפּרעסט און מיט מײַנע ליפּן דערוואַרעמט. און אירע אויגן, וואָס האָבן זיך געטיפֿט, ווי קלאָרע קוואַלן, פֿון זיידענעם זאַמד־גרונט, האָב איך דעם לעצטן נערוו פֿון זייער זע־קראַפֿט מיט מײַנע ליפּן אין זיך אַרײַנגעזויגן. און איר קינדעריש מײַלעכל, וואָס האָט געטריפֿט מיט זאַפֿט, ווי אַ שפּאַלט פֿון אַ גרויסע, רויטע קאַרש, האָב איך, פֿאַרשיכורט, ווי פֿון אַ גאָלדן בעכערל געטרונקען. און אירע ציין, וועלכע איך האָב זיי פֿאַרגליכן צו שפּיציקע רײַז, האָב איך אָפּט געפֿילט זייער קילן גלי אין די יונגע קנאָספּן פֿון מײַנע ברוסט־וואָרצלען. און איר לײַב, וואָס האָט זיך געוועלבט, ווי אַ בויגן, האָב איך אַרומגעוויקלט אַרום מײַן פּנים און זיך אין אים אײַנגעגראָבן, ווי אַ מויל־וואורף

אין דער ערד. פון וואָס נישט בין איך אַנטציקט געוואָרן! פון אירע ברעמען, וואָס האָבן געשוועבט, ווי ברוינע סאַמעט־פליגעלעך פון שמעטערלינגען, האָב איך מיט מײַנע ליפּן גלײַכגעקעמט. פון איר נאָז, וואָס מען זעט נאָר ביי ווענוס.

ב

חיי־שרה — די לעב־טעג פון שרהן,חיי־חיים — די לעב־טעג פון חיימען. כ׳האָב אים פאַרביבלישט אויף מיין נאָמען, וואָרן פיר יאָר דורכאַנאַנד האָט דאָס מיידל, חייה־שרה, נישט געהערט איר נאָמען פון מיינע ליפּן אַרויס־רעדן, נאָר געהיים, ווי אַ קמיע, האָב איך אים געטראָגן און ווי אַ ברכה האָב איך אים געשעפּטשעט. כ׳פלעג זיך איינקאָרטשען, ווי אַ שלאַנג, פאַר גדולה, אין דעם נאָמען חייה־שרה מיטן גרעסטן כוח אין דער שטיל אַרויסזאָגן. כ׳פלעג נעמען אַ צייטונג און יעדעס וואָרט פאַר חייה־שרהן לייענען. יעדעס ביימע־לע פלעג איך אַ נאָמען געבן מיט חייה־שרהס נאָמען. יעדעס טייכל פלעג איך אַ נאָמען געבן חייה־שרה. כ׳פלעג די זילבן פון איר נאָמען פונאַנדערטיילן און זיי אויסזעצן אין די רעגנבויגן־שאַרפן, און זיי פלעגן מיר אַראָפּשיינען פון הימל — נאָך אַ שלאַקסרעגן און פאַר אַ שלאַקסרעגן. אויף יעדן קלאָרן וואָלקנדל פלעג איך דעם נאָמען אָנהענגען, ווי האַמסון אין זיין „הונגער״, וואָס האָט דעם וואונדערלעכן נאָמען פון מיידל ליילאַלי אויפגעשריבן מיט קליינע אותיותלעך אויפן באַלקן פון זיין שטיבל, האָב איך דעם נאָמען חייה־שרה אויסגעקריצט אויפן קליינעם נאָגל פון מיין קליינעם פינגער פון מיין לינ־קער האַנט און אים אין געהיים געטראָגן.

ג

אונדזער ערשטער שמועס איז פאָרגעקומען ביים וועב־שטול, וואו איך האָב געאַרבעט — אַזוי האָב איך מיט חייה־שרהן נאָך קיינמאָל נישט גערעדט. עס קומט מיר אויס, אַז חייה־שרה האָט אַ ווילן צום לייענען. נאָך ווער איך געוואויר, אַז חייה־שרה האָט שוין אַביסל געלייענט, נאָר דאָס, וואָס זי האָט געלייענט, האָט נישט קיין ווערט: אַ חוץ אַ פּאָר ראָמאַנען אין צייטונגען האָט זי כמעט גאָרנישט געלייענט. איך זע דאָס מיידל ציטערט ביי אונדזער אָפּגע־האַקטן שמועס. איך לויף אַפּער פון הינטערן שטול אין דער צווייטער שטוב אַרייך — מיר האָבן געוואוינט אין צווי שטובן — און איך דערלאַנג איר, אַחוץ „קלאַרא מיליטש״, אַ פּאַק זשורנאַלן און וויז איר, אַגב, אַן, וועלכעס זי זאָל לייענען, און מיר געזעגענען זיך און באַשטימען אַן אָוונט אויף דער קומענדיקער וואָך, ווען מיר וועלן זיך אַדורכשמועסן וועגן דעם, וואָס זי וועט לייענען.

ד

נאָך איר אַוועקגיין נעם איך וועגן און מעסטן יעדע תנועה אירע. אי־בערהויפּט איז מיר געפעלן איר קאָפּ האָר, וואָס איז געווען פאַרקעמט אויפן שטייגער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט — פון דער פרומער מאַנאַ־ליזאַ, און אירע פינגער, וואָס זיינען געווען ווי ביי רחלען, קאַרין מיכאַעליסעס, דין און לאַנג, צו קענען אַריבערבייגן, ווי ביי רחלען, אויף דער צווייטער זייט. און איר פּנימל,וואָס איז ענלעך צו באַטיטשעלעס אַ גראַציע פון זיין „פרילינג־טאַנץ" — און ווי איך האָב איר געשילדערט אין דער הקדמה פון מיין „אינ־דערלייטערונג". אין טיולן האָט זי אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט ערשט אַרויס פון אַ קוואַל. און פאַר וועמען איז זי געשטאַנען? — פאַר מיר! דער, וואָס מעסט און וועגט יעדע פרויען־תנועה. דאָס דינסטע ליכט, וואָס דער טאָג שיקט אויף אַ פרויען־ברעם, און דעם פיינסטן שאָטן, וואָס די נאַכט שיקט אין אַ פרויען־אויג. פאַר מיר איז זי געשטאַנען! פאַר מיר איז זי געשטאַ־נען! לאַ־לאַ־לאַ!

ה

ס'טרעט איין אַ פאַסט צווישן אונדז — מיין קלענער שוועסטערל, פּיי־געלע, ווערט די פאַסטרעגערין. איך דערהאַלט אַ בריוול, כ'זאָל איר שיקן די זשורנאַלן, וואָס זי האָט פאַרגעסן מיטצונעמען און איבערגעלאָזט. פאַרשטייט זיך, איך האָב זיי באַלד איבערגעשיקט.

איצט הויבט זיך אָן: איר ערשט בריוול — איך הייב עס אָן צו באַ־טאַפּן און ערשט צו באַקוקן: איך נעם מעסטן דעם כתב און צו באַצירקלען יעדן אות. איך פאַל אויף אַ נייער המצאה: איך נעם נאָכשרייבן, אַקוראַט, ווי זי שרייבט, אַזאַ שפּיציק געשריפטס, פּונקט, ווי אירע ציין. און ווייטער נעם איך אַרויסציען די נשמה פונעם בריוול, איך וויל וויסן, וואָס עס געפינט זיך אונטער די אותיות. איך פאַרטיף זיך אין די נערוועזע צוקן פונעם כתב, וואָס האָבן אויסגעקוקט, ווי שלענגלעך. און צום סוף פרעס איך עס, דאָס בריוול, צו מייַע ליפּן און באַהאַלט עס צווישן די בריוו פון מיין מאַמען.

מיין עלטערע שוועסטער, צירעלע, ברענגט מיר אַ גרוס פון חיה־שרהן. זי האָט מיט איר גערעדט און חיה־שרה געדענקט יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב צו איר געזאָגט. און זי שלינגט יעדעס וואָרט אין „קלאַראַ מיליטש". און זי וועט דאָ זיין ביי מיר מיטוואָך, ווי מיר האָבן אָפּגשמועסט, ניין אַזייגער אין אָוונט. און מיין שוועסטער, אַ צנועהדיק מיידל, פרייט זיך. און איך פריי זיך. און מיין שוועסטער נעמט צוגרייטן אויף מיטוואָך פרישן טיי מיט איי־גענע געבאַקענע אייערקיכלעך. אוי, ס'וועט זיין אַ יום־טוב — מיין מאַמע איז אין דעם זעלבן יאָר געשטאָרבן און מיר זיינען געווען אין טרויער, און

פרייד האָבן מיר וויניק געהאַט. און מיין טאַטע, וואָס טרויערט נאָך אונדזער מאַמען, זיין אסתר־פריידל, נישט ווייניקער ווי מיר, קינדער, זאָגט, אַז חיה־שׂרה איז אַ מלכות, אַ שיין געשטאַלט. און ער האָט זי ליב ווי אַן אייגן קינד.

ז

איך נעם זיך גרייטן אויפן מיטוואָך, איך פּעץ מיינע נעגל, ווי אַ מיידל, און איך וואַש מיינע ציין. און ביי אונדז אין שטוב גייט־אָן אַ פּלייסיקע אַר־בעט: מיינע שוועסטערלעך שטויבן־אָפּ די צוויי לאַנדשאַפטן, וואָס הענגען אויף דער וואַנט, איבער די בעטן, פּוצן־אָפּ די בעטן־ווענטלעך, און די בעטן־פיסלעך. וואַשן איבער די פּאָדלאָגע. אַלץ לכבוד חיה־שׂרהן. און נאָך אַלעם נעם איך קלערן, וואָס פאַר אַ בוך איך זאָל איר געבן צום צווייטן מאָל, נאָך „קלאַראַ מיליטש„, און איך באַשטים ביי זיך כ׳וועל איר געבן „רחל״, קאַרין מיכאַעלעסעס. און איך נעם צו הילף אין טרוים און פאַרגליך חיה־שׂרהן צו דער וואונדערלעכער רחלען. איך צי אַ פאָדים צווישן רחלען, די לאָטאָסדיקע, ביז חיה־שׂרהן, די בלומיקע. און איך באַשטים ביי זיך: אויב רחל איז אַ ליליע, איז חיה־שׂרה אַ רויז. און איך בינד זיי צוזאַמען מיט דעם וואונדער־לעכן באַנד: שוועסטער, — און איינע פון די שוועסטערן וועל איך האָבן.

ח

מיטוואָך. איך איל זיך מיט מיין אַרבעט. איך מאַך פייעראָוונט. איך וואַש זיך אַרום פון נאָך דער אַרבעט און טו זיך אָן אַ פריש־געוואַשן אייבער־העמד מיט אַ ניי־געקויפטן קאָלנער. איך מאַך זיך גרייט צו עמפּפאַנגען מיין דולציניי. און איך גרייט־אָן אויפן טיש קאַרין מיכאַעלעסעס „רחל״.

אַ מחיה איצט צו זיין אין שטוב. אַ קילקייט ווייעט פון דער פריש־גע־וואַשענער פּאָדלאָגע. לעבעדיק קוקן אַראָפּ די יעגער־לאַנדשאַפטן פון ביידע זייטן בעטן־ווענט. עס שפּיגלען די פאַנירער־טירן פון דער הויכער קליידער־שאַנק, אויבנאָן, אין מיטן שטוב. און די שטולן אַרום דעם טיש בלאַנקען. און פאַרשפּרייט איבערן טיש ליגט פונאַנדערגעוואָרפן אַ ווייס טישטעך. און אויפן טיש שטייט דער אַכטער נאַכט־ לאָמפּ, טיף אַריינגעצויגן דעם פלאַם אין ברע־נער אַריין, און איז גרייט פאַרן אַרויפצודרייען דעם פלאַם, ווען חיה־שׂרה וועט קומען. אַלץ בליקט מיט דערוואַרטונג, אַלץ דערוואַרט חיה־שׂרהן.

ט

ס׳ווערט אָוונט. מיין פאָטער גייט אין דער חברה דאַוונען מנחה־מעריב. און מיינע שוועסטערלעך פּוצן זיך אויס לכבוד חיה־שׂרהן און אויך דער־פאַר, וואָס עס איז געקומען דער שיינער, קילער אָוונט פון רו. מיין שוועס־טער, צירעלע, האָט געאַרבעט היינטערן שטול, ווי איך, ווי מיין טאַטע, און

מיין קליין שוועסטערל, פייטשעלע, האָט געפּירט דאָס ווירטשאַפט. איך זעץ זיך צום טיש מיט מיינע שוועסטערלעך. עס קומט אַריין אין שטוב, גוטשע, מיינס אַ קרובה, אַ געוועזענע שילערין פון אַ פּוילישער (טיילוויז ידישער) שול, און וואָס מיר האָבן זיך געשדכנט. און מיין קילקייט צו איר האָט גענומען ווערן בולט, ווען איך האָב חיה־שרהן דערזען — זי קומט אין שטוב אַריין, אַ צנועותדיקע, מיט אַ טיטעלע שאָקאָלאַד און מיר באַגריסן זיך. מיינע שוועסטערן נעמען צו טעוועלעך שאָקאָלאַד, פון מיין קוזינס טיטעלע. איך האַלט זיך אָפּ פון פאַרזוכן און מיין קוזינע נעמט פאַרשן „ווען מען דערוואַרט מען היינט ?", און מיין שוועסטער, צירעלע זאָגט: „מיר דערוואַרטן אַ מיידל, חיה־שרה". „יאָ, דאָס מיידל חיה־שרה קען איך" — באַמערקט זי קאַלטלעך — „זי איז אַן אויסגעפּוצטע קאָקעטקע". מיר בלייבן שטיל. איך פאַרטיף מיך אין דער טאָג־צייטונג. דערווייל נעמט ווערן טונקל אינדרויסן און חיה־שרה דערשיינט אויף דער שוועל פון דער טיר, מיט אַ דיקן צאָפּ פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע אַראָפּ — מיין רחל האָט זיך באַוויזן אויף מיין שוועל אין אַ לאַנג, שמאָל, באָרדע קליידל, מיט לאַנגע אָרבל און מיטן בוך „קלאַראַ מיליטש" אונטערן אָרעם. איך צי טיף אַריין דעם אָטעם אין זיך, פונעם הויכן פּולס־דרוק, וואָס יאָגט האַסטיק דאָס בלוט צו מיין האַרץ. איך באַמערק, חיה־שרה פּייפּט מיט די נאָזלעכער. חיה־שרה זעצט זיך אויף דער אָנגעגרייטער שטול. ס׳גענמט אייניקע מינוט ביז מיר באַרואיקן זיך און מיר נעמען שמועסן.

י

מיר האָבן געשמועסט פון ניין ביזקל עלף, צוויי שעה. און מיר האַלטן נאָך לענגער געשמועסט, ווען עס קומט נישט אַריין מיין פאָטער פון דער חברה, וואָס באַגריסט זיך פאָטערלעך מיט די מיידלעך, און נעמט אַרויס פון דעם כאַלאַטל־טאַש אַ שטיק לעקעך און דערלאַנגט עס די מיידלעך: עס איז היינט אין חברה געווען אַ סיום — דער רב האָט מיט דער חברה פאַרענדיקט אַ יום־תהילים, האָבן זיך די ידן געפּרייט און געטרונקען לחיים און פאַרביסן מיט לעקעך. און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז אינדערהיים זיצן אייגענע קינדער, האָט ער איבערגעלאָזט לעקעך פאַר זיי און ער בעט מיר זאָלן ווייטער רעדן, ער וויל אויך הערן אַ וואָרט, וואָס „די חכמי־הנכרים זאָגן". נאָר מיר פילן זיך נישט באַקוועם, מיר אַלע אינאיינעם שעמען זיך. און איך נעם דערציילן דעם טאַטן, אַז מיר האָבן גערעדט פון טורגעניעוון — אַ רוס און פון זיינס אַ בוך „קלאַראַ מיליטש". און וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבן פאַר אַן „עזר": זיין גאַנץ לעבן האָט ער געליטן פאַר אַ מיידל און מיט איר נישט חתונה געהאַט. מיין טאַטע וואונדערט זיך, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך צוריק: „ביי גויים איז אַלץ מעגלעך, אפילו נישט חתונה האָבן אויך. נאָר

מיר יידן האָבן אַ בפירושן פּסוק: בן שמונה־עשרה לחופּה. איי, מיין חיים איז שוין אַלט איין־און־צוואַנציק יאָר און האָט נאָך נישט גענומען קיין ווייב, איז אין דעם שולדיק זיין כשרע מאַמע, עליה השלום, וואָס איז געלעגן ביין יאָר צו בעט. נאָר מיט השם־יתברכס הילף וועט ער זיין אַ ייד און גיין אין זיינע דרכים". און ער בעט מיין שוועסטער, צירעלען, זי זאָל אַרויפשטעלן אויפן טיש די פלאַש ווישניאַק און מיר זאָלן טרינקען צו ביסלעך. מיין שוועסטער פאָלגט מיין פאָטער: מיר טרינקען צו ביסלעך ווישניאַק און פאַרבייסן מיט דעם חברה־לעקעך. ס'נעמט דערווייל ווערן שפּעט, ביז צוועלף, די מיידלעך נעמען זיך געזעגענען מיט מיין פאָטער, און איך מיט מיין שוועסטער צירעלע נעמען אַרויס אַ שטיקל וועגס די מיידלעך באַגלייטן. מיר עטעמען איינדרויסן זיך אָן מיט לופט און חיה־שרה דערלאַנגט מיר האַלב נישט־דרייסטלעך די האַנט — זיי האָבן געוואוינט אין צווייטן הויז פון אונדזער שטוב — און מיר געזעגענען זיך און איך נעם אַ שטיקל ווייטער וועגס, צו באַגלייטן גוטשען.

יא

ביינאַכט, אויפן געלעגער, האָב איך געקלערט פון חיה־שרהן, ווי זי האָט אויפגענומען „קלאַראַ מיליטש". אירע ענטפערס זיינען פאַר מיר געווען אַן ערבות, אַז זי וועט לערנען. ס'האָט מיך געוואונדערט, ווי טיף זי האָט באַגריפן „קלאַראַ מיליטשן". ווי פיין — אין דינקייט — זי האָט אויפגענומען די פאַר־פייניקטע קלאַראַן. עס געשען ניסים ביי אונדז: אָפט געפינען זיך באַגאַבטע מיידלעך, מען מוז זיי ווייסן ווי אויסצוזוכן. און איינע, אַזוינע פון פאָלק, האָב איך געפונען — איז זי נאָך נישט געשטיגן צו דער מדרגה פון דער קינסט־לעריין קלאַראַ מיליטש — וועל איך זען, אַז זי זאָל עס ווערן. איך וועל מיט איר לערנען. איך וועל מיט איר לעזן; אָבער, וואָס קלער איך בילדן איר. — ווי גוט איך פיל מיך איצט בעת איך קלער פון איר, ווי קוועקזילבער־פּליסיקייט אין רעדל, טאַנצט איצט דאָס בלוט אין מיינע אָדערן. איך פיל דאָס לייב קוועלט אויף מיר, די הויט גליט, דאָס האַרץ ציטערט און דער לאַנג־געגאַרטער חלום — אַ מיידל פון פּראָסטן פאָלקבלוט.

יב

דערווייל, אונטער דער וואָך פאַסירט, אַז מיר אַלע אַרבעטן מיט חשק היינטער די שטולן: דאָס גאַנצע הויז שוועבט פון געזאַנג, וואָס די וועבער־געזעלן גיבן פון זיך אַרויס. ס'איז זומער — אינעם רייפסטן וואַרעם פון האַלבן יאָר און די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. די טירען פונעם גאַנצן הויז שטייען אָפן און דאָס געזינגעריי טראָגט זיך פון איין שטוב אין דער צווייטער. פּלוצלינג באַוויזט זיך, פאַרביי שוועבן ווי אַ ווינט, פאַרביי אונדזער

אַפּענער טיר, אַ ברוין־טונקעלער קאָפּ — חיה־שרהס שלאַנקייט טראָגט זיך פאַרביי, אונדזער שטוב, אין אונדזער הויף אַריין. איך ציטער אויף פונעם האַסטיקן געפּיל: חיה שרה אין אונדזער הויף. נאָר באַלד הער איך אַ דער־שראָקן געשריי — חיה־שרהס פאַרשטיקטע שטים: „מענטשן, ס׳ברענט!״ איך לויף אַפּער פון הינטערן שטול אויפן הויף אַרויף — אין הויז באַגעגן איך די בלייכע חיה־שרה, מיר באַגריסן זיך נישט און איך דערבליק ווי די אָפּיצינע פון חיה־שרהס מאַמע ברענט. באַלד איז דאָס גאַנצע הויז אויף די פיס. מיר ברעכן אַדורך דאָס פלויטל, וואָס טיילט־אָפּ אונדזער הויף פון דעם הויף, פון חיה־שרהס מאַמען, און מיר נעמען פלומפּן וואַסער און לעשן דאָס פייער. ביים לעשן מיט וויאַדרעס וואַסער באַגעגן איך שוין אַ שמייכלדיקע חיה־שרה. מיר וואַרפן זיך אַדורך מיט אַ וואָרט און איך פלומפּ, טראָג וואַ־סער פאַרן פייער. ביים איינלעשן דאָס פייער כאַפּ איך זיך צוריק אַריין אין שטוב, מיט פולער ברוסט, אַ טאַנצנדיקער: איך האָב געזען חיה־שרהן, איך האָב געזען חיה־שרהן.

יג

פאַרנאַכט האָבן יידן פון דער חברה, וואָס זי געפינט זיך אין הויז פון חיה־שרהס מאַמע, באַטראַכט די פאַרברענטע וואַנט מיט ר׳חיימל בראש — דער צווייטער מאַן פון חיה־שרהס מאַמע, חיה־שרהס פעטער, וואָס האָט זיך שטאַרק גערימט, אַז דאָס האָט ער דאָס פייער איינגעלאָשן. איך, נאָך דער אַר־בעט, כאַפּ זיך אַרויס אויפן הויף — איצט זיינען די הייף, דער הויף פון חיה־שרהס מאַמע און אונדזערער, איין הויף — גיבן אַ בליק אויף דער פאַרשרפּה־טער וואַנט און איך באַגעגן חיה־שרהן. אונדז פאַרפעלט אָטעם, מיר דער־שרעקן זיך. מיר וויסן נישט פון וואָס אָנצוהייבן. מיין טאַטע און ר׳ חיימל גענענען צו אונדז. ר׳ חיימל, וואָס האַלט אין איין רעדן, נעמט רעדן נאָך הע־כער: „חיים, דיר קומט אַ מעדאַל. האָסט געהאָלפן איינלעשן דאָס פייער״. און אינאַיינוועגס, פרעגט ער מיך שוין, „וואָס שרייבן די צייטונגען און וואָס טענהט מען אין קייסער פראַנץ־יאָזעפס מלוכה וועגן דער בגידה קעגן זייער פּרינץ״. נאָר דאָ נעמט מיין טאַטע אַרויס אַ צייטונג פון טאַש און די יידן שטעלן זיך שוין אַרום מיין טאַטן. חיה־שרה קומט דערווייל צו מיר צו, עט־וואָס שוין באַרואיקט, און זאָגט, זי לייענט שוין „רחלען״, און זי לייענט אים אין איין אָטעם, און זי דאַנקט מיר פאַר דעם בוך. — נאָר זי מוז שוין אַנט־לויפן, זי איילט זיך, זי לייענט דעם בוך. אַ גוטע נאַכט. זי אַנטלויפט פון מיר, נישט דערלאַנגנדיק די האַנט.

יד

מיט זונען־טיבער האָב איך מיינע זעגלען אָנגעצויגן און זיך געלאָזט מיט מיין שיף אויפן ים. איך שאַף דאָס ערשטע ליד פאַר חיה־שרהן. דאָס איז

אַ ליד, ווי איך דערזע זי, און גראַד פאַלן מיינע בליקן אויף אירע שמאָלע הענט און ווייטער פיל איך, ווי טויבן־פליגלען — אירע הענט — טוליען מיין דערשראָקענעם בליק. דאָס ליד האָב איך געלייענט פאַר מיין שוועסטער, צירעלען. ווען מיין מאַמע האָט געלעבט האָב איך פאַר מיין מאַמען יעדע שו־רה געלייענט, וואָס איך האָב אָנגעשריבן — היינט איז צירעלע מיין מאַמע און איך לייען פאַר איר יעדע שורה — און דאָס ליד האָט ביי איר דערוועקט אַ טיפע פרייד און זי האָט מיך באַגריסט מיט מיין רחל, יעקבס ליבסטע, — מיין טייערע שוועסטער צירעלע, איך, ווי יעקב, האָב געדינט צווי מאָל זיבן פאַר מיין ליבע.

טו

מאַכט זיך אונטער דער וואָך אַזאַ זאַך: עס באַווייזט זיך אומגעריכט ביי אונדז אין שטוב חיה־שרהס מאַמע און זי נעמט פלוצלינג, פון העלער הויט באַרימען חיה־שרהן. איך בין כלומרשט פאַרטיפט אין דער אַרבעט און איך מאַך זיך אויף איר נישט קוקן. ווי איך וואָלט גאַרנישט געהערט וואָס זי רעדט, נעם איך פלייסיק אַרבעטן און זי האַלט אין איין רעדן. און רעדן רעדט זי צו מיין טאַטן און מיין טאַטע ענטפערט איר מיט ליבשאַפט, אַביסל פאַרשעמט, וואָס זי רימט אַזוי חיה־שרהן. און ער ווענדט איבער דעם שמועס אויף אַן אַנדער אופן. און מיין פאָטער נעמט זיך פרעגן וועגן פייער, „צי זי, די וואַנט, איז געוועזן פאַרסטראַכירט”. און זי נעמט שיטן: „איר חיה־שרה זאָל אַזוי מיט מזל ווערן אַ כלה, ווי ס'האָט איר געחלומט, אַז ס'וועט זיין אַ פייער. און איר יחיאל־מאיר האָט זיך געמיט און געבעטן פאַר איר — מען האָט אַ גוטן גאָט”. און מיין שוועסטער צירעלע נעמט זי פרעגן, וואָס חיה־שרה טוט איצט. און זי נעמט ענטפערן מיין שוועסטער: „וואָס זאָל זי טאָן? זי לייענט, נאָר זי לייענט. אַ מיידל — אַ שטילע טויב”. און מיין קליין שוועסטערל, פייטשע־לע, טראָגט איר אונטער אַ האַנט קאַרשן און בעט זי זאָל פאַרזוכן. און אַזוי פאַרברענגנדיק אַ שפּאַרע ווייל, געזעגנט זי זיך מיט מיין טאַטן און שוועסטער־לעך און וואַרפט מיר צו אַ גוטן טאָג און אַנטלויפט פון אונדזער שטוב.

טז

איך דערהאַלט אַ בריוול: זעקס פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, זאָל איך קומען, אויב איך וויל, נאָך ראַדיגאָשטש. דאָ און דאָ אין אַ סעדל אַריין, וואו זי, חיה־שרה מיט איר עלטערער שוועסטער, וועלן דאָרט זיין. דאָס בריוול דערהאַלט איך אין מיטן טאָג. איך נעם יאָגן מיטן ציל פון מיין אַרבעט, איך זאָל קענען פרי אויפהערן. די אַרבעט וויגט זיך אונטער די הענט. דער בוים סחורה וואַקסט און איך טאַנץ כמעט אויף די טרעטער — איך וויל זען חיה־שרהן. גאַר שנעל האַלט איך שוין ביי נאָך פינף און נעם זיך גרייט מאַכן

צום גיין. אַלץ פלאַמט אונטער מיין האַנט. פונעם שטיקל זייף ביזן שניפּסל — אַלץ גליט אונטער מיינע פינגער. און איך עס שוין נישט קיין נאַכט־עסן, און איך לאָז זיך, אַ זינגענדיקער, נאָך ראַדיגאַשטש. דער גאַנג נאָך ראַדי־גאַשטש נעמט נישט לאַנג — אין פינף מינוט בין איך אונטער דער שטאָט, וואו איך נעם גיין צווישןביימער און גראָז. איך גיי? — איך שפּרינג, איך האָפּס — איך וועל באַלד זען חיה־שרהן. אינדעם פאַנגט־אָן אַ ווינט, אַ וואָלקן־געיאָגעריי הייבט זיך אָן אויפן הימל. און אויף דער ערד — אַ ווי־כער. איך שטעל שפּרייזן אינעם ווינט, אינעם וויכער צום סעדל. פונוייטנס, פון צווישן שווערבנדיקע ביימער דערזע איך חיה־שרהן, ווי זי וואַלט אַליין געווען אַ בוים, פלאַטערן אירע האָר אין ווינט. יאָ, זי איז אַ כישופדיקע לאַ־טאָס — רחלס אַ שוועסטער. און זי לויפט מיר אַקעגן, מיט ווינט און גליק. איך שטיל איין מיין אָטעם, וואָס יאָגט ביי מיר — מיר גיבן זיך די הענט. און זי וויזט מיר איר שוועסטער מיט זייער ברכהלען — איר שוועסטער־קינד — און מיר באַגריסן זיך. און זי נעמט מיך שלעפּן ביי די הענט, באַקוקן דאָס סעדל. מיר באַוואונדערן יעדן בוים באַרנעס, יעדעס ביימל קאַרשן, יע־דעס גרעזעלע, יעדעס קשאַקל, וואָס טאַנצט און לויפט אינעם ווינט. נאָך אַזאַ שפּאַציר זעצן מיר זיך — איר שוועסטער מיט ברכהלען אינדערמיט — עסן ברויט מיט פּוטער און קעז, און פאַרטרונקען מיט פרישע מילך פון דער קו.

טז

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געטראַכט פון דעם וואונדערדיקן קינד, וואָס טראָגט דעם נאָמען חיה־שרה. זי האָט מיך פאַרכישופט מיט אירע ניקן און סיגעס. איר פּנים, וואָס האָט וויברירט, ווי אַ פידל־סטרונע אין דער האַנט פון אַ קינסטלער מיט דעם שאָטן פונעם פאַרנאַכט, האָט מיך פאַרוואונ־דערט. איך בין געבליבן שטיל קעגן איר אָפענער התפּעלות, וואָס זי האָט גענומען פון דעם אַרומיקן. די בלאַלעכע אָדערלעך פון אירע שמאָלע הענט האָבן געציטערט פון טיפן געפיל, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. און מיר האָבן געגעסן, אינעם אַרומיקן ווינט, ווי קינדער, ערשט פון דער מאַמעס לאָס־קעס אַוועק. און נאָך איז מיר געפעלן איר ווייס, לאַנג קלייד פון גלייכן, נעטן שניט — אָן באַפּוצונגען, פשוט און גלאַט, וואָס האָט געוויזן די קאַנטן פון איר גוף, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסשפּרינגען פונעם קלייד. און אין ווינט האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ מימאָזע, וואָס גייט אויף אין דער זון. און אירע אויגן זיינען געווען לויטער און פייכט, ווי טרערן קרישטאָל אויף דער מי־מאָזע. בכלל האָט זי אויסגעזען, ווי אַ לויטערער סנאָפּ פון אַ וואַסער־פאַל, און נאָך שטייפער האָט זי מיך איינגעקלאַמערט אין די רינגען פון ליבע.

יח

ס׳טרעט איין אַ ליבשאַפט צווישן מיר און דאָס קינד ברכהלע: איך מוז עס יעדן טאָג זען און טראָגן אויף מיינע הענט. איך קעם עס גלייך די הערע־לעך, באַריר עס די בעקעלעך, נעם עס אָן ביים געמבעלע און שמיצער דער־צו, און דאָס קינד שמייכלט און האָט הנאה פון מיינע איינפאַלן. מיין שוועס־טערל פייגעלע באַזאָרגט מיר יעדן טאָג דאָס קינד. זי כאַפּט עס אַרויס פון חיה־שרהס הענט און ברענגט עס מיר צו טראָגן. פאַלט מיר איין, הייס איך מיין שוועסטערל האַלטן דאָס קינד און איך טאַנץ פאַרן קינד אַ טאַנץ, און מיר דאַכט זיך, איך טאַנץ פאַר חיה־שרהן. איך האָב דאָס חיה־שרהן פאַר מיר שטיין און איך גיס דאָס פאַר איר אויס מיין יונג האַרץ. און חיה־שרה קוקט דאָס אויף מיר און זי פאַרשטייט מיין טאַנצן, מיין שמיצערן מיט די ליפּן. דאָס באַריר איך איר באַק, חיה־שרהס, איר גאָמבע, חיה־שרהס — און דאָס מאַך איך זיך קינדעריש פאַר איר, מיין אויסדערוויילטע, דאָס אַנטפּלעק איך זיך פאַר איר. מיין גלאַנציקער טרוים, וואָס גליט אין מיר פון העלן ליכט ביז אַ פלאַם. און איך בעט גאָט מיט מיינע פיס, וואָס טאַנצן, מיט מיינע ליפּן וואָס שמיצערן, מיט מיינע הענט, וואָס באַרירן די בעקעלעך פון חיה־שרהס פּלי־מעניצע. גאָט, דערהער מיין רוף: איך וויל זיין גליקלעך.

יט

מיר האָבן אַ גאַסט, ר׳ חיימל, אויף טיי. ר׳ חיימל און מיין טאַטע זיינען פון איין שטאָט. ידידים, גוטע חברים פון יינגלוויז אויף. ביידע דורכגע־מאַכט די זעלבע תקופות, פון בחורוויז נישט געהאַט צו עסן און זיך געפּלאָגט ביי דער צרהדיקער מלאכה — וועבעריי. דאָך האָט ר׳ חיימל געהאַט געלט, פּשוט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ ייד אַ קמצן. און ווען זיין ערשט ווייב איז געשטאָרבן, און א סברא זי איז געשטאָרבן פון הונגער, האָט ער פאַר־מאָגט גאַנצע טויזנט קערבלעך. און ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט חיה־שרהס מאַמע, האָט ער באַקומען איין אַקט פון פינף הונדערט קערבלעך אויפן הויז אַרויפגעשטעלט. און אַזוי־אַרום איז ר׳ חיימל אַריינגעקומען אין אונדזער גאַס, און ר׳ חיימל פלעגט זיין אַן אָפטער איינגייער ביי אונדז. און ער פלעגט שטענדיק דערציילן שיינע מעשיות פון זייער שטאָט — פון מיין טאַטנס און זיינע — נאָר היינט דערציילט ר׳ חיימל נישט קיין מעשות, היינט רעדט ער פון חיה־שרהן. און רעדן רעדט ער, אַז חיה־שרה איז אַ ליכטיקע באַלעבאָס־טע. קען צערעווען, העקלען און נייען. און ווער פירט דאָס געשעפט אינדער־היים? — אַלץ חיה־שרה. וואָרים די מוטער אירע ווייסט דען פון עפּעס? ווען נישט חיה־שרה, וואָלט זי שיין אויסגעזען. און ווער פירט די רעכענונ־גען? אַלץ חיה־שרה. און ער טרינקט צו ביסלעך טיי און בייסט צו שטיק־

לעך צוקער — ר׳ הימל טרינקט נישט אָנגעצוקערט. און אַז ס׳קומט שוין יאָ צו רייד, רעדט ער, אַז אַ צווייט ווייב איז ראָזשווע ברויט קעגן אַן ערשט ווייב, וואָס איז געבייטלט ברויט. און וואָס איז אויך אמת: חיה־שרה באַהאַנדלט אים נישט ווי עס געהער צו זיין — דאָך נישט קיין אייגן בלוט און פליש, מעג זי זיין ווי גוט, בלייבט זי דאָך אַ פרעמדע. האָט ער איין אויג אין קאָפּ, טאַקע מיט חיה־שרהס מאַמע געהאַט, איז זי געראָטן אין איר מוטער: שלעכט און נישט געטריי. אוי, זיין ערשט ווייב, נחמה, וואָס פאַר אַ גאָלדן האַרץ האָט זי געהאַט און מען קען זי נישט פאַרגלייכן צו זיין איצטיק ווייב, די געלע גיטל, און ווידער־אַרום, וואָס רעדט ער לשון־הרע, און ער זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַהיים שלאָפן.

כ

מיין ברודער, דודל, וואָס גייט אַהיים, מיט אַ פייפן צום טאַקט פון זיין גאַנג, אַלע מאָל צווועלף ביינאַכט פון זיין מיידל — נעמט זיך וואונדערן, וואָס ער באַגעגנט מיך לעצטנס, אַלעמאָל אין דער נאַכט, אין דער זעלבער שעה, פאַר דער הויז־טיר שטיין. און ער פרעגט מיך, ווען קוק איך אויס? און איך פאַרשעם זיך און זאָג אים: אויף דער נאַכט, וואָס איז באַפאַלן מיט מי־ליאָסן שטערן די וועלט. און איך שלינג טיף אַראָפּ דעם ליגנט, וואָס איך האָב געזאָגט. דאָס קוק איך אויס די אויגן אויף אַ שאָטן פון חיה־שרהן — ניין, אויף אַ פיצעלע פון איר סילועט. און טיילמאָל בין איך גליקלעך: זי גייט אַרויס צומאַכן די לאָדנס פון די פענצטער, וואו איך כאַפּ זיך אַריין פלינק אין הויז אַריין און איך קוק דורך דער צוגעמאַכטער טיר, וואָס איך האַלט אָפּן אויף אַ שפּאַרע. אין דער מינוט, וואָס איך דערבליק זי, גיט זי מיר כוח אויף אַ צווייטע נאַכט צו וואַרטן און אויסצוקוקן די אויגן פאַר איר שאָטן.

כא

סוף־כל־סוף זע איך חיה־שרהן פון דער נאָענט ביי אונדזער טיש זיצן מיט מיר און שמועסן. מיר רעדן פון רחלען, און איר, חיה־שרהן, איז געפעלן די שטעלן בעת רחל איז אויף דער רייזע אין עגיפּטען. אַ גרויסע באַגייס־טערונג רופט אַרויס אין איר, חיה־שרהס, פאַנטאַזיע, דאָס אָרט ווי רחל פאָרט באַקוקן די קברים פון די פּרעהס. און פאַרנדיק אַזוי אין דעם ווייס־זאַמדיקן מדבר ווערט זי באַפאַלן פון איר אייגענעם קעמל־פירער דעם טרוקן־הויטיקן אַראַבער, ווען ער איז איר מאַנס. און אַלס נקמה צו אים, צו איר קעמל־טרייבער, שטעכט זי אים אַריין אין רעכטן אויג די האָר־שפּילקע פון וועלכער ער ווערט געטויט. נאָך באַגייסטערונג האָט ביי חיה־שרהן אַרויס־גערופן דער פאַל, וואָס מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי איז שוין ביי וואַן־גראָטן, פאָרט זי אויסגראָבן דעם סקעלעט פון דעם קעמל־טרייבער, דעם געטויטעטן

אַראָבער. און באַזונדער איז זי, חיה־שרה, געווען אַנטציקט פון רחלס עק־זאָטישן גאָרטן, וואו זי פירט אַ ראָמאַן אין איין צייט מיט פיר ליבסטע — און טאַקע ביי דער „מומיע", ווי רחל רופט זי, פון געטויטעטן אַראַבער. און רחל האָט אויף איר געפיל געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג. און פאַרשיכורט פון די אַראָמאַטן פון רחלס גאָרטן גייט זי אַרום.

כב

אַ שטיקל יום־טוב האָבן מיר היינט — אַן התחלת־הספר. ר' חיימל — ווייל ער האָט קיין זון נישט — נעמט שרייבן בשותפות מיט זיין איצטיקן ווייב אַ ספר־תורה. און איך בין איינגעלאַדן מיט מיין טאַטן אַריינצוקומען שרייבן אַן אות. און עס נעמט שוין אַ שעה אויפן זייגער, ווי איך טו זיך אָן. און אָנ־טאָן טו איך אָן מיין געהאַקט טוכן יופּעצל, מיט דעם זיידענעם אונטערשלאַק. און ביי דער בינדע בינדן שטיי איך אָפּ אפשר אַ שעה. מיר דאַכט זיך אַלץ, איך מאַך נישט גוט דעם קניפּ — אָדער ווי ר' מענדל וואָל־סוחר רופט עס, „דאָס יעזוסל". צום סוף בין איך פאַרטיק און איך גיי מיט מיין טאַטן אין דער חברה אַריין. איך גיי מיט האַרץ־קלאַפּעניש: חיה־שרהן וועל איך באַגע־גענען. קומענדיק אין דער חברה, טרעפן מיר אינעם העכסטן ברען פון דער שמחה. און צווישן עולם גייט אַ געשושקעריי: כילקעס זון. ס'נעמט אַ ווייַ־לע באַרואיקן זיך און איך דערבליק, אַן עין־הרע, אַ פולע חברה יידן און פרוי־ען און מיידלעך שטייען אין די אָפענע פענצטער. און נאָך דערבליק איך, אַז די טיר פון חיה־שרהס שטוב שטייט אָפן אין דער חברה אַריין. און איך דערזע, אין די ביישטידלעך, חיה־שרהן מיט מיינע שוועסטערלעך און איר מוטער שטייען. דערווייל האָט מיין טאַטע געשריבן אַן אות און איך דערהער, ווי אַ עלעקטערישער שטראָם, בערל גבאיס קול: „חתן־בחור חיים־ברוך בן ישראל־יחיאל הלוי מכבד מיט אַן אות". און מיט ציטעריקע פיס גיי איך צום שולחן און מיט אַ ציטערדיקער האַנט שרייב איך אויף אין דער פרשה מיין אות — ה. און טרינק לחיים צו דער עדה. און דערלאַנג אַ לחיים בליק צו חיה־שרהן און מיינע שוועסטערלעך און איך כאַפּ זיך אַהיים מיט אַ באַרוישטער ברוסט, איבערלאָזנדיק מיין טאַטן.

כג

שוין איניקע טעג ווי מיר גייען אַרום אָן אַ קאָפּ. דער שאָס, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין סאַראַיעווע פון אַ סערביש קינד אויף אַן עסטרייכישן פּרינץ, האָט אין אונדזער לאַנד אַרויסגערופן אַ מהומה, מחמת דער קייסער פון אונדזער מדינה האָט געהאַלטן מיטן צד פון סערביען. פון דעם האָט זיך גענומען, וואָס אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך די אַרבעט אָפּגעשטעלט. נאָר אַ שטיקל גליק האָבן מיר געהאַט, וואָס מיר האָבן געהאַט מזומן, דריי הונדערט

רובל און מיר האָבן געקענט אין דעם כאַפּעניש איינקויפן אַביסל עסן. איך, וואָס אמת, האָב זיך געפרייט — כ׳האָב נאָך נישט געוואוסט די גרויזאַמקייט פון אַ מלחמה. הגם איך האָב שוין געהאַט געלייענט גאַרשינס „דערציילונ־גען פון דער טערקישער מלחמה״ און „סעוואַסטאָפּאָל״ פון טאָלסטאָי, און אַליין דורכגעמאַכט האָב איך זי נאָך נישט געהאַט — זי, די שוידערלעכע מלחמה, מיט אירע שרעקן און נויטן. און דערווייל, איז ר׳ חיימל געוואָרן אַ נאָענטער איינגייער צו אונדז, צו הערן, וואָס עס שרייבן די צייטונגען. און גאַנצע טעג זיך געשפּאַרט מיט מיין טאַטן. און ר׳ בערל שוסטער, אַ ייד אַ פּקח, אַ שכן צו אונדז, האָט געפירט דאָס רעדל פאַר דער טיר, מיט די יידן פונעם געסל: למשל, דער רוס זאָל שוין אַנטלויפן, וועט דאָך אים דער דייטש נאָכלויפן, און רוסלאַנד איז דאָך גרויס, אַ זעקסט חלק פון דער ערד, וועט ער אים, דעם דייטש, אַריינבאַרן, ווי אַ קאַץ אין אַ זאַק, און דערווייל האָב איך געהאַט צייט אויסצובורייטערן מיין טרוים וועגן חיה־שרהן.

כד

דערווייל גיי איך אָן מיט מיינע טרוימערייען וועגן חיה־שרהן. איך פאַר־וועב זיך אַרום אין אַ נעץ פון חלומות מיט חיה־שרהן אינאיינעם. איך שאַף פאַר איר אַ ריי לידער פון יוגנטלעכער אומשולדיקייט און פון הייסן געפיל. איך שעפּ פון אַ לויטערן ברונען מיט עמערס פון פרישן האַלץ. און שעפּן שעפּ איך מיט ברען, אמונה און ביטחון, וואָרים איך גלויב, אַז חיה־שרה הערט מיינע געבעטן, וואָס איך פליסטער אין די לאַנגע נעכט פון מיין נישט קענען אַנטשלאָפן ווערן. אין דרימלעניִשן איז פאַרזונקען מיין גוף. ער זינגט אין שטילן פּיין פון דער העכסטער אויפלעזונג. איך שרייב אויף מיין געזאַנג צו חיה־שרהן, אָבער אין מיין בלוט בלייבט עס פילפּאַכיק. ווי אַ טומאַן איז דאָס געזאַנג, וואָס צעשפּרייט זיך אין מיר און הילט מיך איין פון די זוילן ביז צום שייטל, אין אַ כאָר: איך זינג דאָס געזאַנג פון טיפער שירה — שיר־השירים.

כה

אונטער דער צייט פּאַסירט, אַז דייטשלאַנד זאָגט־אָן קריג רוסלאַנד. און אין פּוילן, די שוועל פונעם גרויסן רוסלאַנד, קומען פאָר געשעעניִשן. ווי אין חורבן ירושלים: די רייכע מטרוניתא שיקט קויפן זעמל־מעל, ביז דער קנעכט לויפן קריגן עס איז שוין נישטאָ קיין זעמל־מעל. שיקט זי נאָך ווייצן־מעל. ביז דער קנעכט איילט אַהין, איז שוין נישטאָ קיין ווייצן־מעל. שיקט זי נאָך קאָרן־מעל, ביז וואָס איז שוין קיין קאָרן־מעל אויך נישטאָ. שיקט זי נאָך קלייען, ביז ווען געפינט זיך שוין קיין קלייען אויך נישט — אַזוי איז געווען אין אונדזערע טעג: דאָ פאַרקויפט מען גראַפּן, ביז מען קומט אַהין שוין נישטאָ קיין גראַפּן. דאָ פאַרקויפט מען בעבלעך, ביז מען לויפט אַהין איז שוין נישטאָ

קיין בעבלעך. דאָ פאַרקויפט מען האָלץ, ביז מען לויפט אַהין איז שוין נישטאָ קיין האָלץ. ווען די שכנים פונעם געסל שמועסן, אַז ביי דער געלער גיטל לייגט מען אַף פולע קאַמערן מיט גוטס: פון האָלץ, פון נאַפט ביזקל זעק ווייצן־מעל, זעק זאַלץ. און זאָל מען זיך נאָר צוקוקן, ווי די געלע גיטל ברענגט פול־לע שערצן ברויט, פולע שערצן ליכט. און שכנים קוקן מיט קנאהדיקע אויגן צום הויז, וואָס שיינט מיט נייע שאַלעווקעס אינמיטן געסל.

כו

בינו, לבינו, האָט מען גענומען אויסהאַקן דעם וואַלד אַרום לאָדזש, און דער עולם, אַ ווילדער, איז געלאָפן נאָך האָלץ. לויפט מיין ברודער דודל אויך נאָך האָלץ. און דאָרט אין וואַלד, טוט זיך אַף חושך: גויים מיט העק אין די הענט טרייבן דעם עולם אַוועק פון די אָפּגעהאַקטע קלאָפּטערס האָלץ. און די מאַסע, אַ הפקרדיקע, כאַפּט. און זי, די מאַסע, צעשפּרייט זיך אין אַלע ווינקע־לעך פונעם וואַלד און נעמט אַליין האַקןביימער. און באַלד זעט מען גאַנצע קאַראַוואַנען ציען מיט ביימער אויף די אַקסלען. און מיין ברודער דודל צווישן המון שלעפּט אַ האַלבן בוים, אַ שטאָלצער קומט ער אַהיים מיטן בוים, וואָס הילכט אַף אין הויף, ווען ער וואַרפט אים אַראָפּ פונעם אָרעם. און מיין פאָ־טער קוקט שטאָלץ אויף זיין זון. און מיר נעמען אַ זעג און צעזעגן אים אויף קלעצלעך און דערנאָך צעהאַקן מיר אים אויף שייטלעך. און אַביסל האָלץ האָבן מיר זיך אָנגעגרייט, האָבן מיר אַ שפּאָר ביסל שפּענער.

כז

אין דער מהומה טוט חיה־שרה דאָס איריקע: זי לייענט. און לייענען לייענט זי היינט „די רויז און די נאַכטיגאַל“ און „דער גליקלעכער פּרינץ“ פון אָסקאַר ווילד. און היינט ברויכט זי דאָ ביי אונדז צו זיין. און מיינע שוועס־טערלעך איילן מיטן צורוימען די שטוב. לייגן אַוועק דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ אין דער וועבער־שטוב אַריין, די זעקעלעך גרויפּן אויף דער שאַנק אַרויף און דאָס איינגעקויפטע ברויט אויף די זיץ־בענק פון די וועב־שטולן, און מאַכן פלייסיק דאָס נאַכט־עסן. דער טאַטע קוקט דערוויַיל, ביז די קינדער וועלן אָפּזייען די נייע קאַרטאָפעלעך, אין מדרש תנחומא אַריין. איך לייען די אונטן־ביילאַגע פון דער צייטונג. מיין ברודער דודל איז נאָכמיטאָג אַוועק צו זיין מיידל. ביז מיר עסן אַף הערן מיר אַ קלאַפּ אין טיר און מיר בעטן אַריין — חיה־שרה באַווייזט זיך, מיטן אָונט־גאָלד פון פולן זומער דורכגענומען. מיר צערוקן זיך און בעטן חיה־שרהן זעצן. חיה־שרה זעצט זיך. מיינע שוועס־טערלעך שטעלן אַרויף אויפן טיש פּרוכטן. און מיין טאַטע פרעגט חיה־שרהן, וואָס זי טענהט צו דעם, וואָס די דייטשן זיינען שוין אַריבער די גרעניץ. און זי ענטפערט: ס'איז נישט גוט, און מיינע שוועסטערלעך נעמען באַטראַכטן

דאָס נייע בלוזקעלע, וואָס חיה־שרה האָט היינט באַנייט, און זיי פרעגן זיך וויפל ס'קאָסט. און חיה־שרה ענטפערט זיי, אויף וואָס איך מאַך זיך נישט הערן. מיין טאַטע געזעגנט זיך מיט חיה־שרהן, ער גייט הערן אַ יידיש וואָרט אין דער חברה אַרייך, און מיין שוועסטער צירעלע נעמט פלוצלינג אויספרעגן חיה־שרהן, ווי טייער די מוטער האָט געצאָלט אַ פונט ליכט, און חיה־שרה ענטפערט, זי ווייסט נישט, זי מישט זיך נישט אין דער מוטערס געשעפטן, וואָס ס'געפעלט מיר זייער שטאַרק. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ביז מיר קומען אַרויף אויף דער נייער מלחמה. חיה־שרה טענהט, דייטשלאַנד איז צוגעגרייט. פון איין־און־זיבעציקסטן יאָר אָן גרייט זיך אַלץ דייטשלאַנד. אויף וואָס מיין שוועסטער צירעלע ענטפערט: און ענגלאַנד, די קיניגין פון ים, איז אויך נישט קיין מפלינג און זי וועט נישט בלייבן שטיין אָן אַ זייט. און איך זאָג: אין אַ מלחמה איז אַנטשיידן דער שיקזאַל. אַזוי שמועסן מיר, ביז חיה־שרה לייגט פּאָר, מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר, אויף וואָס מיר שטימען איין.

כח

אינדרויסן נעמען מיר אַ שפּאַציר נאָך ראַדיגאַשטש צו, און עס פלעכט זיך אַ שמועס וועגן „דער רויז און דער נאַכטיגאַל". חיה־שרה איז אויסער זיך פון דעם נאַכטיגאַל, וואָס ברענגט זיך אַ קרבן פאַר דער ליבע. נאָך אַ גאַנצע נאַכט זינגען, אַריינשטעכנדיק דאָס האַרץ אין דאָרנבוים, ביז ער גייט אויס. „דאָס איז אַ גרויסע זאַך". און מיין שוועסטער דערמאָנט דעם טראַגישן פאַל: דער סטודענט ברענגט זי, די האַרצנסרויז, צו זיין דולציניי, און זי, די דולציניי, טוט זי אַ שליידער אויפן וועג אַרויף, וואו אַ ראָד פון אַ וואָגן פאָרט איבער איר אַריבער. באשר בכן דער קוזין פון דעם מיידל טראָגט זילבערנע בענדלעך אין די קאַמאַשן און דער סטודענט נישט. יאָ, אַזוי־נאָך פאַסן מיידלעך־אויף די ליבע — גיט חיה־שרה צו. זי איז פולשטענדיק איינשטימיק מיט אָסקאַר ווילד: ליבע איז דער טויט — די ליבע איז ווערט דעם טויט. און מיין שוועסטער, בטבע אַן ערלעך מיידל, קומט צו דער ענדע: די ליבע איז ווערט צען טויטן. מיר פאַרקערעווען אינעם זייטיקן געסל, וואו דער גלח וואוינט. חיה־שרה האָט ליב צו זען, ווי דער גלח שפּאַצירט אין גאָרטן ביי־נאַכט אַליין. און מיין שוועסטער האָט ליב צו הערן, ווי דער גלח שפּילט ביי־נאַכט אין קלאַוויר. אַזוי שטייען מיר ביים פלויטל און קוקן דורך די שטאַכעטלעך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

כט

צוריקוועגנס כאַפּן מיר אַ שמועס וועגן „גליקלעכן פרינץ". חיה־שרה איז אויסער זיך פון דער אידעע אין „גליקלעכן פרינץ". ביז וואונדער איז מיט דעם שוועלבעלע, וואָס נעמט אַרויס מיט איר שנעבעלע די דימענטענע

אויגן פונעם פּרינץ און ברענגט זי צו דער אָרעמער פרוי. און מיין שוועסטער שטעלט זיך אָפּ אויף דער פּאָעזיע אין מעשהלע: וויפל גראַציע איז דאָ אין דעם, ווען דאָס שוועלבעלע פליט איבערן ראָר־גראָז אויף דער טעמזע! וואו איז דאָ דער נאָמען פון דעם אַראָמאַט, מיט וועלכן עס שמעקט דאָרט. און אַזוי טרייבן מיר אונדזער לייכטן שמועס, ביז קומען אין אונדזער געסל אַריין, וואו די ווייבער זיצן פאַר די הויזטירן, נעמען אונדז אַדורך מיט טיפע בליקן. און חיה־שרה געזעגנט זיך, מיטנעמענדיק „סאַלאָמע" פון אָסקאַר ווילד.

ל

דאָס גאַנצע געסל גייט האָדאָראָם: יידן זאַמלען זיך איין אין מיטן געסל און בערל שוסטער רעדט פאַר זיי:

„און וואָס מיינען זיי, אַז דער דייטש האָט שוין איינגענומען אַ פּאָר שטעט — האָט ער אויפסניי פאַרשפּילט". און ער ווייזט אויף דער פלאַך פון האַנט: דער דייטש האָט איבערגעטראָטן די פלאַך, רוסלאַנד, זאָל ער קומען אין דער מיט אַריין — מאַכט ער צו די האַנט — דער דייטש, הייסט דאָס, וועט ער זיין אין קלעם. רוסלאַנד איז אַ תהום און אַלץ וואָס ער נעמט אין זיך אַריין, פאַרשלינגט עס. רוסלאַנד האָט פאַרשלונגען פּוילן, פינלאַנד, טערקיי, — דאָס מיינט ער קאַווקאַז, סיביר, — וועט ער נישט פאַרשלינגען יעקע־נאַר? און ער ווייזט אַ גמטריה, עמלק מוז אונטערגיין. אָבער ער האָט תכסיסי־מלחמה. — מישט זיך אַריין דודל פּאָניע, אַ יונגערמאַנטשיק, אַ פּאָליטיקער.

און דאָס וועט אים נישט גילטן. — באַשטעטיקט בערל שוסטער.

און וואָס הערן זיך מיט זיין כלי־זיין? — שפּאַרט זיך דודל פּאָניע — שלעכט געוואָר, האָ?

אַז גאָט וויל, שיסט אַ לולב. און אַז גאָט וויל נישט, שיסן נישט קיין האַר־מאַטן. — טריאומפירט בערל שוסטער. רוסלאַנד וואָלט ביי יעדער מלחמה פאַרשפּילט, ווען נישט דאָס שוחד, וואָס ער גיט — דאָ צו דעם גענעראַל, דאָ צו יענעם גענעראַל. און פּלעוונע וואָלט ער גענומען? אַ מערכה ער האָט אונטערגעקויפט עסטערהאַזען. פאַרוואָס האָט ער ביי דאַלני־וואָסטאָק נישט געוואונען? ווייל די יאַפּאַנער האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין אונ־טערשטיפּ־געלט. — האַלט זיך ביי ס׳זייניקע דודל פּאָניע.

קעגן דער השגחה עליונה קען מען נישט גיין. שטייט בפירוש: „מחה תמחה את זכר עמלק" און דער יעקע איז עמלק. — זאָגט בערל שוסטער מיט ביטחון.

אַזוי שפּאַרן זיך יידן, ביז חיים צייטונג־טרעגער לויפט פאַרביי מיט אַן עקסטראַ טעלעגראַמע און יידן כאַפּן זיך הונגעריקע צו דער דעפּעשע.

לא

כ׳האָב געחלומט פון אַ פּסיידאָנים, וואָס זאָל בײדע נעמען — מײנעם און חיה־שׂרהס — פּאַראײניקן. הײסן הײס איך חיים און כ׳האָב אַ צוגעזעצטן נאָמען ברוך. און זי הײסט חיה־שׂרה. האָב איך גענומען די ערשטע הברה פון איר חיה — און די לעצטע הברה פון מײן חיים — ים, מאַכט עס: חיים. און די ערשטע הברה פון מײן ברוך — ב, און די צװײטע הברה פון איר שׂרה — רה, מאַכט עס ברה. אַזױ האָב איך זיך געלאָזט רופן, חיים ברה, — „חיים דער זױבערער". און אַלע מײנע כּתבים האָב איך געהאַט אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען. און די אַלטע מאַנוסקריפּטן מײנע טראָגן נאָך ביזן הײנטיקן טאָג דעם נאָמען חיים ברה.

לב

דערװײל האָט זיך גענומען דער דײטש באַװעגן. ער האָט פאַרנומען קאַליש, שעראַדז און זיך געצױגן אױף די װעגן נאָך לאָדזש, װאָס האָט טײל־װײז אַרױסגערופן אַ פרײד אין ײדישע הערצער. און דודל פאָניע קומט צו לױפן אין געסל אַרײן מיט אַ נײס: „יעדעס שטיקל דײטשע געװער האָט אַ שפּאַקטיװ אין „פּריצעל", און יעדעס מאָל, װאָס ער שיסט אױס, שיסט עס אין ציל. און בײ אײן קלאַפּ, בײ מלאָװע, האָט ער, דער דײטש, אַװעקגעלײגט פערציק טױזנט רוסן".

„דער רוס שיסט אױך נישט מיט קײן אַרבעס". — מישט זיך ר׳ חימל אַרײן.

„שוטה, — דודל פאָניע האָט אַלעמען גערופן שוטה און געזאָגט דו, — דאָס איז דאָך די גאַנצע זאַך, די רוסן שיסן גאַרנישט, זײ צעלױפן זיך בײם ערשטן שאָס, װאָס זײ הערן. אַ בהלה קומט אױף זײ". — פאַרטײדיקט זיך דודל פאָניע.

דאָ לױפט פאַרבײ חיים צײטונג־טרעגער מיט דער פרימאָרגן־צײטונג. צװישן עולם װערט אַ באַװעגונג: די לעצטע נײס. און דודל פאָניע װענדט אָפּ: לײענט אײנעם „בערלינער־טאַגעבלאַט". אָבער די צײטונגען — גאָלע ליגנט. ער לײענט זײ נישט. דאָ שװעבט פאַרבײ חיה־שׂרה אין געסל און ײדן קוקן זיך איבער: אַ הצלחה די גיטל האָט, אײנעם בײ אײנעם קריגט זי אײדעמעס — צו גאָט און צו לײט. און אַזױ שמועסן ײדן ביז די װײבער רופן אַרײן עסן.

לג

איך מיט חיה־שׂרהן קומען זיך לעצטנס גאַנץ אָפט צוזאַמען, און טאַקע בײ אונדז אין שטוב. מיר רעדן איבער יעדן פּיצעלע, װאָס זי, חיה־שׂרה, לײענט. לעצטנס האָבן מיר געהאַט אַ פּאָר שמועסן איבער אָסקאַר װײלדס

„סאַלאָמע״. איך האָב זיך געפרייט, וואָס איך האָב געקראָגן אַ באָדן, וואו צו וואַרפן מיינע געדאַנקען — חיה־שרה איז געווען דער באָדן, וואו כ׳האָב מיינע געדאַנקען פאַרזייט און זיי האָבן גענומען וואַקסן און בליען. חיה־שרה האָט אַרויסגעוויזן אינטעליגענץ לגבי ווײַלדס סאַלאָמע: זי האָט טיף באַגריפן די עטיק פון דעם אַסקעט יוחנן המטביל. אויך איז איר געפעלן סאַלאָמע מיט איר עקזאָטישער תאווה. בעסער פון זיי ביידע איז איר געפעלן יוחנן. ער איז כמעט אין זיין אויסדויער, ווי רב עקיבא, וואָס מען האָט געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען — אַזוי גרויס איז זיין נסיון. און די ביבלישע מיליע אין „סאַלאָמע״? נאָר גאונים, דיכטער קענען אַזאַ סביבה באַשאַפן — ס׳איז די יצירה פונעם געניוס — גיב איך איר טיפער צו פאַרשטיין.

ד ו ר ו ת

(אויטאָביאָגראַפיע)

פון חיים קרול

איך געדענק זיך, אַלס קינד, פון צווי יאָר אָן, און אפשר נאָך פריער. עס געדענקט זיך אַ קליינער פאַל, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט און וואָס איך האָב עס באַפעסטיקט אין מיינס אַ קליין לידל:

„עס רופט צו דיר אַ קינד,
וואָס דערוואַכט אין מיטן נאַכט
און געפינט דיין מאַמע נישט.“

געווען איז די זאַך אַזוי: מיר האָבן געוואוינט אין אַ קאַמער, אין אַ פּאַ־צעיאַט, אויף איין ריי טרעפּ אַריינצוגיין, אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ לאַנגער שטוב, לאַנג, ווי אַ טונקעלער קאָרידאָר, מיט צווי פענצטער אין דער ענד פון דער שטוב, וואו אַ וועב־שטול איז געשטאַנען האַרט נעבן זיי, אויף וועלכן מיין טאַטע האָט געאַרבעט. און מיין מאַמע, אַ יונגע פרוי, אַ שרה בת טובים, האָט זיך אַרומגעשלייכט מיט שטילע טריט ווי אַ פאַרחלומטע קיסר־טאָכטער, אין דעם קאָרידאָר, וואָס איז געווען: שלאָף־צימער, קיך און אויך אַן אַרבעט־שטוב, אינאיינעם. און פּאַסירט האָט די זאַך אַזוי: מיין טאַטע האָט געמוזט גיין אָפּליפערן די סחורה וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט און מיין מאַמע האָט געמוזט אַרויסגיין אויף אַ מינוט. שטיי איך אויף פונעם שלאָף, זע איך נישט קיינעם אין שטוב: ווי איך האָב דעמאָלט געפילט? מיין יונג הערצל האָט אין מיר אויפגעשפּרונגען: טאַטע־מאַמע — נישטאָ. און איך לויף אַרויס, כמעט נאַקעט, אינעם העמדל אין וועלכן איך בין געשלאָפן, אין הויז אַריין, צו די טרעפּ, מיט אַ יאָמערלעך געוויין: מאַמע! (שוין דעמאָלט ווי קליין איך בין געווען, האָב איך דערפילט דעם גרויל־שרעק, און מיטן גאַנצן כוח פון מיין יונג קערפּערל, האָב איך זיך געגעבן אַ גליטש אַראָפּ פון די הויכע טרעפּ, וואָס זיינען געהאַנגען אין אַ פאָרם פון אַ לאַנגן לייטער — ווי קליין איך בין דעמאָלט געווען, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ פייער וואָלט מיך נאָכגעיאָגט פון אונטן. און אַז אין פראָנט שטייען טרעפּ, וואָס זיינען צו־גרויס פאַר מיינע צווי יאָריקע פיסלעך, דאָס האָב איך שוין נישט געוואוסט. און אפשר, דורך דעם פאַל, האָב איך היינט אַ הויכע פלייצע.

וועגן מיין געבורט דערציילט מיין מאַמע אַ חלום, פון וועלכן איך האָב

פאַרפאַסט שפּעטער אַ ליד: „מיין מאַמעס חלום". זי דערציילט: צו דריי פערטל יאָר האָב איך דיך אָפּגעגעבן אַ לעבעדיקן. פאַר דיר האָב איך שוין גאָט אָפּגעגעבן פינף מאַפּלינגען, זיינען זיי, די עופּעלעך, געפאַלן טויטע אויף דער וועלט, און אַלע פּונקט אין דער צייט, ווען איך האָב באַדאַרפט אַנטבונדן ווערן. מיטאַמאָל אין אַ מיטוואָך אויפדערנאַכט, האָב איך אַ חלום: איך בין צווישן מיינע אבות, וואו מען פּראַוועט אַ חתונה. אויף דער חתונה זיינען געקומען דער בלאשקער רבי, און דער טארבינער, מיטן גאסטעניגער צדיק, ר' יחיאל מאיר זצ"ל בראש, און נאָך אַ ריי זקנים מיט גרויע בערד און פּאהס. איצט געפונען זיך אָן אַ צאָל באָבעס און אַ מענגע יונגע כלות. און עס כאַפּט מיך אַ יונגע כלה און פליט מיט מיר אַ טאַנץ: מיר פליען פאַרביי די הימל־טויערן, וואו מיר טרעפן אין די הימלישע גערטנער שאַרן מלאכים זינגען שירה. און אַלץ אַרום אונדז שאַלט און זינגט: — „אסתר פריידל בת שרה, זאָל געבוירן אַ זון צו דריי פערטל יאָר און טאַקע, צום לעבן!"

מיין מאַמעס יחוס שפּרייט זיך אויס העט־ווייט פון ייד הקדוש אָן און אַזוי כסדר. פון בלאשקער און טארבינער הויף, ביזן לעצטן גדול־הדור, רבי יחיאל מאיר מגאסטינין. וועגן דעם ייד הקדוש, דערציילט מיין מאַמע: ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, דער ייד הקדוש, גייט ער אַמאָל אויפן מאַרק, אין אַ יריד־טאָג, דערזעט ער פּלוצלינג אין דער לופטן רייטן אַ מענטש מיט אַ ליכט אויפן קאָפּ. הייבט ער אָן שרייען: זעט, אליהו הנביא!" נעמט דער גאַנצער מאַרק קוקן צום הימל, אָבער זיי זעען גאָרנישט — נאָר אַ שטים הערן זיי אין דער לופטן: „זשידעק, יאַק טי וויעש, טאַ ניע פּאַוויעש". און פון דעמאָלט אָן איז אין אים געוואָרן אַנטפּלעקט דער ייד הקדוש.

נאָך מיין מאַמעס טאַטן הייס איך: חיים אהרן. אַ טשיקאַווער ייד געווען, דער חיים אהרן. צו זיבעציק יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט מיין באָבען, שרה, מיין מאַמעס מאַמע. ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב, איז זי אַלט געווען זעכצן יאָר, אָבער זי האָט אים ליב געהאַט און אים אָפּגעגעבן זיבן קינדער. דריי טעכטער און פיר זון. אַ ייד אַ סוחר איז ער געווען. אָן אַנגעזעענער באַלעבאָס אין זיין שטעטל, גאַוורטשאָוו, וואו ער האָט געהאַנדלט אויף יאַרידן, מיט „פילקאשקעס". ער, מיט זיין עלטסטן זון, פון זיין ערשט ווייב, מאָטל, פלעגן פאָרן מיט „שאַלאַנען" — אַ קייט צעניפגעטשעפּעטע פורן, וועגעלעך, אויפן מאַרק זיי צו פאַרקויפן. געהאַנדלט יאָר־איין, און יאָר־אויס, ביז אויף דער עלטער. ער איז נעבעך בלינד געוואָרן — האָט זיין מאָטל איבערגענומען דאָס געשעפט אַליין און אים פלעגט ער צאָלן אַ וועכנטלעך געהאַלט ביז ער איז געשטאָרבן. זיינען זיך די יונגע קינדער צעלאָפן: ווער קיין טאָמאַשאָוו, ווער קיין לאָדזש, ווער קיין בעלכאַטאָוו — אין די נייע וועבער־צענטערן.

דער ערשטער וואָס האָט דורכגעבראַכן אַ פענצטער קיין „איראָפּע", איז געווען הערש יוסף, דער עלטסטער זון, מיין באָבע שרהס. ער איז אַריין קיין לאָדזש און זיך אָפּגעגעבן אַלס לערניונג — פאַר אַ וועבער. נאָך אים איז צוגעגאַנגען לייכטער מיט די ייגגערע זין. אשר, שמואל און ישראל משה. הערש יוסף, דאָס „זיידענע העמדל", איז אַריין קיין וואַרשע און זיך אָפּגעגעבן אַלס אַרויסהעלפער אין אַ געשעפט. אשר, שמואל און די עלטסטע טעכטער זיינען אַוועק קיין לאָדזש. מיט מיין מאַמען, דאָס דריטע קינד, די גרעאָטנסטע, — מיט איר איז צוגעגאַנגען גאָר לייכט: זי האָט געקראָגן מיין טאַטן פאַר אַ מאַן. מיט דער צייט האָבן זיך מיינע עלטערן פון טאָמאַשאָוו אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש. איז די באָבע שרה מיט איר יינגסטער טאָכטער, עלקע, געקומען צו מיינע עלטערן.

דער יחוס פון מיין טאַטן: מיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן אין דער אַלטער קייזער־שטאָט פון דער יידישער קעניגין, אסתרקע — אָפּאָטשנע. וואו דאָס „מקום" איז אויסגעהוילט. לויט ווי אַלטע לייט דערציילן, זאָל זיך דאָרט אינעווייניק געפינען דאָס עלפּנביינערנע בעט פון דער קעניגין אסתרקע. און נישט איין חברה קונדסים, וואָס האָבן זיך געפּרואווט אַרונטערלאָזן אין דער מערה, האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן אַריינגעקוקט אין שליסל־לאָך פון דער אייזערנער טיר, און געזען ברענען אַ ליכט. עס שטייט נאָך אין מיטן דער שטאָט דאָרט אַ שוהל, און ווי מען זאָגט, זאָל זי זיין אַלט זעקס הונדערט יאָר, מיט שווינדלגענג, ווי אין דער מהר"לס שול מפּראַג. מיט ווענט וואָס פיר פאַר הענט קענען זיי ניט אַרומנעמען. אין איר אָרון קודש, זאָל זיך געפינען אַלטע ספרי תורהס פון עזרא הסופר אַליין געשריבן. און אירע אַמאָליעס זיינען געמאָלן פון אומבאַקאַנטע יידן־קינסטלער. זיי האָבן זייערע בילדער נישט אויסגעשטעלט אין פּאַריז, נאָר געמאָלן אין בתי מדרשים, ווי להבדיל, ראַפאַעל, טיציאַן, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, אין די טומאהס. זאָל מען נישט לאַכן פון מיינע פאַרגלייכן: ראַפאַעל, טיציאַן, לעאָנאַרדאָ, —צו עפּעס יידן־קינסטלער, דערצו נאָך אומבאַוואוסטע. זאָל מען נישט לאַכן: ווי אין זיי, ראַפאַעלס, טיציאַנס, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי געמעלן — אַזוי זיינען אויך אין די אומבאַקאַנטע יידן־קינסטלערס אַרבעטן פאַראַן קינסטלערישע קוואַליטעט פון אייביקייט. זאָל מען זיך נאָר איינקוקן אין די געמאָלענע לייבן, הערשן, אין דער מוטער רחלס קבר, דעם ירדן: אַזוי ווי אין יענע גרויסע הערלעכע קינסטלערס מאָלערייען, אַזוי איז אויך דאָ אין די מאָלערייען פון יידישע קינסטלער דער אָטעם פון אייביקייט. אין יענער היסטאָרישער שטאָט איז מיין פאָטער געבוירן געוואָרן. מיין זיידע, דעם טאַטנס פאָטער, האָט געהייסן משה טאָמאַשאָוו, אַ ייד, אַ מזג טוב. דער ערשטער חסיד ביים אמשינאָווער רבין, וואו מען האָט אים גערופן ר' משה. און זיין ווייב, מיין באָבע רבקה, איז גע־

ווען די ערשטע בעל־מתעסקטע אין דער חברה „הלוית המת". אָן איר האָט מען קיין מת נישט אָנגערירט. און אירס אַ באָבע, זאָגט מען, האָט געטראָגן אַ טלית־קטן. איר פֿאָטער, מיין באָבעס, איז געווען אַ רופא: ר׳ איסער רופא האָט מען אים גערופן. האָט ער פויערים געצאַפּט בלוט, געהאַקט באַנקעס, און יידן להבדיל — געגעבן אָפּפיר־מיטלען, כינע, געגלעט די בייכער ביי קינדער אַ פאַלנע דאָקטאָר: דאָס איז געווען מיין טאַטנס יחוס.

דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געהאַט נאָך צוויי זין, חוץ מיין טאַטן. איינער הייסט יאָסל. דער עלטסטער, מיין פאָטער איז דער מיטלסטער. און דער יינגסטער הייסט אהרן. וועגן דעם יאָסלען דערציילט מען זיך אָן וואונדער:

ער איז געווען אין דער טערקישער מלחמה. אָט איז ער אין דער ראָטע גאָר אַלס פעלדשער, ביי פאָניען איז אַלץ מעגלעך געווען, אפילו ווערן אַ פעלדשער אויך. איבערהויפּט אין יענער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן פאַר אונדז אַ פריש ווינטל אין דער רוסישער מלוכה — דעמאָלט איז טאַקע מיין פעטער דערהויבן געוואָרן צו אַן אונטער אָפיציר! ער האָט געהאַט גרויס אָנזען אין דער ראָטע. אין דער היים, אין זיין שטעטל, האָט ער אפילו נישט געחלומט צו ווערן אַ פעלדשער. ער איז געווען אַ יונג בעל־הביתל, ווען מען האָט איר דעם מאַן, צוגענומען אין מיליטער־דינסט. האָט טאַקע דאָס יינגע ווייבל מרעיש־עולם געווען אָבער אַזוי ווי דעמאָלט איז געווען אַ גורל: אויב מען האָט געגעבן פיר הונדערט גילדן אויסלייז־געלט, — האָט מען איינעם פון דריי פריי־געלאָזן. האָבן די אָרומיקע שטעטלעך צוזאַמענגעלייגט און איינגעצאָלט פיר הונדערט גילדן. אָבער די הילף איז אָנגעקומען צו־שפּעט. עס איז שוין געווען נאָכן לאָס. — אַזוי אַרום איז דער זיידע אַריינגענומען געוואָרן אין מיליטער־דינסט. אין דינסט האָט ער נושא־חן געווען, פאַר זיין רוסיש ריידן, ווייל אין דער היים איז ער שוין געווען אַ שרייבער אין מאַגיסטראַט. האָט ער טאַקע פלינק דערדערגרייכט צו דריי בענדלעך און געוואָרן אַ פעלדשער. און בעת עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־טערקישע מלחמה — איז ער געגאַנגען פרייוויליק אויפן פראָנט צו העלפן די אומגליקלעכע סאָלדאַטן. ער דערציילט טאַקע שפּעטער, נאָך דער מלחמה וואונדער שבוואונדער: ווי ער האָט געהיילט און געהאָלפן אַ טערקישן גענעראַל אין געפאַנג־לאַגער, און יענער האָט אים געגעבן אַ גאָלדענעם זייגער אַלס דאַנקבאַרקייט צו אים, דערפאַר וואָס ער האָט אים געראַטעוועט. און שפּעטער ווען ער איז געשוואומען איבערן דונײַ — צוריק אַהיים, האָט דער „פּראַם" זיך איבערגעקערט, זיינען דריי הונדערט סאָלדאַטן אַראָפּ צום גרונט. ער, אַלס גוטער שווימער — האָט פאַרלוירן דעם זייגער — אין געשווים, על־פּי נס — האָט ער זיך אַרויסגעדראַפּעט פון דעם איבער־

געקערטן „פראם", אַנהאַלטנדיק זיך אין אים, ביז עס איז אָנגעקומען אַ רעד־טונג־„פראם", און אים פון אַ זיכערן טויט באַפרייט.

אַחוץ די פיר זין האָט מיין באָבע געהאַט דריי טעכטער. איך זאָג באָבע, ווייל מיין זיידע איז געשטאָרבן יונגערהייט — געשטאָרבן איז ער פלוצלינג, פון אַ האַרץ־שלאַק: איינמאָל אויפשטייענדיק אין מיטן נאַכט, האָט ער אַ געשריי געטאָן צום ווייב: „רבקה" — און אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אינעם שכנס וואַנט — אַז אַלע האָבן זיך דערשראָקענע אויפגעכאַפּט — אָבער ער איז שוין געווען טויט. די באָבע איז געבליבן מיט דריי טעכטער: יוכבד, די עלטסטע, זי איז געווען אַ הינקענדיקע, שווער געווען צו קריגן פאַר איר אַ מאַן. און אַזוי ווי ביי יידן טאָר מען נישט פאַרזיצן, האָט מען איר חתונה געמאַכט מיטן „שטאָט־נאַר". זי האָט מיט אים געהאַט אַ קינד — אַן אויג אין קאָפּ, מיטן נאָמען לאה. די צווייטע טאָכטער, רייזע, איז געווען אַן עגונה איר גאַנץ לעבן, צוליב איר פרום זיין, איז זי געפאַלן אַ קרבן. עס האָט איר מאַן, איינמאָל אין אַ שבת אינדערפרי פאַררזיכערט אַ פאַפּיראָס. האָט זי דאָס דערציילט דער מאַמען — דער פרומער באָבען מיינער, — האָט די באָבע אים אויסגעשאָלטן, איז ער אַוועק פון ווייב — און איר גאַנץ לעבן האָט זי אים שוין מער נישט געזען. ער, — זאַנוול, — האָט איר איבערגעלאָזט מיט אַ קליין מיידעלע. און די יינגסטע טאָכטער, מיין מאַמע, די גליקלעכסטע און גרעסטע, מיט איר איז צוגעגאַנגען גאָר לייכט. זי האָט געקראָגן מיין טאַטן פאַר אַ מאַן.

מיין עלטסטע ברודערל האָט געהייסן נאָכן זיידען, ר' משהלע. איז ער געווען אַ וואויל געראָטן זונדעלע. איז ער איינמאָל אַוועקגעקומען און מען האָט נישט געוואוסט וואו. געווען איז עס אַזוי: מיין מאַמע איז געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין אָפּאַטשנע, אויף אַ צייט, מחמת די שלעכטע צייט אין לאָדזש, — און איבערגעלאָזט דאָס זונדעלע ביים טאַטן. מיט דער צייט האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט, איז דער טאַטע געפאָרן נאָך דער מאַמען, די רייזע האָט אינגאַנצן געדויערט איין טאָג. צוריקקומענדיק מיט מיין מאַמען, האָבן זיי שוין נישט געטראָפן זייער יינגעלע אין שטוב און, עד־היום הזה, ווייסט מען נישט וואו דאָס קינד איז אַהינגעקומען. פון דעמאָלט אָן האָט מיין מאַמע אָנגעהויבן צו קרענקן און נישט געקענט אויסטראָגן אַ קינד, ביז זי האָט געהאַט דעם וואונדערלעכן חלום ווען איך בין געבוירן געוואָרן.

אויף מיין ברית, וואָס איז אַרויסגעקומען אַ גאָר געהויבענע שמחה — איז געווען דער באַלזטער רב ר' ישראל. די צוויי באַלעבאַטים פונעם הויז וואו מיר האָבן געוואוינט, שייע פלאַק און יאַנקל באַטשאַן — אָנגעזעענע באַלעבאַטים אויף דער זגערזשער גאַס. דער וויסטער שייע פלאַק איז געווען מיט זיין עקרהדיק ווייב גאָלדעלע. גאָלדעלע איז געווען זיין צווייט ווייב. אויך מיטן ערשטן ווייב האָט ער נישט געהאַט קיין קינדער. אַזוי איז ער

געוועזן אַ פּראָסטער ייד. צוליב זיין שטאַרקן אויפהאַלטן די חברה, אין וועלכע ער האָט געהאַט שטיין ספר־תורהס — האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פּרשה חומש מיט רש״י. און דער צווייטער באַלעבאָס, יאַנקל באָטשאַן, איז געקומען אויך מיט זיין ווייב. זי האָט געהאַט אַ צוויי גאַרנדיקן גוידער, די אַלטע באָטשינע, ווי מען האָט איר גערופן. דער, ר׳ יאַנקל באָטשאַן איז געווען אַ הויכער מיט אַ ציגן־בערדל, אַן עסקן. דער דאָזער פון באַלוט, ביי אים איז געווען אַ פּאַרקערט שפּיל: אַזוי ווי ביי שייע פלאָק איז נישט געווען קיין קינדער איז ביי יאַנקל באָטשאַנען געווען, אַן עין הרע אַ פולע שטוב מיט קינ־דער: אידימס, שנורן. און יעקב וואָדעסלאַווסקי, אונדזער פאַבריקאַנט, איז געווען סנדק. און צום סוף, די פאַמיליעס פון בײדע צדדים, פון מיין טאַטע־מאַמע, די מומע מלכה מיט איר מאַן לייב, וואָס האָבן געוואוינט אין דער צווייטער זייט שטוב, אין דעם זעלבן הויז. דער פעטער יוסף מיט זיין ווייב פייגע. זי איז געווען אַ קליינע פּאַרשוין. דער פעטער משה מיט זיין ווייב אסתר. זי איז געווען אַ בריה אַ יידענע; האָט געשלעפּט די „קעטעס״ פונעם פאַב־ריקאַנט אַהיים און די אויסגעאַרבעטע סחורה פון דער היים צוריק צום פאַב־ריקאַנט. דער יונגער מאַן שמואל מיט זיין הינקענדיק ווייב, אַדל. זיין שטיפ־ברודער, ר׳ מאָטלס טאָכטער, ער, אַ יונגער מאַן, אַ שיין ליכט, האָט זי גע־נומען אַלס ווייב, די קאַליקע — ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זי נעמען. עס זיינען אויך געווען געשוועסטערקינדער און סתם שכנים פון די אַרומיקע הייזער, עס איז קיין עין הרע געווען צוויי פולן שטובן. אונדזער שטוב און אויך דעם פעטער לייבס שטוב זיינען פול מיט יידן און יידענעס, יונגע לייטלעך מיט קינדער. דער מוהל איז געווען דער באַלוטער שוחט, ר׳ רפאל. עס איז געווען אַ שמחה כנהוג ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

אייגנטלעך האָב איך געהאַט דריי ניאַנקעס: מיין מאַמע, מיין באָבע שרה און מיין מומע עלקע, מיין מאַמעס שוועסטער. די מאַמע האָט מיך געזייגן, — די באָבע האָט מיך געוויגט, און מיין מומע האָט מיך פאַר־שפּילט.

אַזוי האָבן זיך די באָבעס מיט מיר געפּאַרעט, ביז איך האָב געשטעלט אַ פיסל.

מיך אויפצוציען האָט מען איבערגעגעבן מיין באָבע שרהן. אויף אירע הענט האָב איך זיך געוויגט צוויי יאָר. זי האָט עס געבאָדן מיין קערפּערל פון טאָג צו טאָג, געוואַשן מיינע ווינדעלעך. בכלל בין איך געלעגן אונטער אַ פאַרהאַנג צוויי יאָר — עס זאָל מיך קיין בייז אויג נישט אָנקוקן. און אפרים רופא איז צוליב מיר געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז. זיינע אָפּ־שפּרעכונגען האָבן מיר, ווי עס זעט אויס געהאָלפן.

— ביי מיין שטעלן דאָס ערשטע פיסל, איז געווען אַ פרייד אין שטוב, —

וואָס איז דער טייטש אַ פרייד: די מאַמע האָט זיך צעוויינט, דער טאַטע האָט געטאַנצט און די באָבעס האָבן געשמייכלט פאַר פרייד. מען האָט אַריינגערופן די מומע מלכה מיט פעטער לייב צו זען דאָס וואונדער: חימל שטעלט דאָס ערשטע פיסל.

די פאַמיליע האָט זיך צוגעוואונטשעוועט: מען זאָל זוכה זיין צו גיין מיט חימלען אונטער דער חופה. און די באָבע שרה האָט איבערגערופן אַלע ווייבער פון אונדזערע אבות, זיי זאָלןביישטיין און צערייסן דעם גזר, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אסתר פריידלס שטוב. און די באָבע רבקה האָט אַרויסגערופן די באָבעביילקע, וואָס האָט געטראָגן אַ טלית־קטן, אַז אין איר זכות זאָל חימל גרינג דערצויגן ווערן. אמן!

מיין מומע עלקע איז אַהיימגעקומען אין אָוונט פון דער אַרבעט, האָט מען איר אָנגעזאָגט די בשורה: חימל האָט אָנגעהויבן גיין. און פאַר די שכנים האָט מען זיך אַלץ געהיט מיט מיר. מען האָט מורא געהאַט מיך צו ווייזן פאַר זיי, מען זאָל מיר חלילה נישט געבן קיין עין־הרע.

מיין טאַטנס יחוס־עצמו: קליינערהייט האָט ער געהאַט אַ גוטן קאָפּ. און שפּעטער ווען ער האָט געלערנט אַלס ישיבה־בחור מיטן אמשינאָווער רבין, ר׳ מנחם, האָט ער געזאָגט אַ בעסערן שיעור פון רבי מנחמען. דעמאָלט איז ער אַלט געווען דרייצן יאָר און ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין בעלכאַטאָוו אין דער וועבער „קאָלאָניע", ווי איך וואָלט איר גערופן. אָבער בעלכאַטאָוו איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך. יונגע יידישע קינדער זיינען צעמאָלן געוואָרן אונטער די מיל־שטיינער פון לעבן. ווי אין אַ בהלה איז מען געלאָפן פון גאַנץ פוילן קיין בעלכאַטאָוו — אין דעם נייעם וועבער־צענטער.

דאָס איז געווען אַ יידישע פאַנשטשיזנע, וואו מען האָט מיט יונגע יידישע קינדער געהאַרעוועט ווי אין מצרים אַמאָל מיט אונדזערע ברידער. מען האָט די יונגע קינדער ממש אויפגעגעסן און נישט איין יינגל איז געשטאָרבן יונגערהייט אונטערן פּרעס פון די גיריגע באַלעבאַטים, וואָס האָבן געהאַט אַ לוסט איינצושלינגען אַ וועלט. און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געהאַט מער ווי די אָרימע יינגלעך, האָבן זיי, די באַלעבאַטים, איינגעשלונגען די עלנדע קינדער. האָט מען טאַקע נישט איין יינגל געפונען ערגעץ אין אַ ליק אַן אויפגעהאַנגענעם.

פיל קינדער האָבן זיך געסמט. נישט איין יינגל האָט איינגעווייקט אין אַ גלאָז וואַסער אַ שאַכטל מיט שוועבעלעך און דערנאָך אויסגעטרונקען דעם שוועבל. אַ מגפה איז אָנגעגאַנגען צווישן די יונגע יינגלעך אין בעלכאַטאָוו. שולדיק אין דעם, וואָס האָט געטריבן די קינדער צום אייגענעם טויט איז געווען, וואָס מען האָט די קינדער געיאָגט צו דער אַרבעט פון פיר פאַרטאָג ביז צוועלף ביינאַכט. און דער עיקר, דאָס ברויט האָט מען פאַר זיי פאַרשלאָסן.

ביי יעדן מאָלצייט האָט מען צוגעטיילט אַ פּענעץ ברויט — דאָס איז געווען ווייניק אויף צו לעבן ביי אַזאַ יאָגעניש. איז מיין טאַטע טאַקע על־פּי נס ניצל געוואָרן פון דעם גיהנום ראַטעווענדיק זיך קיין טאַמאַשאָוו. דורכ־מאַכנדיק שבעה מדרי גיהנום, איז ער אָנגעקומען אַלץ געזעלן צו אַ טוך־וועב־בער. דאָס איז שוין געווען אַ הויכע מדרגה, אַ געזעלן. איז שוין ביי אים אויפן שטול געלעגן אַן אייגן ברויט. און ער האָט שוין נישט געגעסן דעם באַלעבאָס ברויט. אָבער ער איז נאָך אַלץ געשלאָפן ביים באַלעבאָס, אונטער דעם וועב־שטול, אויסגעבעט אויף דער סחורה, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט. אַזוי ביז ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען און זיך אַריבערגעצויגן אין אַ קליין שטיבעלע, דלד על דלד, און אויף אייביק פּטור געוואָרן פון דעם באַ־לעבאָס געלעגער. און אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געשמט פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה, האָט מען אים אַריינגענומען אַלץ יונגן בעל־הביתל צו די ברידער לאַנדאס, אין דער טוך־פאַבריק אַריין. מיט דער פאַמיליע לאַנדא איז דער־מאָלט פאַרגעקומען אַ טראַגעדיע, וואָס איז ווערט צו דערציילן.

די לאַנדאס זיינען געווען אַ יחוסדיקע פאַמיליע. זייער רייך, איז ביי זיי אין הויז איינגעשטאַנען דער מאַיאָר פונעם שטאָט־גאַרניזאָן. איז ביים מאַיאָר געווען אַ דענסטשיק — אַן אינטעליגענטער שגץ. איינמאָל איז דער מאַיאָר אַהיימגעפאָרן אויף אורלויב. איז דער דענסטשיק אַליין געבליבן אין די צוויי שטיבלעך, וואָס דער מאַיאָר האָט פאַרנומען. און איינמאָל, אין אַ שבת־צו־נאַכטס, ווען דער אַלטער לאַנדאַ איז געזעסן איבער דעם „שטשאָט" אין זיין קאַנטאָר, האָט ער דערפילט, אַז מען שטייט אים אונטער דער פּלייצע, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער דערזען אונטער זיך שטיין דעם דענסשטיק. האָט ער אים געגומען מוסרן, אַז ער וועט אים פאַרקלאָגן פאַרן מאַיאָר, ווען דער מאַיאָר וועט אַהיימקומען. אויף די ווערטער האָט דער אַל־טער לאַנדאַ באַקומען תשובה פונעם דענסטשיק מיט אַ קיזל־שטיין אין מוח אַריין אין דעם האָט דער דענשטשיק דערהערט, אַז מען גייט אויף די טרעפּ, האָט ער פלינק דעם געטויטעטן אַרונטערגעוואָרפן אונטער דעם טיש און די אַלטע פרוי לאַנדאַ האָט ער עמפּאַנגען מיט דעם זעלביקן קיזל־שטיין אין קאָפּ. אין דעם האָט ער ווייטער געהערט גיין אויף די טרעפּ. האָט ער איר, דער אַלטער, אויך אַרונטערגעוואָרפן אונטערן טיש און דערוואַרט דעם אָנקומענדיקן. אָבער דאָ איז דערשינען אַ פרויען־געשטאַלט — דעם אַלטן לאַנדאָס אַ פּלעמעניצע פאַר זיינע אויגן און ער האָט דעם קיזל־שטיין אויף גיך אָוועקגעלייגט און זיך גענומען צו איר. קודם האָט ער זי מאַנס געווען און דערנאָך זי דערשטיקט און צום סוף האָט ער זי באַהאַלטן אין אַ ראַל־טוך. אין דעם איז עמיצער ווייטער געגאַנגען אויף די טרעפּ. איז ער פלינק צו, צו דער טיר, איז אים אַקעגנגעקומען דעם אַלטן לאַנדאָס פּלעמעניק, דער

דער געטויטעטער מיידלס חתן. האָט ער זיך נאָך פלינקער אַריינגעכאַפּט אין קאַנטאָר און אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, און אים, דעם אָנקומענדיקן געוואָרפן דעם לאָמפּ אין פּנים אַריין און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, ביז ער האָט אים בייגעקומען. ער האָט דעם פּערטן קרבן אויך געטויט. שפּעטער האָט ער זיך אַרומגעוואַשן פונעם בלוט און זיך אָפּגעווישט מיטן פיינסטן טוך און — שאַ־שטיל — איז ער אַריין אין זיין שטוב, אַזוי ווי ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט.

צו מאָרגנס זעקס אינדערפרי, די אַרבעטער הויבן אָן גיין צו דער אַר־בעט, האָבן זיי באַגעגנט דעם חורבן — דאָס גאַנצע הויז איז „געשלאָפן" מיטן דענשטשיק בראש. און דער דענשטשיק הויבט גאָרנישט אָן צו וויסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער איז אומשולדיק. און ער נעמט אָנטייל אין דעם זוכן די מערדער. אָבער מען געפינט זיי נישט. דערווייל האָט מען מקבר געווען די הרוגים. און יעדן הורג האָט מען מיטגעגעבן צו צווי מעסער אין די הענט אַריין, זיי זאָלן נעמען נקמה פון זייערע מערדער.

מיט דער צייט איז צוריקגעקומען דער מאַיאָר פון זיין אורלויב און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ יידישע געליבטע. גייט זיך אַמאָל די יידישע גע־ליבטע אָפּוואַשן אין דענסטשיקס שטוב, טרעפט זי ליגן אויפן בעט דעם גאָל־דענעם זייגער מיטן מאָנאָגראַם פונעם אַלטן לאַנדאָ. לויפט זי אַריין מיטן זייגער צום מאַיאָר. איז דער מאַיאָר באַלד אַריין צום דענסטשיקס קעסטל. פינצטער איז אים געוואָרן פאַר די אויגן: די פינגערלעך און די אוירינג־לעך פון די געהרגעטע — האָט ער דאָרטן געפונען. און אויף דער פראַגע: ווי קומט דאָס צו אים, צום דענשטשיק, די אַלע זאַכן? האָט ער, דער דענש־טשיק, אים געענטפערט: אַז ער האָט זיי דערהרגעט. פאַר זיין מודה זיין זיך, האָט ער געקראָגן פופצן יאָר קאַטאָרגע. שפּעטער, ווען מען האָט אים גע־פירט נאָכן משפט, איבער דער גאַס, האָט ער, דער מערדער, צוזאַמענגעדרייט אַ פּאַפּיראָסל און איז צוגעגאַנגען צום קאָנוואָי־אָפיציר און האָט ביי אים פאַררויכערט.

נאָכן מאָרד האָט זיך די פאַבריק פאַרמאַכט. האָט מיין טאַטע, מיין מאַמען אַהיימגעשיקט קיין גאָווערטשעוו און אַליין איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש.

אין אָנהויב האָט ער זיך געשטעלט אַרבעטן ביים פעטער הערש יוסף. ביז מיט דער צייט האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר רובל אויף אַ וואוינונג, האָט ער נאָך דער מאַמען געשריבן און די מאַמע איז מיט מזל געקומען קיין לאָדזש און זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן צו שייע פלאַק, און יאַנקל באַטשאַן, אויף זגערזשער גאַס, נומער 66.

מיין מאַמעס יחוס עצמה: זי איז געווען אַ גערעטענע טאָכטער אין שטוב ביי מיין זיידן. די קלוגע פריידל, האָט מען זי גערופן. און אַזוי ווי עס האָט אָנגעהויבן צו גיין שלעכט אין זיידנס שטוב, איז מיין מאַמע דעמאָלט,

אַ כלה־מיידל, אָנגעקומען צו מאַשקע שענקער אין שענק אַריין און מען האָט פון איר געהאַט גרויס הנאה פאַר איר קלוג אויפפירן זיך אין שענק.

מיט אַ יונג־מיידלשן, צניעותדיקן רויטל אין די באַקן, האָט זי דער־לאַנגט שפּירט צו די פּויערים. מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה: עס קומט צופאָרן אַ פּריץ פון אַ נאָענטן דאָרף, געשפּאַנט דריי פערד נאַשפּיץ און ער שטעלט זיך אָפּ ביי דעם שענק. אויף דער פראַגע נאָך וועמען ער איז געקומען, ענט־פערט ער פּשוט: ער איז געקומען נאָך דער „מלאָדי פּאַני פריידליא", און דאָס וואָרט ער אויף איר, זי זאָל מיט אים אַהיימפאָרן אין זיין מאַיאָנטעק אַריין.

שלעכט! מען האָט געמוזט האַלטן דאָס מיידל דריי טעג פאַרשלאָסן באַהאַלטן פון פּריץ. ווי דער פּריץ האָט דריי טעג אויף איר געוואַרט, האָט ער זיך גוט אָנגעשיכורט און ער האָט צעבראָכן אַלע גלעזער און שויבן. דע־מאָלט ערשט איז ער אַהימגעפאָרן. נאָך דער מעשה מיט דעם פּריץ האָט מען זיך צוגעאיילט און געפּראַוועט די חתונה...

צום גוטן געדאַכט איז אָנגעקומען אַ כאָלעריע אין לאָדזש, און עס איז שוין געוואָרן ווי אין מצרים, „אין שם בית — שאין שם מת". איז טאַקע שלעכט. און עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי וייט, אַז טאָמער האָט איינער געהאַט שלשול, אַזוי גלייך האָט ער זיך אָוועקגעפּאַקט. און בראָנפן מיט פעפער איז געווען די איינציקע רפואה. און נאָך אַ מיטל איז געווען, טאָמער האָט ער איינער געהאַט שלשול, און איז געוואָרן בלוי, האָט מען אים געריבן די פיס מיט ספּירטוס. זיינען די בלאָע פיס געוואָרן רויט, איז אַ סימן אַז ער וועט לעבן, און טאָמער זיינען די פיס נישט געוואָרן רויט, איז געווען שלעכט. איז מיין טאַטע טאַקע אַרומגעלאָפן מיט אַ פלאַש ספּירטוס מיט פעפער צו חולאים, זיי געגעבן גלעזלעך אָקעוויט און זיי געריבן די פיס מיט ספּיריטוס.

דאָ פאַלט מיין מאַמע אויך אַוועק אויף שלשול. האָט מיין טאַטע אַוועק־געלייגט כוחות. ערשט, דער לאָדזשער רב, ר' אליהו חיים מייזל איז אַוועק־געגאַנגען אויפן בית החיים, און זעענדיק די שרעקלעכע מתים, האָט ער פאַר־שלאָסן דאָס בית־הקברות־טויער און זיך געשטעלט לעבן טויער מיטן שליסל אין האַנט און אויסגערופן:

„געוואַלד! מער לאָז איך נישט אַריין!"

און די מגפה האָט אויפגעהערט.

געווען אין באַלוט אַ דאָקטאָר: טשאַנאָרזשיל, אָדער דער געלער דאָק־טאָר. איז דאָס געווען אַ יונגער דאָקטאָר, אַ געוועזענער ישיבה־בחור. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ. האָט ער געענדיקט אין משך פון אַ פּאָר יאָר דאָס גימנאַזיום מיטן אוניווערזיטעט אינאיינעם. און ער האָט אָנגעהויבן צו פּראַק־טיצירן אין דער פאָרשטאָט באַלוט— פאַר צוואַנציק קאָפּיקעס אַ וויזיט. האָבן זיך פּלינק מענטשן צוגעוואוינט צו אים. איבערהויפּט, איז ער געווען

אַ גוטער קינדער־דאָקטאָר. מער האָט מען נישט באַדאַרפט, איז ער געוואָרן אונדזער הויז־דאָקטאָר.

ווי קומט אַהין ביי אַ מענטש צוואַנציק קאָפּיקעס? האָט זיך חימל געטאָן אַ קרום, איז מען געלאָפן נאָכן געלן דאָקטאָר. האָט חימל געטאָן אַ פּינטל מיט אַן אויג, האָט מען געשיקט נאָכן געלן דאָקטאָר. אַזוי אַ נאָך, איז גאַנ־צע טעג ביי אונדז דער געלער דאָקטאָר געזעסן.

אַ פּיינלעך געפּיל האָט איבערגעלאָזן די כאָליערע: הונדערט מיט פופ־ציק לעבנס אַרויסגעריסן פון דער יידישער עדה, איז נישט קיין קלייניקייט! איז דער יידישער עולם דורכגענומען מיט עצבות. און ווי אין יעדן חורבן, גיסט זיך אַריין אַ שפּאַלטעלע ליכט. האָט זיך אויך דאָ באַוויזן אַ שטראַל — און דאָס איז געווען אין דער געשטאַלט פונעם ליכטיקן גרייז, רבי אליהו חיים מייזל: ווי אַ ווינט האָט ער זיך געטראָגן, פון איין יידישער שטוב אין דער צווייטער און געבערענגט מיט זיך טרייסט. דאָ האָט ער געגעבן אַ סגולה, דאָ האָט ער אַ קראַנקן פאַרבונדן זיין קאָפּ, איבערלאָזנדיק אַ ברכה. דאָ, ווינטשענדיק אַ רפואה שלמה,—געבנדיק אַ רפואה בכלל. ער האָט זיך ניט גע־שראָקן און באַזוכט מסוכנע ערטער — און דאָ וואו ער, ר׳ אליהו חיים מייזל, איז געקומען, האָט דער טויט נישט געהאַט קיין שליטה. ווי אַ ווינט ווישט אָפּ דעם שטויב, האָט ער אָפּגעווישט יידישע צרות. געהיילט, געזאָרגט פאַרן מינדסטן אָדערל פונעם יידישן קבוץ — און געליטן מיט אַלע זיינע נויטן, און אין אַלע זיינע פּרעגיותן.

איך הויב אָן אַרומצולויפן. איך געדענק זיך, ווען איך האָב דערגרייכט מיט מיין נעזל צום טיש. עס געדענקט זיך אַ זאַך: די מאַמע קנייט אַ טייג קליסקעלעך, צי עפּעס אַנדערש. איך געדענק נישט אויף זיכער וואָס. און נאָך איר אַוועקגיין פון טיש בין איך דערווייל צו, אויף די שפּיץ פינגער צום טיש און אַראָפּגעשלעפּט אויף זיך אַרויף דאָס גאַנצע געקנעטעכץ. איך האָב זיך אויסגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ ראָסטשענע און עס האָט נישט וויניק כוח געקאָסט דער מאַמען ביז זי האָט מיך אָפּגערייניקט פונעם טייג.

אונדזער נייער פאַבריקאַנט ר׳ אברהם הערש גאָטויל, איז געווען נישט קיין שלעכטער ייד. אַ געוועזענער חסיד, האָט ער געהאַט גאָט אין האַרצן צו זיינע וועבערס. אמת, די וועבערס האָבן געמוזט אַרבעטן עבודת פרך: הונדערט און צוואַנציק איילן סאַטין, אויסאַרבעטן פאַר זעקס רובל. דאָס האָט געגומען איבער דער וואָך, אָדער צוויי שטיקלעך „מאַנטיק״, צו הונדערט און צוואַנציק איילן יעדער שטיקל, וואָס האָט אויך גענומען אויסאַרבעטן אַרום אַ וואָך, — צו דריי רובל אַ שטיקל, — און די סחורה האָט געמוזט זיין גלאַט ווי שפּיגל — און אָן אַ קנייטשעלע, אָן אַ פעלדעלע.

איך וואַקס. איך קרעפּטיק זיך. איך לויף ביי דער מאַמעס שערץ, ביים

טאַטנס קני. איך רעד שוין אַרויס אַ צאָל ווערטער: ווי טאַטע, מאַמע, ברויט און די גדולה איז גרויס ביי אונדז אין שטוב, וואָס חיימל שטעלט שוין צוזאַמען אַלע פּסוקים: טאַטע איך גיין, מאַמע עסן. איבערהויפּט קוועלט אָן די באָבע שרה פון מיין ערשט לשון. און די מאַמע לאָזט מיר וואַקסן פּאה׳לעך און גיין, גיי איך אָנגעטאָן אין אַ אַכט קאַנטעק, סאַמעט קאַפּעלע מיט אַ קנעפּעלע אין מיטן מיט אַ ארבע־כנפותל — אַ גאַנץ חסידל. מען רופט מיך רבילע און איך גיי אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ קמיעלע, — פון אַ גוטן יידן אַ ברכה — אויף די הענט רויטע בענדעלעך, אַ סגולה פאַר אַ שלעכט אויג.

דער טאַטע מאַכט מיר אַ מי שברך יעדן שבת ביי קריאת התורה. ער איז אַ לוי, האָט ער יעדן שבת אַן עליה טאַקע ביי שייע פלאָק אין דער חברה. אַזוי בין איך באַוואָרנט פון אַלע זייטן.

אַ פרייד ביי אונדז אין שטוב. מיין מאַמע האָט געבוירן אַ מיידעלע. צירעלע האָט מען עס אַ נאָמען געגעבן און געקומען איז זי אויף דער וועלט אין אַ הייבעלע — אַ סימן אַז זי וועט זיין מזלדיק. דערווייל איז דאָ מזל אין שטוב: דער טאַטע האָט אַהיים געקויפט גוטע זאַכן פאַר דער קימפּעטאָרין: פיין געבעקס, טיי מיט צוקער און ציטרינען. און אַזוי ווי איך בין צעפּיעשטשעט, גיט מען מיר נאַשן לרוב. גיי איך טאַקע אַרום מיט פולע הענטלעך, און ווי אַזוי די קימפּעטאָרן איז פאַרנומען מיט דעם ניי־געבוירענעם קינד, לאָזט מען מיך דערווייל אויף גאָטס׳ באַראָט און קיינער קוקט זיך אויף מיר נישט אַרום. אויך די באָבע איז פאַרהאַוועט מיט דעם נייעם קינד, איז נישטאָ ווער עס זאָל אויף מיר אַכטונג געבן.

מיר ציען זיך איבער. מיר האָבן געדונגען אַ נייע דירה, אין אַ הויז אויף זגערזשער גאַס נומער 64. און די וועבער שטיקלעך: ווי ריגלען בריסט־בוימער, צווינג־שטאַנגען, וועליעס, פאַרשימעלעס, שינען, אויבער־קעפּ, אונטער־קעפּ אַריינגעוואָרפן אין נייעם הויף אַריין דורכן פענצטער פון דער נייער דירה. און די רעשט — די ווענט פון די וועבער־שטולן בעטן, קאָמאָדן, און אַנדערע מכשירים, קלייניקייטן אַזעלכע, האָט מען אַרונטער־געטראָגן אין הויף אַריין. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אויפלעבונג ביי אונדז. ווייל מיט דעם פאַבריקאַנטס רייך ווערן, זיינען די וועבער אויך צו זיך געקומען, און זיי האָבן אַ ביסל אויפגעלעבט. מיט דעם ערשטן ביסל געלט וואָס די וועבער האָבן פאַרדינט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זוכן נייע וואוינונגען. די פאַבריקלעך האָבן זיך פאַרברייט. האָבן מיר געדונגען אַ וואוינונג אויף פיר שטולן און דאָס ציט מען זיך איצט אין דער וואוינונג אַריין. צוויי שפּאָגל נייע שטולן האָבן מיר באַשטעלט ביים שנאָפּלדיקן עזריאלקען — ביים טישלער אויף פּייפּלערס גאַס. אַ שפּאָל רעדל ביים דרעקסלער אויף פראַוועטן גאַס. צוויי אַלטע שטולן האָבן מיר געהאַט, האָבן מיר אויפגעשטעלט

פיר שטולן — מיטן קנאַק, און אויף זיי פאַרגעריכט שאַטינען מיט טאַנטערס און מיין טאַטע איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון פיר שטולן.

דער הויף ווי' מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן, איז געווען אַ גרויסער און אַ רחבותדיקער אַרומצולויפן. דאָס הויז — אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע, וואו מיר האָבן געוואוינט איז געשטאַנען טיף אין הויף און איז געווען אַ פרייער הויף אַרומצואוואַרפן. האָב איך, אַ פיר־יאָריק יינגל, צעלאָזט מיינע יונגע פיסלעך און האָב זיך גענומען שפילן.

טיף אין הויף קעגן אונדזער הויז, איז געשטאַנען אַ נידעריקע געמויערטע הייזקע, וואָס האָט געהערט צום ערל שימסקי. ער איז געווען ביים פאַך אַ שלאָסער און ער איז נישט געווען קיין אוהב ישראל. איך מיט זיין שגצל, מאַטעק, וואָס איז געווען אין מיינע יאָרן, האָבן זיך ביידע געשפּילט. איך האָב זיך מיט מאַטעקן ליב געהאַט צו שפּילן. האָט זיין פאָטער, דער אַנטיסעמיט נישט געלאָזט אים זיך מיט מיר שפּילן, כאָטש אונדז קינדער האָט געצויגן איינער צום צווייטן. און דאָ פון איין זייט געשטערט. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו שטערן אויך פון דער אַנדערער זייט: אויב עס פאַסט נישט דעם אַנטיסעמיט שימסקי, אַז זיין זון זאָל זיך שפּילן מיט מיין מאַמעס קינד, פאַסט מיין מאַמען אויך נישט, אַז איר זון זאָל זיך שפּילן מיט זיינעם.

אָבער אַ לעבן איז דאָך געווען ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעגנבעט פון אונדזערע עלטערן און גענומען זיך שפּילן אין פאַרשידענע שפּילן. פאַרשידענע שפּיל־זאַכן האָט ער מיר געבראַכט, ווי צווענגעלעך, העמערלעך, פאַרשידענע שליסעלעך, גרויסע, קליינע, פּיטשינקע. און דאָס האָב איך אַלץ באַהאַלטן ביי אונדז אין שטוב, צווישן די שטולן, און נישט איינמאָל האָט מאַטעק געקראָגן מיט אַ לעדערנעם רימען איבערן הוילען לייב, ווען זיין שטיף־מוטער האָט אים געטראָפן ביי אונדז אין שטוב, שפּילנדיק זיך מיט מיר.

***

אַקעגן איבער אונדזער טיר וואוינט דער רעוויזאָר, אַן אָפיציר, וואָס גייט איבער געוועלבער און מאַכט אונטערזוכונגען. טאָמער געפינט ער אַ פעקל טאַבאַק אָדער אַ פעקל טיטון אין אַ געוועלב וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאַטענט, מאַכט ער אַ פּראָטאָקאָל, אַז דאָ געפינט זיך קאָנטראַבאַנדע. און מען דאַרף מער נישט! דאָס ערשטע מאָל איז די שטראָף אַ געוויסע סומע געלט. עס איז געווענדעט נאָך דער גרויס פון דעם געוועלב, אָדער סקלאַד. דאָס צווייטע מאָל, איז די סומע נאָך אַ גרעסערע. און צום דריטן מאָל, נעמט ער צו אינגאַנצן דעם פאַטענט און ער הויבט אָן באַקומען מתנות פון אַלע זייטן: דאָס געוועלב שיקט אים אַ פּאַק פון צען פעקלעך טוטין. דער סקלאַד שיקט אים אַ פּאָר הינטלעך צוקער, און די שענק שיקט אים אַ

טינדעלע אימפּאָרטירטן ביר. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ לובאַוויטש, וואָס זאָל האָבן געהאַט אַ זיידן אַ יידן, חברט זי זיך מיט מיין מאַמען, און מיר געניסן פון אַלע גוטע זאַכן, וואָס מען שיקט צום רעוויזאָר.

מיר האָבן אַ שכן הייסט ער שאול מאַנספּאַרשוין. דאָס איז אַ באַלעבאָס פון זיבן פּאַרגעריכטע שטולן, וואָס טראָגן אויף זיך שיגאַט מאַשינען און טוך מאַשינען. ער וואוינט אויף דעם צווייטן שטאָק, אַ שטאָק העכער פון אונדז. איז דאָס אַ ייד וואָס האָט ליב מאַכן אַ כוסה. דער ערשטער חברה קדישא מאַן פון לאַדזשער חברה קדישא. טאַמער איז איינער געשטאָרבן, איז מען געלאָפן צו שאול מאַנספּאַרשוין אָפּדינגען פון קבורה געלט. עס ווענדט זיך ווי גרויס דער פדיון איז געווען וואָס יענער (דער מת) האָט איבערגעלאָזט. און די חברה קדישא־לייט האָבן זיך געקענט הייסן משלם זיין אפילו פינף הונדערט קערבלעך, וואָרים וואָס גרעסער דער פדיון איז געווען, אַלץ גרע־סער איז געווען די כוסה. און שאול מאַנספּאַרשוין האָט געקענט מאַכן „אַ שהכל". איז ער טאַקע געקומען אַלע טאָג אַהיים צוועלף ביינאַכט און תמיד שיכורלעך. אָבער אַ וואוילער שכן איז ער געווען און אַ גוטער ברודער.

מיינע עלטערן מאַכן אַ חנוכת־הבית: פאַרבעטן די שכנים אויף אַ בראָנפן מיט לעקעך. אגב־אורחא כאַפּן שכנים אַ שמועס ביים בראָנפן. אַזוי פאַרציט זיך דער שמועס ביז אַ שטיק אינעם מוצאי־שבת אַריין. גראָד אַ שבת האָבן מיינע עלטערן אויסגעקליבן פאַרן פאַסיקסטן טאָג פאַר אַזאַ שמחהלע — און שכנים זיינען זייער בגילופנדיק.

שאול האָט שטאַרק ליב דאָס ביסל יש, צעוואַרעמט ער זיך מיט דבקות און ווינטשט די נייע שכנים — מיין טאַטן מיט דער מאַמען אַ סך מזל און הצלחה צו זייער אַריינציען זיך אין דער נייער דירה.

די לובאַוויטש, דעם רעוויזאָרס — דער רעוויזאָר אַליין איז פאַרנומען מיט מאַכן אַביסקעס — פאַלט מיין מאַמען אויפן האַלדז — ווי אַ טאָכטער פון אַ יידישן שטאַם — און צעקושט זיך מיט מיין מאַמען. און שימסקי, דער אַנטיסעמיט, קעגן זיין האַנדלונג לגבי מיר און זיין זון, איז דאָך געקומען אויף מיין טאַטנס איינלאַדונג, הויבט אָן אַרויסצואווייזן בקיאות אין יידישע ענינים: אַז יידן עסן ווייסע חלה, מאַכן קידוש איבער וויין, געניסן פון די בעסטע חלקים פון פליש, און יידן האָבן די שענסטע ווייבער — אַ סימן די פּאַני פריידלא — מאַכט ער מיין מאַמען אַ קאָמפּלימענט.

דאָס פלעשל וויין האָט קיינמאָל נישט געפעלט ביי מיין מאַמען אונטער דעם קישן. געקויפט האָט מען די ווײַנען ביי עזרא שיכור — אַ ייד אַ הדרת־פּנים, האָט געשפּילט אַ גאַנצע ראָלע אין לאָדזשער קהל. איבערהויפּט האָט מען די גוטע ווײַנען געקויפט ביי עזראַס ווייב — אַ פרוי אַן אשת־חיל. אַז זי

האָט געהערט אַז מען דאַרף פאַר אַ קראַנקן, צי פאַר אַ קימפעטאָרין אַ פלעשל ווייַן, האָט מען זיך שוין נישט געגאַרט און מען האָט שוין באַקומען דאָס אמתע פלעשל ווייַן. ווי געזאָגט, האָט קיינמאָל נישט געפעלט ווייַן ביי מיין מאַמען און געבראַכט דאָס פלעשל ווייַן, האָט מיין טאַטע. און מיט ליבע הענט האָט עס געשטופט אונטערן קישן ביי מיין מאַמען צו־קאָפּנס.

דעם ערשטן אות האָט מיר געוויזן די באָבע שרה — זי איז דאָס געווען מיין ערשטע מלמדקע. איך מוז זאָגן אַז דער אופן ווי זי האָט געלערנט איז געווען אַ וואונדערלעכער: צו יעדן אות האָט זי געהאַט אַ מעשהלע, צוגעפּאַסט צו מיין פאַנטאַזיע. למשל:

איז געווען אַ קעניג — געגאַנגען בעטלען אין הייזער.
קאַליף, האָבן אַלע געשריגן:
האָט ער געהאַט אַ זון — קאַליף!
אלף. ס׳איז דער קייזער און פּרינץ,
איז דער זון מיט דעם קייזער, אלף.

דאָס איז אויפן אַלף. אויף דעם אות בית איז געווען אַ צווייט מעשהלע:

איז געווען אַ שיפער אין אַ טיפן הייל.
און אַלטער גרייז, הויבן אָן
האָט ער געהאַט אַ ווייבעלע צו שפּילן זיך:
די באָבע בית. אַ ראָד — אַ קרייז —
גייען זיי אַ יאַגעניש טאַנצט דער דיידעניו
אַ שפּרייז — אַ מייל מיט דער באָבע
קומען זיי צו קונדסים בית.

האָט זי, די באָבע שרה, טאַקע געהאַט אַ פּעולה. איך האָב פלינק זיך אויסגעלערנט דעם אלף בית.

מיין ערשטער מלמד האָט געהייסן ר׳ מאָטל. דאָס איז געווען אַ ייד אַ הויכער, מיט אַ געדיכט געלער באָרד, מיט אַ קאַנטשיק וואָס האָט געשמיסן פאַר יעדער קלייניקייט.

איז דער ר׳מאָטל געווען אַ ייד אַ פּראָסטער, אַ דרדקי־מלמד. און גע־האָט אַ ווייב, גליקע. האָט זי געהאַט אַ שוואַך חולאת צו קינדער האָבן. און צו מיין צייט ווען איך האָב ביי איר מאַן געלערנט, האָט זי געהאַט אַ קינד, אַ נופלע, אַ זיבעלע. וואָס האָט זיך מיטן קינד אָפּגעטאָן! מען האָט עס גע־וויקלט אין וואַטע און געהאַלטן אין אַ ספּעציעל־געמאַכטן פּיעלניק — פון ציגל־אויוון. פאַרשטייט זיך, ביי אַ נידעריקער טעמפּעראַטור. לסוף איז עס אויך געשטאָרבן, ווי די פריערדיקע נופלעך ביז אַהער.

נאָר צו מיר האָט ער נישט גענוצט דעם קאַנטשיק. מיט מיר איז ער זיך

באַגאַנגען אײדל. וואָס נישט האָט זיך אָפּגעטאָן ביי מיין ערשט גײן אין חדר אַריין! אַ מעסערל און אַ צאַפּל מענטשל האָט ר׳ מאָטל מיר געגעבן, ווען מיין מאַמע האָט מיך דאָס ערשטע מאָל געבראַכט צו אים אין חדר אַריין. וואו איך האָב זיך איינגעטוליעט אונטער מיין מאַמעס שערץ, אַנקוקנדיק דעם ר׳ מאָטלען מיטן קאָנטשיק אונטערן נאַקעט־פאַרשאַרצטן אָרעם, און מיטן ברייטן טלית־קטן פאַרוואָרפן אויף די קני. (ס׳איז געווען זומער, אין מיטן חודש תמוז). דער טומל פון די אלף־בית קינדער האָט מיך געשראָקן. דאָס געשריי פון די טראַף־ייִנגלעך האָט אין מיר פּחד דערוועקט. און עס האָט נישט גע־האָלפן, נישט דאָס מעסערל, נישט דאָס צאַפּל־מענטשל, און איך האָב זיך צע־וויינט, זיך איינגווערענדיק אין דער מאַמעס קלייד.

דעם צווייטן טאָג איז שוין נאָך מיר געקומען דער בעלפער, „אשרל", אַ באָרוועס־אָפּגעריסן, דערוואַקסן בחורל. געקומען איז ער מיך נעמען אין חדר אַריין. מיט פאַרשיידענע קונצן האָט ער מיך פאַרנאַרט אין חדר אַריין. איז כאָטשבע אויף אַ האַלבער שעה. פאַר דעם האָט ער זיך מיט מיר געשפּילט אין באַהעלטערלעך, וואו איך האָב זיך פאַרשטעקט צווישן די שטולן, אַז ער האָט מיך קיינמאָל נישט געפונען. אָבער מער ווי אַ האַלבע שעה בין איך אין חדר נישט געזעסן; בלויז ביים אָפּלערנען, און צופרידן בין איך געווען, און צופרידן — דער רבי.

פאַר דעם האָב איך געהאַט אַ נייעם חבר, צו מיר נישט גלייך אין יאָרן. אָבער גלייך ווי איך, האָט ער זיך געשפּילט. און געשפּילט האָבן מיר, אַז נישט אין באַהעלטעלעך — איז אין בלינדע קי. פאַרשטייט זיך, די בלינדע קי איז ער געווען. ער האָט זיך אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ איבער די אויגן מיט אַן האַנטעך און אַרום מיר אַרומגעטאַנצט, ווי אַ פּרינצעסן אַרום איר שוואַרצן פּרינץ.

דער הויף פון ר׳ מאָטל האָט געהערט צו שמואל קצב, אַ ייִד אַ נגיד. טאַקע אַ ייִד אַ קצב, אָבער אײדעמס האָט ער זיך איינגעשאַפט אײנעם ביי אײנעם. אַ ייִדל אַ קורצער, אַ דיקער, מיט דיקע הענט און פולע, געפּאַקטע אָרעמס, צו קענען טראָגן די קעלבער און די פריידיקס פונעם וואָגן אויפן האַק אַרויף. האָט דער הויף, — אַ גאַנצע פּאָסעסיע, — געהערט צו דעם ייִד, צו שמואל קצב.

איז דאָס געווען אַ הויף — אַ וואַלד, לאַנג און טיף, און פונקט אין עק־שפּיץ פון הויף איז געשטאַנען דאָס הויז, וואו ר׳ מאָטל האָט געהאַט זיין חדר און פונקט קעגנאיבער די חדר־פענצטער איז געשטאַנען אַ שטאַל פאַר קי און פערד, פון שמואל קצבס ראַל — און פליייש־וועגן. איז אַן אייביקע מלחמה אָנגעגאַנגען צווישן הינטל מאָפּס, מיט דער צעשפּאָלטענער נאָז, מיט די שטשו־רעס פונעם שטאַל. איז פאַר די קינדער געווען אַ שפּיל צו זען!

מאַפּס האָט געקענט לויערן אַ האַלבע שעה. היטן אים אַלע קינדער פון חדר, ביי אַ יאָגן זיך אויף זיינע קרבנות, אויף די מייז, וואָס זיינען געווען גרויס ווי קעץ און פעט ווי קראָליקעס. די מייז האָבן געגעסן בשותפות מיט די פערד דעם האָבער, וואָס בוניע, שמואל קצבס פערד־יונג, האָט אַריינגע־שיט אין דער קאָרעטע. איז טאַקע געווען אַ לעבן! אַנשטאָט צו זיצן אין חדר, זיינען מיר, חדר־יינגל'עך געזעסן ביים שטאַל און געלויערט מיט מאַפּסן אויף די מייז.

אַ ניי לעבן מאַכט זיך ביי אונדז: די מומע עלקע איז אַ שיינע. קומען צו איר בחורים און קלייבן אַרום איר ווי בינען אַרום אַ רויז. און וואו קומען זיי? מסתמא צו אונדז אין שטוב אַריין. איז טאַקע היימלעך. קומען זיך צו־זאַמען בחורים און שטעלן צו טינדלעך ביר, און איין בחור פיינערט זיך אויס פאַרן צווייטן, שטעלן זיי אויס יעדער זיין ביר. זאַמלען זיך אָן ביי אונדז אין קעמערל אַ גאַנצע אַרמיי טינדלעך. און אַז עס קומט ווינטער איז טאַקע דאָ וואָס צו ברענען. און ברענען, ברענען זיי נישט שלעכט. מחמת, וואָס זיי זיינען געגלייזט מיט סמאָלע, פלאַקערן זיי טאַקע אין אויוון, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן.

און קומען, קומען זיי, די בחורים, כסדר: אָט קומען די ברידער העקער, דאָס זיינען צוויי הויכע בחורים, מיט ברייטע הערצער, וואָס ביי זיי שפּילט אַ ראָלע אַ טינדל ביר? אַ שמעק טאַבאַק!

און אָט קומט אליעזר, מיין טאַטנס אַ קרוב. און קומען קומט ער אַ שמע־קענדיקער, אין בוזעם־טאַש איינגעפּרעסט אַ רויז, וואָס האָט נאָך אין זיך איר גאַנצן דופט, ווי ערשט פון גאָרטן. קומט לייב, דער, וואָס האָט זיך רק געשדכנט צו מיין מומען עלקע. אויך ער האָט איר געבראַכט אַ סך מתנות. אליעזר איז געווען אַ יונג אַ בריה. ער האָט פאַרדינט צוועלף רובל אַ וואָך. און ער האָט געבראַכט מתנות דער ליבסטער זיינער, פון פאַרשיידענע בראָשן, פון אַ שפּילקע ביז אַ קאַליע. און זיי זיינען געווען איינגעפאַסט אין איידל־שטיינער. פון אַ רינגל ביז אַן אַרמבאַנד, פאַרזעצט מיט קינצלעכע שלעסער, טייערע אוירינגלעך מיט עכטע טירקוסן.

דאָס אַלץ האָט אליעזר געבראַכט, אַז זי זאָל זיך עפּעס אויסקלייבן. גע־קליבן האָט זי לאַנג. און די מומע איז געווען דער מבין אויף די אַלע איי־דעלע זאַכן. ווי גליקלעך איז דער בחור געווען, אַז זי האָט אויסגעקליבן אַ רינגל! דאַן האָבן זיך נאָך מער געגאָסן די פעסלעך ביר. און נאָך און נאָך בחורים, וואָס שוועבן פאַר מיר ווי אין חלום. און איך געדענק זיי נישט אויסצומאָלן פון מיין זכרונות־נעפּל. זיינען זיך די בחורים צוזאַמענגעקומען אַלע שבת צו אונדז אין שטוב. איז געווען אַלע שבת ליהודים!

מזל־טוב! מיין מאַמע האָט געבוירן אַ דריט קינד. דודלען, מיט מזל.

און מזל איז געווען אין שטוב לרוב, אויף אַן אמת האָט זיך דאָס גליק צע־שפּילט. פיר שטולן זיינען געגאַנגען אין דער היים. און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מוסטערן דרויסן ביי גאַטאייל אין געשעפט.

, אַ גאַנצע איבערקערעניש האָט דעמאָלט גאַטאייל אָנגעמאַכט צווישן די באַלוטער וועבערס. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פרייען „שטול", האָט אָנ־געהויבן צו אַרבעטן פאַר גאַטאיילן. און גאַטאייל האָט געצאָלט דריי רובל מיט פופציק קאָפּיקעס פאַר אַ קליין שטיקל סחורה, פון פינף און זעכציק איילן. האָט מען אַריינגעטשאָפּעט דריי שטיקלעך דורך דער וואָך. האָט מען אַהיימגעברענגט אַן אימפּעריאַל, אַ צענרובלדיקן גאָלדשטיק!

און אָנגעהויבן צו אַרבעטן האָט גאַטייל אויפן ברייטן מאַסשטאַב: אַ פּאָר הונדערט שטולן געלאָזט לויפן. האָט זיך אַ נייער שטראָם פון הכנסה אַריינגעריסן צו די וועבערס אין די טאַשן אַריין. און דאָ, האָט שיפער פּלוצ־לינג אויפגעשטעלט אַ שעגאַט־מאַשין צו מוסטערירן, און די מוסטערן צו מאַכן. האָט שיפער מיין טאַטן אויסדערוויילט פון אַלע וועבערס. האָט זיך עס גלייך פונאַנדערגעשפּילט, אין דער היים — פיר שטולן, אין דרויסן, ביי גאַטאיילן, — מוסטערירן פאַר צוועלף רובל אַ וואָך. איז דאָס קינד געקומען מיט גליק.

מאַכט זיך איינמאָל אַזאַ חתונה: דער רעוויזאָר האָט זיך אָנגעשיכורט ווי לוט. און ער האָט גוט אָפּגעמאַקלט די ביינער איר, דער ליובאָוויצע זיי־נער. אויף אירע געוואַלטן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן דאָס גאַנצע הויז שכנים דעם רעוויזאָר, פון דעם בייזן שלאָגן. וואָרום, ער האָט געקאָנט שיסן אויך. — און יעדער איינער האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין אַהין, אָפּהאַלטן אים, און געשלאָגן האָט ער זיך, ווי מען קיילט אַ חזיר.

צום סוף האָט זי זיך אַרויסגעריסן, מיט בלויע אונטערגעשלאָגענע אויגן, פון זיינע ווילדע הענט, און איז אַריינגעלאָפן צו אונדז אין שטוב אַריין. אוי, ווי מיר האָבן זיך אַלע פאַר איר איינגעשטעלט! דער טאַטע מיינער האָט אפילו אַריינגעוואָרפן אַ פּוילישן זאַץ: „ניעך פּאַן פּשידזשע, טאָ יאַ יעגאָ דאַם." געמיינט האָט ער ערנסט. ווייל ער האָט אויפגעהויבן דעם דרייקנעטל, געבנדיק מיט אים אַ פּאַך אין דער לופט.

*
* *

איך לערן שוין טראַף. איך פּאַר שוין צוזאַמען אותיות מיט נקודות. אמת, איך שרעק זיך נאָך פאַרן רביז, אָבער פאַר דאָס בין איך אַ גאַנצער שמעלקע מיטן באַהעלפער, און הענג זיך אָן ביי אים אויפן האַלדז און ער שפּילט זיך מיט מיר אין ווינטמיל. ער דרייט זיך מיט מיר אַרום אין עיגול

ווי אַ ווינט, אָדער ער שפּילט מיט מיר עטל־בעטל: ער מאַכט מיט אַ שטריקל פֿאַרשיידענע קונצן און ער לערנט מיך ווי אַזוי איך זאָל אַרויסכאַפּן פֿון זיינע הענט דאָס בעטל. איך האָב ליב צו זען, ווי ער פֿאַרפּלאָנטערט דאָס שטריקל צווישן זיינע פֿינגער. דאָ מאַכט ער אַ שלאַנג, דאָ אַן עקדיש, דאָ גאָר אַ געפֿלאָכטענע חלה, ממש אַ צוקער־חלה, מיט אַכט פֿלעכטלעך. אַלץ לעבט אונטער זיינע פֿינגער. דער שלאַנג פֿויזעט, דער עקדיש קריכט און די חלה שמעקט פֿון זאַפֿראַן — נעגעלעך און מאָן. און אַזוי שפּילן מיר זיך אין אַ ווינקל פֿון אונדזער גרויסער שטוב, וואו קיינער שטערט אונדז נישט.

אַזוי ווי דער הויף איז ביי אונדז אַ ליידיקער, האָט מעכל בעקער געדונגען אַ שטיקל פּלאַץ, און זיך אויפֿגעשטעלט אַ ביידל צו פֿאַרקויפֿן זיין געבעקס. ער האָט געהאַט זיין בעקעריי אַרויף, אויף דער זגערזשער גאַס, אַזש ביים פֿעלד, וואו עס נעמט לויפֿן קאַלבאַכס גאַס, אַראָפּ צום באַלוט, אויף דער גרענעץ צווישן ראַדעגאַשטש און באַלוט.

(נישט פֿאַרענדיקט)

אין טויטן־הויז

(טאָג־בוך)

פון חיים קרול

.1

איך הויב אָן מיטן היינטיקן טאָג, דעם 22־טן אויגוסט, 1940, מיין טאָג־בוך. אַ שאָד וואָס איך הויב אָן שפּעט, אַזוי שפּעט מיין טאָג־בוך צו שרייבן. עס יאָגט מיך שוין פון לאַנג צו שרייבן אַ טאָג־פאַרצייכענונג. איך וועל אין אים אַריינשרייבן פּאַסירונגען פון מיין לעבן, זעאונגען פון מיין אויג, באַטראַכטונגען פון מיין פאַרשטאַנד.

ווי באַוואוסט, לעב איך שוין דאָס זעקסטע יאָר אין אַ „היים״ פון אומהיילבאַרע קראַנקע, וואו איך לעב מיט דער לופט פון קראַנקע, וואו איך אָטעם מיט דער לופט פון די קראַנקע, וואו איך אָטעם דעם אַוויר פון די קראַנקע אין זיך אַריין. איך פול אויס מיין טאָג מיט חולאים.

אָבער אַלץ וואָס איך זע אין שפּיגל פון קראַנקע, טיילמאָל זע איך אויך אין שפּיגל געזונטע געשטאַלטן, אָבער דאָס מערסטע זע איך קראַנקע צורות, צעטומלטע ברואים — די קרענק טוט אים, דעם קראַנקן אויס, פון זיין צלם אלהים־קלייד. זי, די קרענק צעבייגט אים, בייגט אים איין און מאַכט פון אים אויס מענטש. זי, די קרענק, מאַכט פון אים אַ קאַריקאַטור, שטעלט אים אויס פאַר אַ שאָטן.

.2

דאָסטאָיעווסקי האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואו ער שילדערט דאָס לעבן פון קאַטאָרזשניקעס — „דאָס טויטע הויז״ — נעם איך טאַקע דעם נאָמען פאַר דעם הויז וואו איך לעב, — „טויטן הויז״, זאָל עס אַזוי בלייבן.

לעב איך, הייסט עס אין דעם „טויטן הויז״, וואו דער טויט שפּאַצירט מיט ריזן־שפּאַן און ליידיקט אויס די בעטן פון מיין „וואָרד״, פון וואַנען מען פירט אַוועק די אָפּגעקילטע קערפּערס, אין „אייזבאָקס״ אַריין, אונטן אין קעלער.

.3

דעם 23־טן אויגוסט, 1940.

מיט צוועלף יאָר צוריק האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע: „איך און די קאַליקעס״, וואו איך שטעל דאָרט פאַר אַ צוזאַמענלעבן צווישן מיר און די

קאַליקעס. דאָס איז געווען פאַרשטייט זיך אַ פאַנטאַזיע, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך מיט אַווירקלעכקייט. היינט לעב איך צווישן אמתע קאַליקעס, צווישן האַרץ־ליידנדיקע „סטראָוק־קראַנקע", דאָס איז אַ קרענק ווי איין האַנט און איין פוס ווערט אָפּגענומען. עס זיינען פאַראַן קראַנקע ביי אונדז, וואָס זיינען גליקלעך, קראַנקע וועלכע העלפן זיך אַליין, ביים אויסטאָן און ביים אָנטאָן. עס זיינען אָבער דאָ ביי אונדז קראַנקע, וואָס זיינען געליימט אויף ביידע הענט און פיס, דאָס איז אַ יקר המציאות. און אַזאַ עקזעמפּלאַר, געפינט זיך ביי אונדז אין וואָרד, וואָס ער קען נישט רירן מיט די הענט און פיס. דער רוב בנין איז מיט שלאָפנדיקע, דאָס הייסט אַ קרענק ווי מען דרימלט תמיד, און איין האַנט און איין פוס ציטערט. ביי אַ טייל — ביידע הענט און ביידע פיס, און צווישן זיי בין איך בכבודי ובעצמי.

24־טן אויגוסט.

הייסט עס, לעב איך אין דעם שפּיטאָל דאָס זעקסטע יאָר. האָב איך זיך פיל אָנגעזען. למשל: שטייט אויף אַ חולה, „פריש און געזונט", נעמט פילן עפּעס נישט גוט אַ מינוט אַרום ער איז שוין נישט דאָ. צי איינער עסט אָנבייסן און עסנדיק פאַלט אים אַרויס פון האַנט דער לעפל — ער איז שוין נישט דאָ... צי אַ חולה לייגט זיך אין בעט אַריין, אין אָוונט, גיט ער זיך אַ קרום, און אויס, ער איז ניט. ביי אַ טייל קראַנקע איז גראָד פאַרקערט; זיי ליגן יאָרן אָפּ און בעטן אויפן טויט, און דער טויט קומט נישט זיי צו באַפרייען. אָט ליגט איינער מיט אַ קרעבס, ער ליגט שוין יאָרן און דער ראַק האָט אים נאָך נישט אויפגעגעסן, הויט און ביין ליגט אין בעט, ער שטאַרבט לאַנגזאַם, ביי אים קומט נישט דער טויט פּלוצלינג — צו אים קומט ער פאַר־מעלעך, פּאַוואָלינקע, גייט אויס ווי אַ ליכט, וואָס צאַנקט און ערשט דאַן שטאַרבט ער. אָדער: עס ליגט איינער פון משלנו — דאָס הייסט פון די שלאָפנדע, ער ליגט ווי אַ שטיק ליים, שווער, קלעפּעדיק, ער ליגט שוין יאָרן, אונטער אים שפּרייט זיך אויס דאָס אמתע „מאַטראַצן־קבר" — דאָס האָט ער זיין קבר ביים לעבן, צו אים קומט נישט דער טויט פּלוצלינג, נאָר ווי אַ קול וואָס ציט זיך אין דער אייביקייט אַריין, אַזוי ציט זיך זיין טויט.

4.

25־טן אויגוסט

אין מיין „וואָרד" איז פאַראַן 13 בעטן, אויף וועלכע די קראַנקע רוען, מיט דרייצן פאַר ליילעכער פאַרדעקט.

דרייצן „פּלאַנעטן", וואו יעדער ציט אין אַן אַנדער ריכטונג. גייענדיקע קראַנקע — אַלע גייען אַרום — נישט קיין „בעט־פּאַציענטן" — ווי זיי רופן זיך דאָ.

דאָס איז אַ סאָרט פּריווילעגירטע פּאַציענטן: זיי איז דערלויבט צו מאַכן

„אונטער זיך״, ווי עס איז נאַטירלעך אַ טרינק וואַסער, עסן אַנבייסן, אַזוי איז דאָס נאַטירלעך. פאַרקערט: זאָל איינער נישט אָפּגעבן זיין טאָג־מאָגן, באַטראַכט מען אים פאַר אַ זייער קראַנקן. דרייצן „קאַמעטן״. אייגנטלעך, זייַנען נאָר עלף פּאַציענטן געבליבן פון זיי. די לעצטע וואָך זיינען פאַרשווינדן צוויי. שוין אַ לאַנגע צייט איז געווען שטיל ביי אונדז אין „וואַרדל״. אין משך פון 4 וואָכן איז נישט געווען קיין איין בר־מינן. די הויפּט־„גודס״ „דעליווערן״ די דערבייאיקע „וואַרדס״, וואָס ציען זיך ווי פליגלען פון אַן עראָפּלאַן, רעכטס און לינקס, נישט אין דער ברייט נאָר אַן דער לענג, ציען זיי זיך אַזוי, צו צוויי „וואַרדס״ פוןביידע זייטן, אינעם בילדונג, צו 30 בעטן אין אַ שטוב.

איבערהויפּט אין באַרטעלס „וואַרד״ (אַ קראַנקן־באַדינער) — איז דאָ אַ ברכה אויף די אָפּגעשטאַנענע „שלייען״, אַ שלל אויף די „גוטע הערצט.״

אַלזאָ, דרייצן הערצט אין דעם וואַסער, וואו זיי פלעגן שווימען, זייַנען אויסגעטריקנט. איז נישט קיין וואונדער וואָס ביי אַזאַ צושטאַנד גיבן זיי זיך איבער דעם טויט. אַלזאָ, געפינען זיך אין דעם אָפּטייל וואו איך בין דרייצן לעבעדיקע מתים.

.5

אָט זעט מען אַ מיידל וואָס ביי איר איז אָפּגענומען פיס און הענט. האָט זי אַ באַזונדערע קרענק — בלויע ליפּן, אַ סימן אַז איר האַרץ הענגט אויף אַ האָר, זעט זי אויס ווי אַ בלוי־קראַנקע בלום, וואָס איז פאַרברענט פון דער זון. אין וועמענס זינד ליידט זי? זי איז אַזוי יונג און שוין פאַרמשפּט צום טויט.

נאָך אַ מיידל, וואָס בויגט זיך אויף אַ זייט, ווי אַ ווייַנענדיקע „ווערבע״, זי בויגט זיך אַזוי טיף אַראָפּ, ביז זי בלייבט הענגען אויף איין פוס, דוכט זיך, זי פאַלט אום, איז טאַקע אַ וואונדער וואָס זי פאַלט נישט.

נאָך אַ באַשטראָפטער פון דער נאַטור: צען־פּאַציק לאַם, קאָן מען זיך אויסדריקן וועגן דעם יונגען מאַן, וואָס זיצט אויף אַ „וויל־טשעיר״ (אַזאַ שטול אויף רעדלעך, כדי אַרומצופאָרן). ער גייט אַמאָל אויך אויף צוויי קוליעס, ער ציט זיך אויף די קאַנטן פון זיינע שפּיצן־שיך, ווי אַ לונאַטיקער מאַכט שפּריזן. און ער, דער יונגער מאַן שטעלט שפּרייזן ווי אַ גאַר, גאַר אַלטער זיידע. איז נישט קיין וואונדער וואָס מען קאָן אים רופן „דער טאַנצנדיקער לאַמער״, ער איז טאָפּלט לאַם.

.6

אָט ליגט אַ בלינדער מיט אָפענע אויגן, וואָס זעט אַן אויסגעשטערנטן הימל ביי טאָג און אַ קלאָרן הימל ביינאַכט, מיט פיס וואָס זעען אויס ווי קישקעס פון וואורשטן. איך ווייס אַז עס איז אַן אומעסטעטיש וואָרט. זאָלן זיך אונדזערע עסטעטן נישט שרעקן (צווישן זיי בין איך אויך אַמאָל געווען). דער רעאַ־

ליזם איז טויזנט מאָל שאַרפער, לויט איך באַשרייב אים. און ווידער אַרום, וואָס איז דאָס וואָרט שולדיק, אַז מיר טייטשן עס לויט ווי מיר זעען עס? דאָס וואָרט איז משיג.

.7

אַט ליגט אַ מענטש מיט אָפּגעשניטענע פיס, קוקט ער אויס ווי אַ ריזן־זשאַבע, וואָס זיצט אויף די ברעגן פון טייך, די זשאַבע איז ניט אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי דער קריפּל: וויל זי, שפּרינגט זי, וויל זי, היפּט זי, וויל זי — שווימט זי. אָבער ד'ער קריפּל־מענטש — אים מוז מען שלעפּן, טראָגן פון בעט צו אַ „וויל־טשעיר" צוריק אין בעט אַריין, און אפילו דאָ וואו דער קייזער מוז גיין... מען מוז אים אפילו אַנידערזעצן אויפן זעיסל... אגב, ביים אַראָפּנעמען און ביי דעם אַרויפזעצן אים, הענגט זיך דער קריפּל אָן אויפן האַלדז ביים „אָרדערלי" (דער קראַנקן־באַדינער) — ווי אַ קינד־מאַלפּע אויף דער מוטער־מאַלפּע.

.8

לאָמיר זיך אַביסל אָפּרוען און מאַכן אַ שפּאַציר אין „מוזעאום פון טויט", ווי איך רוף דאָס שפּיטאָל, ווי דען זאָל איך עס רופן? אַז צוויי דריטל פּאַציענטן אין שפּיטאָל זיינען האַלב טויט, און איין דריטל איז פאַרמשפּט צום טויט, אוודאי איז עס אַ „פאַרביקער מוזעאום"! אויסגעשטאַט מיט כלערליי פּרעוניותן. וואָס פאַר אַ קרענק איר ווילט הערן און געדענקן...

.9

דאָס איז אַ פאַרכישפטער קרייז, איר קענט זיך נישט אַרויסרייסן פון אים. איך וויל אַנטלויפן פון אים, פון שפּיטאָל, און איך קאָן נישט, עס ציט מיך דערצו ווי צו אַ מאַגנעטישן קרייז. אַפנים, איך בין טיף פאַרוואָרצלט מיט אים, מיטן שפּיטאָל. אפנים — יאָ! וואָס איז דער וואונדער — אַז איך לעב שוין זעקס יאָר אויף איין אָרט. עס איז נישט אַ טאָג, וואָס איך זאָל נישט אין זין האָבן דעם טויט. איך לייג זיך מיט אים, איך שטיי אויף מיט אים, שטענדיק קלאַפּט ער אין דער פראָנט־טיר פון מיין דירה, אייביק באַגלייט ער מיך. דער טויט, ער איז מיין ווייב. אינסטינקטיוו האָב איך אַנגעשריבן מיט דרייצן יאָר צוריק אַ ליד — „טויט". היינט בין איך פאַרבונדן מיטן טויט, דורך זיין שאָטן: אומעטום באַגלייט ער מיך. דאָס זיינען די שורות וואָס זיינען מיט דרייצן יאָר פון מיין האַרץ אַרויס: —

„טויט — ביסט מיין איינציק ווייב,
דיין אייביקער ערד־קיל
ווייעט אויף מיר
פון ווייטע וועלטן
און זאָגט מיר אָן די בשורה
פון באַרואיקייט" —

עס איז אין „וואָרד" נאַכט אין זאַל וואו איך געפין זיך. איך בין אין אַ דרייסיק בעטיקן שטוב. עס איז אין מיטן נאַכט, איך ליג אויף, עס האָט מיך אַ קראַנקער איבערגעוועקט — ער וויל די השתנה־כלי, דערלאַנג איך אים די כלי. דערוויל ליג איך שוין אויף. פּלוצלינג דערטראַגט זיך אַ רויש פון אַ צוויטן, דערנעבן „וואָרד" און מען פירט אַדורך, שטיל, אַ טויטן דורך מיין „וואָרד". עס אַנטפּלעקט זיך אַ בילד, ווי מיר דוכט זיך, איך זע אַ פּראָצעסיע פון מיטאַלטער, אָדער אין איינעם פון די קעלערן פון דער אינקוויזיציע. אין „וואָרד" איז טונקל, בלויז דאָס לעמפּל ביי דער אַרויסגאַנג־טיר וואַרפט אַ רויטלעכן שיין אויף מיין פינצטערן „וואָרד", קוקט עס אויס ווי אַ פּאַרצייטישער קעלער פון דער אינקוויזיציע. די בעלי־מתעסקים טראָגן אַזעלכע שוואַרצע קאַפּלען, דוכט זיך, איבער די אויערן אַריבערגעצויגן. דעם טויטן טראָגט מען אויף אַ שוואַרץ איבערגעדעקטן טראָג־בעטל. זיי גייען אויף די שפּיץ־נעגל מיט דעם טויטן, נישט איבערצואוועקן קיינעם. דאָס האַרץ גיט אַ טיאַכקע... איך צי די קאָלדרע איבערן קאָפּ אַריבער.

.10

אַט איז נאָך אַן אומגליקלעכער — אַ צוקער־ליידנדער, אַ בלינדער. מיט אויגן אַ פיש־העכט, מיט אַ קאָפּ פון אַ בלאַס־אָפּגעשטאַנענעם קאַרפּ, גלאַטיק און גאָל. איך וויל אַז מען זאָל מיך פאַרשטיין, אַז איך זאָג פון אַ פיש־העכט, מיין איך די גרויע אויגן פונעם העכט. און ווען איך זאָג קאַרפּן־קאָפּ — מיין איך די ברייטקייט פונעם קאַרפּן־קאָפּ, איבערגעטראָגן אויפן דייבידיקערס קאָפּ, וואָס איז ברייטלעך ווי דער קאַרפּן־קאָפּ. זיצט ער אויף אַן פּיס, שמועסט וועלט־פּאָליטיק: באשר בהן: „טשוירטשיל געגן היטלערן. וואָס זאָגט איר? — פרעגט ער — איז נישט טשוירטשיל אַ יידישער קאָפּ? ענגלאַנד האָט שוין געהאַט אַמאָל אַזאַ יידישן קאָפּ אַלס פּרעמיער (דעם איזראַעלין מיינט ער) וואָס, ער האָט שלעכט געפירט די מלוכה? האָט איר אַלע אַ טעות! (אַזאַ יאָר אויף אים, ווינשט ער זיך) — ווי ער האָט געפירט דאָס קיניגרייך פון ענגלאַנד! און ווער — פרעגט ער — האָט זיך אָנגענומען פאַר אונדז יידן, אין רומעניע? אין פאַריקן יאָרהונדערט, אַז נישט לאָרד ביקסאָנפעלד? אַזאַ קאָפּ האָט ענגלאַנד געהאַט! און להבדיל בין טמאה לטהרה — היטלער, אַ גויאישער קאָפּ, בלייבט אַ גויאישער קאָפּ, וואָס די טרפהנע הצלחה גילט אים דערוויל, אָבער דער סוף זיינער וועט זיין אַ שלעכטער. ווער עס קאָן די געשיכטע פון נאַפּאָלעאָנען, ער איז אפשר אויך געווען אַזאַ העלד ווי דער מיאוסער נפש היטלער, אויב יענעמס סוף איז געקומען, וועט נישט היטלערס סוף קומען?!" נאָך אַזאַ געשפּרעך זעט איר ווי זיינע פאַרלאָשענע אויגן שיינען צוריק אויף, דוכט זיך.

איך האָב אויך פרייד. ליג איך אויף מיין בעט און הער זיך איין צו טשיי־

קאָווסקיס פינפטער סימפאָניע און איך האָב מיין פאַרגעניגן; עס איז אַ סימ־פאָניע וואָס עפנט מיין געהער, וואָס קניפּט אויף מיינע נערוון, פאַר די טע־נער וואָס גיסן זיך ווי מיט טראָפּנס רעגן אויף אַ שטאַרק דאַרשטיקן. איז עס אַ רפואה פאַר מיין טרוקענעם גומען, וואָס שלינגט די גאַמעס ווי אַ קאַלטן טרונק. וואָס זאָג איך טענער, גאַמעס — עס איז אַ צוזאַמענגוס פון פרייד־קוואַלן, וועלכע שטראָמען אין אַ ווייס־שוימענדיקער פרייד אויף קאַלטע שטיי־נער. איבערהויפּט, דער פינאַל וואָס חזרט זיך איבער און איבער עטלעכע מאָל, וואָס קילט דאָס האַרץ און דאָס בלוט דעריין, מיט אַן אַ שיעור תענוג! פונעם שטאַרקן געפּיל וואָס דער פינאַל רופט אַרויס. ליג איך אויף מיין גע־לעגער און איך פאַרגעס פון מיין גאַנצער טרויעריקער וועלט. איך צי אין אַ אַנדערער וועלט — אין אַ וועלט פון שיינקייט! — פון ריטם און מוזיק!

איך ליג אַ צווייט מאָל אויף מיין געלעגער און די ראַדיאָ שפּילט „אַזאָס טויט" פון גריעגן. ווי בלאַנד־צעפלאַשעטע צעפּ אויף אַ ווייסער מיידל־ברוסט, וואָס דערוועקט טריבזיין, פון שיינקייט — אַזוי דערוועקט „אַזאָס טויט" פון גריעגן. אין דער מענטשלעכער נשמה — אַ בענקשאַפט נאָכן לעצטן גיין אויף דעם לייטער פון לעבן.

גאָר אַנדערש איז דער טויט דאָ. דאָ אין שפּיטאָל דערוועקט די ווירק־לעכקייט גרויס שרעק, אַ שרעק פאַרן לעבן און פאַרן טויט. אָבער ווען מען דערהערט דאָ די מוזיק פון „אַזאָס טויט" דערפילט מען אַ דערלייכטערונג — ווייל דער טויט אין זיין מוזיק נעמט אַריין אין זיך דעם מענטש און באַפרייט אים פון ליידן. נאָר איך, איך קאָן זיך נישט צורירן צו אַ טויטן, נישט אַנ־קוקן אים אפילו, אַ פּשיטא — אָנרירן אים, דעם טויטן. איך מייד אויס צו קומען אין באַרירונג מיט אַ מת. איך ווייס — עס איז שוואַכקייט פון מיין זייט.— אָבער איך קען זיך קיין עצה נישט געבן. אינטערעסאַנט — דאָס וואָס עס איז נישט ליב קומט אַנטקעגן. מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ פאַל: —

איך גיי אַריין אין פערטן שטאָק עלעווייטער און איך דערבליק צוויי „אַרדערלערס" אַנגעטאָן אין שוואַרצע קאַפּלען, גיט מיר אַ קלאַפּ אין האַרץ. דערווייל שטעלט זיך אָפּ דער עלעווייטער אויפן דריטן שטאָק, די צוויי „אַר־דערלערס" גייען אַרויס, מיין איך אַז איך בין שוין פּטור פון זיי, עס נעמט נישט קיין מינוט, די צוויי מחבלים קומען צוריק אַריין מיט אַ „סטרעטשער" (אַ טראָג־בעטל) — און אויפן „סטרעטשער" ליגט אַ טויטער, מיט אַ שוואַרצן טוך איבערגעדעקט, איך האָב געמיינט איך קריג אַ האַרץ־שלאַק. דערווייל נעמט דער משוגענער סעם, איינער פון די „אַרדעלערס" שמייכלען צו מיר. נעמט אָנרירן דעם טויטן און שמייכלט צו מיר. וואָס איך וואָלט דאָס נישט געטאָן פאַר אַ הון־דעלמאָ. מיט האַרץ־ציטערניש און מיט האָפּנונגס־אויגן האָב איך קוים דערבליקט דעם ערשטן שטאָק, וואו איך בין גיך אַרויס. דעם טויטן האָט מען געפירט אַראָפּ אין קעלער, אין אייז־קאַסטן אַריין...

.11

ערגעץ זאָגט לייוויק, (אין זיינע סיבירער לידער): „מען האָט שוין אויפגע־הערט צו זינדיקן״. וואָס זאָלן מיר זאָגן ? די „געזונטע״ ביי אונדז ? לעבן מיר, טאַקע, זיך אויס אין חלומות,, בכלל לעבן מיר אַ חלומות־לעבן. מען שלאָפט אַ סך, אפילו אונדזער וואָך זיין איז אויך אַ חלום. אונדזערע געפילן ווערן פשוט אַטראָפירט, אונדזער גייסט — געליימט. פון גרויסער בענקשאַפט האָט מען קאַפּוויטיק.„ איך בין נישט ערבות צו מיינע קריפּל־ברידער ליידן אַזוי ווי איך, איך אָבער פיל אַזוי.

.12

וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָ אַ מענטש ? ער האָט גאָר קיין ווערט נישט. מען קוקט אין די אויגן אַריין די נשמה זאָל שוין אויסגיין. איז אַנומלט גע־שטאָרבן איינער, אַ ייד, אין מיין „וואָרד״, זיינען די באַהערדע, די באַדינער מיט דער קראַנקן־שוועסטער געשטאַנען אויף די שפּיץ־נעגל — פּאָרט אַ שטאַרבנדיקער מענטש. מען האָט אָפּגעוואַרט די מינוט אַז זיין טויט־עגאָניע זאָל זיך שוין ענדיקן. קוים ענדיקט זיך דאָס לעבן־שפּיל, כאַפּט מען דעם טויטן ווי אַן אבן־טוב אין אייז־קאַסטן אַריין, גליך אַראָפּ אין קעלער אַריין.

איך זאָל זאָגן, איינער זאָל איבערלאָזן אַ בענקשאַפט נאָך זיך ; מיטן שטאַרבן ווערט דער מענטש פאַרגעסן ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געלעבט דאָ. ווער זאָל נאָך אים טרויערן אָדער דערמאָנען. די „באַהערדע״ ? זיי זיינען פאַרנומען מיט זיך, עס איז גענוג אַז זיי גיבן אָפּ צוועלף שעה אַ טאָג פון זייער לעבן פאַר די קראַנקע. וואָס איך וויל אַרויסברענגען איז אָט־וואָס : דעם טויטן פאַרגעסט מען שנעל דאָ, ווי אַ מינדערוויכטיקע זאַך, וואָס האָט קיין ווערט געהאַט ווען אפילו עס האָט נאָך געלעבט.

ווער איז דער קראַנקער דענדי ? געווען איז ער אַמאָל אַ ייד אַ גביר, אין קליידונג ביזנעס, אַ ווילנער געווען, און דער וואָס קומט פון ווילנע איז חשוב. אַ קלוגער געווען, געלייענט מיט ערנסטער כוונה מיין בוך — „אַרום זיך״. דאָס ערשטע מאָל אַז איך האָב זיך דאָ פאַר אַ מענטשן פאַרטרויט, אַז איך האָב געווידמעט לידער צו די פּאָעטעזעס — אסתר שומיאַטשער און בערטאַ קלינג. און אויך די בינע־קינסטלערינס — מאַלי פּיקאָן, לוסיע לעווין, אונטער איניציאַלן. אויף וואָס ער האָט מיר גראַטולירט, מיט מיינע דולציניייעס, און איך האָב אים געענטפערט :

„מיינע ? הלוואי וואָלטן זיי מיינע געווען, וואָלט איך נישט אַזוי פיל גע־ליטן״. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט :

— אָבער, בעת איר האָט זיי געשריבן זיינען זיי געווען אייערע.

„יאָ — אין מחשבה.״

— מחשבה כמעשה !

„יאַ — כמעשה.“

— וואָס, נייך?

„ס'רעדט זיך נאָר אַזוי!“

— וואָס לייקנט איר אין דעם זאָג פון אונדזערע חכמים!

„נישט אַלץ וואָס די חכמים האָבן געשריבן איז געווען הייליק!“

— נישט אַלץ, אָבער דאָס לעצטע געזאָגטע, קאָן מען נעמען, פסיכאָלאָגיש, אין אַן אמת!

„גיי פאָרש אַ הונגעריקן גוף מיט פסיכאָלאָגיע!“

— אַזוי מיינסטו?

„כ'מיין פשוט, אַז מען איז הונגעריק איז מען נישט זאַט...“

— וואָסערע סמיכת הפרשה האָט עס צו דעם?

„ס'האָט שוין איינמאָל אַ שייכות צו דעם! נישט פאַרגעס: איז ליג אין שפּיטאָל, קומען פאַרשיידענע מחשבות, איך בין דאָך קראַנק, זיינען די מחשבות אויך קראַנקע.“

— דאָס איז אמת.

„אַזוי איז עס מיטן מאָגן.“

— פסיכאָלאָגיש — יאָ!

„ברויכן מיר זיך נישט שפּאַרן.“

— דאָס איז אַ מחלוקה לשם שמים!

אַזוי שפּאַרן מיר זיך ביז איינער איז מסכים מיטן צווייטן.

13.

גאַנצע דריי חדשים נישט געשריבן. מען האָט מיר אַוועקגענבט דאָס העפט מיט דעם אָנגעשריבענעם, גאַנצע פּופצן זייטן מיט אָנגעשריבענע טיפן און בילדער, דאָס איז די סיבה וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון ווייטער שרייבן. דער שאַפונגס־פּראָצעס — אַזוי צו זאָגן — איז אַזוי ווי מיט אַ טייך — עס רייסט אויף די בריק און די ברעגן בלייבט הענגען און דער וואָס גייט אויף איר בלייבט הענגען צווישן הימל און וואַסער — אַזוי האָב איך געפילט, ווען מען האָט מיר צוגענבט די מאַנוסקריפּטן.

אַזוי פילן אנוכים העלדן, וואָס בלייבן הענגען צווישן הימל און ערד און האָבן נישט קיין באָדן אונטער די פיס און האָבן נישט קיין הימל איבערן קאָפּ. ווי אַ „שאַק“ וואָלט געקומען איבער מיין גאַנץ לעבן, ווען איך האָב דערזען אַז דאָס העפט פעלט מיר.

דאָס העפט האָט זיך געפונען, מען האָט עס מיר אומגעקערט. גיי איך ווייטער אָן מיט מיין אַרבעט. קורצע כאַראַקטעריסטיקן:

ווער איז מאַטיס? — אַ ייד אין די זעכציקער, דער הויפּט בעל מתעסק, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די טויטע. דוכט זיך אַ ייד, אַ חלוש: ער האָט די פּאַ־ליקע, פאַר קיינעם נישט געדאַכט. דווקא ווען עס מאַכט זיך אַ טויטער, ווערט

ער וואַך און לעבעדיק. אַזוי איז ער אַ ייד אַ חלוש, ערשט ווען ער גייט אַרום ביי אַ טויטן ווערט ער שטאַרק, גלייכט זיך אויס, און ווי צוויי שטורקאַצן ברע־נען זיינע אויגן אין קאָפּ. דעם באַקאַנטן פסוק: „צדק יהלך לפניו", זאָגט ער מיט כוונה בעת ער גייט פאַראויס די מיטה אָפּרעכטנדיק דעם ריטואַל, פאַר גרויס מצווה ווענן — עס איז אַ גרויסע מצווה, דאָס אומגיין מיטן טויטן. און גאָט העלפט אים, ער ווערט געזונט ביי יעדן בר־מינן. גאַנץ אָפּט פאַלט ער אַוועק אויף דער פאַליקער קרענק. אָבער ווען עס שטאַרבט עמיצער לעבט ער אויף, ווערט שטאַרק. נעכטיקט ביי דעם טויטן און זאָגט תהילים פאַר יענעמס נשמה.

איך האָב מורא פאַר אים, איך ווייס נישט פאַרוואָס: קוקט ער אויף מיר מיט זיינע גרויסע אויגן, דוכט זיך מיר ווי ער וואָלט מיך געפרעגט: „נו? נו?" אַזוי איז ער אַ גוטער, שוין צו גוט, איך גלויב דאָס קומט דערפאַר, ווייל ער פילט זיך שולדיק פאַר די לעבעדיקע, ער וויל דאָך לעבן גוט מיט מענטשן דעריבער איז אים נישט שווער זיי צו דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז קאַ־ווע, נאָך אַ זעמל — אַבי טאָן יענעם אַ טובה.

14.

עס איז היינט געשטאָרבן איינער פון „מיינע" פּאַציענטן, דער מיט די פיש־אויגן, ווי איך האָב אים געשילדערט, ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק. 71 יאָר אָנגעצויגן פון לעבנס־וואַלץ און נישט מער קיין כוח געהאָט ווייטער צו דרייען דעם וואַלץ פון לעבן. פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און נישט מער ווי איין נאַכט נאָך געאָטעמט און דאָס ראָד האָט זיך אָפּגעשטעלט, שטיל געוואָרן אויף אייביק, שאַ, שטיל. האָט דער עולם געמאַכט אַ מלא. אַ קלוגער מענטש געווען. נאָכגעזאָגט אים אַ שבח: „אַ גוטער מענטש געווען."

„אָבער אַ ,עפּיטאַפסע' וועט מען אים מאַכן" — דערקלערט דער גוט־באַקאַנטער מיסטער ליוויי.

„אַזוי?" — וואונדערט זיך דער נישט ווייניק־באַקאַנטער מענדעליס.

אַזוי זאָגן די „רולס" — אַז מען שטאַרבט פּלוצלינג מוז מען מאַכן אַ „עפּיטאַפסע" — דאָס הייסט: מען פאַלמעסט דעם טויטן.

„עס האָט געלוינט צו לעבן, מען זאָל אים דערנאָך צעשניידן!" — באַ־מערקט מענדעליס.

„אַזוי וויל די וויסנשאַפט" — באַמערקט מיסטער ליוויי.

„ביי אונדז אין דער היים, אין אַלטן אומאַן, האָט מען איינעם געפּאַל־מעסט, נו, פרעגט שוין נישט וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן: מען האָט קריעות געריסן, פעלדער געמאָסטן."

„די וויסנשאַפט הילט אַלץ איין, נעמט אַלץ אַרום" — זאָגט מיסטער ליוויי.

„אָבער אַ מענטש צו שניידן?" — פרעגט מענדעליס.

„דעמאָלט איז מען שוין נישט קיין מענטש, מעג ער דינען דער וויסנ־שאַפט."

„איך גיב נישט קיין שמעק טאַבאַק, פאַר אייער וויסנשאַפט" — רופט אויס מענדעליס.

„אוי מענדעלע, מענדעלע — זאָגט מיסטער ליווי: אַ פגירה אויף איך — צו דעם דאַרף מען לייענען ביכער?!"

„אַ פגירה אויף איך! וואָס האָט דאָס צו דעם?"

„וואָס מיינט ביכער לייענען? עס האָט גאָר צו דעם: אַלץ וואָס מען לייענט, הייסט לערנען. האָט איר געלערנט אין אייער גאַנץ לעבן? איר זייט אין דער זעלבער לאַגע, ווען איר זייט אַלט געווען אַכט יאָר."

„וואָס זאָגט איר? — פרעגט מענדעליס.

„ווען איר וואָלט געלייענט מיט קאָפּ וואָלט איר נישט געגלויבט אין זאַ־באַבאָנעס" — ענטפערט ליווי.

„גייט, איך פאַרשטיי נישט אייער שפּראַך, אייער וויסנשאַפט" — ביי־זערט זיך מענדעליס.

„איך ווייס אַז איר פאַרשטייט נישט. צו וואָס דאַרף מען לייענען, אויב איר פאַרשטייט נישט וואָס איר לייענט"?

.15

עס איז נישט דאָ אין ווען צו פאַרליבן זיך — נישט דאָ. כאָטש דאָס מין היפה איז היפשלעך פאַרטראַטן, אָבער נישט היפה נאָר די צווייטע זייט פון היפה: דאָ זעט מען מיאוסקייטן — לאָמיך נישט זינדיקן מיט די רייד: די גאַנצע וועלט מיאוסקייט האָט זיך אַריינגעלייגט צווישן די פרויען, די קרענק האָט זיי פאַרמיאוסט, אָפּגעמעקט דעם צלם אלוקים, צעקנייטשט און צעליאַ־מעט דאָס געשטאַלט, גאָטס פאָרם ווערט צעבראָכן, ווערט באַליידיקט, אויס־געלאַכט, אויסגעשפּאָט, אויף די חורבות פון אונטערגאַנג. אַ וועלט ווײַנט און גייט לאַנגזאַם אויס, ליגט אין פאַרפייניקטן לאַנגזאַמען צאַנק.

עס איז נישט קיין וואונדער וואָס מיין האַרץ ציטערט נישט אויף ווי ביי חיי־שרהן . . . נאָר דאָס האַרץ מיינט בלייבט פאַרציטערט, פאַרשטאַרט, פון צער, אָבער נישט — פון ליבע.

.16

נישט געשריבן אויפסנייִ צוויי חדשים. מען האָט עקספּעראַמענטירט מיט אונדז, שלאָפּקראַנקע. מען האָט אונדז איינגעגעבן אַזעלכע פּילן, ווי אַ „טראַנס־פיוזשאַן" — וואָס מישט זיך אויס מיט בלוט, אַזוי האָבן געווירקט די פּילן, זיי האָבן פאַרשיכורט אונדזער בלוט, ביז קראַנק ווערן. בין איך טאַקע געלעגן צען טעג אין בעט און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, ממש פאַראַליזירט אָט האָב איך געמיינט — שכל האָב איך נאָך געהאַט — אַז די כוחות לאָזן זיך

אויס, איך שטאַרב. מיין טרויעריקן צושטאַנד האָט מיר באַשטעטיקט דאָס פאַרבייגיין פון דאָקטאָר פאַר מיין בעט. ער האָט נאָר בלויז אַ שלעפּ געטאָן מיין האַנט, וואָס איז שוואַך און מאַכטלאָז אַראָפּגעהאַנגען פון בעט, ווי ער וואָלט מיט דעם געמאָסטן מיין כוח — צי איך לעב נאָך. פון דאַן אָן פיל איך זיך שלעכט, ביזן היינטיקן טאָג, פון דעם עקספּערימענט.

.17

צוויי חדשים. פיל וואַסערן זיינען פאַרבייגעשווימען אין אונדזער איב־סטיטוט: אַ שלל פון טויטע קומען, איבערהויפּט האָט די פלו געאַרבעט מעשים — און זי אַרבעט נאָך — זיבן טויטע אַרויסגעריסן פון דער פּרויען־מחנה. און מאחורי הפרגוד — זעכצן טויטע, דורך די אַכט טעג. ביי די מענער איז עפּעס שטיל — געשטאָרבן זיינען אַ פּאָר אַלטע קראַנקע, נישט אויף דער פלו. עס האָבן עטלעכע פּאַציענטן (ביי די מענער) געמאַכט אַ פאַרזוך, זיך אַריינצורייסן אין דער פלו, נאָר מען האָט דאָס שנעל ליקווידירט. מען האָט די קראַנק־געוואָרענע באַלד אויסגעטיילט פון די געזונטע, איז טאָקע שטיל גע־וואָרן, עס האָט זיך איינגעשטילט ביי די מענער, הייסט עס. ווי געזאָגט: ביי די פרויען שטייט דער מלאך המות נאָך און שנײַדט מיט זיין קאָסע די לייי־דיק־געוואָרענע זאַנגען. איך זאָג, די ליידיק־געוואָרענע זאַנגען. דאָס דאַרף מען מוסיף זיין: דער מלאך המות האָט דאָ נישט קיין איבעריק־גרויסע אַר־בעט: אַ ליאַדע צוקל, פאַלט מען אַריין אין אַ לונגען־אַנצינדונג — אויף בייי־דע זייטן „(דאָבל ניומאָניע”). האָט דער מלאך נישט קיין גרויסע אַרבעט, ביי די קראַנק־געוואָרענע פּאַציענטקעס.

עס זיינען היינט געשטאָרבן צוויי ברידער, אין איין טאָג. היינט איז זייער לויה, די ברידער קאַץ. קריפּלס געווען, אויף דער „אינפאַנטייל פּאַראַליז”: נישט געקאָנט שטעלן אַ פוס, געזעסן תמיד אין די „ווילטשערס”. נאָר גוט געלערנט זיך. איינער, דוד איז געווען זיבנאונצוואַנציק יאָר אַלט. דער צווייטער — ניינ־אונצוואַנציק יאָר.

.18

פון קינדוויַיז אָן געזעסן אין די „וויל־טשעירס”, געטאָן גוטע אַרבעט, געשריבן בריוו מיט די געליימטע הענט, געלייענט בריוו, מיר געשריבן אַד־רעסן פאַר מיין קאָרעספּאָנדענץ. ביידע געווען גוטע „בויעס”. פאַלט איין איינעם, דודן, דעם יינגערן, ער ווערט קראַנק אויף פלו. ער ליגט אָפּ פיר וואָכן אין בעט. דורך דער צייט ווערט ער קראַנק אויף אַ לונגען־אַנצינדונג און ווערט צוריק „געזונט”. אָבער דער צווייטער, סעם האָט דורך דער צייט זיך געגריזשעט דאָס האַרץ. זיך תמיד געערגערט. נישט קיין וואונדער: פיר וואָכן איז ער געזעסן און געטראַכט וועגן דעם ביטערן גורל פון דעם ברו־דער, דודן, וואָס איז געלעגן צווישן טויט און לעבן. ער האָט נישט געקענט

איבערלעבן דעם ווייטיק און צער פון בלייבן אַליין און דאָס האַרץ האָט אים געפּלאַצט.

און אַ מאַמעס האַרץ איז וואַך. די מוטער איז געקומען צולויפן באַלד אינדערפרי, זיך צו דערוויסן וועגן אירע קינדער. און געהערט די פינצטערע בשורה: אַז איר סעם ליגט שוין אין מתים־שטיבל, זי איז אַריין צו דעם טויטן זון, פון דאָרטן אַריינגעקומען אין גרויסן „וואָרד" אַריין, צו איר בעסער־גע־וואָרענעם זון דודן, זיך געוווישט די אויגן פון טרערן. די ערשטע פראַגע וואָס דוד האָט געפרעגט דער מאַמען איז — וואָס סעם מאַכט. די מוטער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט; „סעם שלאָפט שוין"... דערהערנדיק דאָס האָט דוד באַקומען אַ פּאַפּלעקציע, דעם זעלבן אָוונט, צען אַזייגער געשטאָרבן. אַזוי זיינען געשטאָרבן די צוויי ברידער — סעם און דוד.

עס איז אין מיטן נאַכט. איך בין וואַך. פאַרשיידענע געדאַנקען קומען מיר אַריין אין קאָפּ און פאַרוואַנדלען דאָס דענקען אין אַ חלום, וועל איך דאָס דערציילן: —

איך פאַל אַריין אין דער הינערפלעט, דאָס הייסט, איך שטאַרב פּלוצלינג און איך פיל און זע אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. איך וויל שרייען נאָר איך קאָן נישט, וואָס טוט זיך מיט מיר? צום ערשט טוט מען מיך אויס נאַקעט און מען קילט מיך איין מיט אַזאַ מין מאָדנער זאַך, וואָס ציפּט אין דער נאָז און עס קיצלט אין די אויערן. און דערנאָך פירט מען מיך אויף אַ „סטרעטשער" אין קעלער אַריין — אין מתים־שטיבל. איך פיל מיך לעבעדיק, אָבער איך קאָן זיך נישט רירן, קיין עצה געבן. איך פיל ווי מען לייגט מיך אַריין אין דער „אייז־באָקס". צו־ערשט פרירן אין די פיס, נאָר דאָס האַרץ פיל איך קלאַפּט. מיט די לעצטע כּוחות וויל איך זיך באַפרייען פון דער שטייפקייט, וואָס שטאַרט־איין מיין גוף, שטייף און פראַסטיק. פּלוצלינג כאַפּט מען מיך אַרויס פון אייז־קאַסטן און מען פירט מיך אַריין אין אַ העל־באַלויכטענעם זאַל, וואו עס שטייען אייניקע פון מיינע דאָקטוירים. אָנגעטאָן אין ווייסע שירצן. נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי גייען אין ווייסן אָנגעטאָן, ווערט אָבער מיין ישועה פאַרוואַנדלט אין אַ קללה, מען לייגט מיך אַ נאַקעטן אויף אַ ווייסן לאַנגן טיש אַוועק — שטייף בין איך אַזוי־ווי־אַזוי — און איין דאָקטאָר, רודי — נעמט אַ גרויס מעסער, וואָס איז געבויגן, רונדיק ווי אַ האַלבע לבנה און מעסט די שאַרף אויפן נאָגל. דערנאָך נעמט ער זיך צו מיר: „ער וויל ביי מיר אַראָפּ־נעמען דאָס שייטל". נאָר עס געשעט אַ נס: איך צי אויס די רעכטע האַנט — „האַלט!" איך פאַל אַריין אין אַן אייביקע פאַרגעסעניש . . .

(נישט פאַרענדיקט)

3

מיניאַטור־עסייען

פון חיים קרול

ר׳ מרדכילע און אליעזר שטיינבארג
אהרן צייטלין
י. י. שוואַרץ
י. ה. ראַדאָשיצקי
ראובן אייזלאַנד
נ. ב. מינקאָוו
אליעזר גרינבערג
בעריש ווײַנשטיין
ב. אלקוויט
י. ל. קאַלושינער
פרץ אפּאטשינסקי
ב. ריווקין
פנחס גודמאַן
תלוש
אַנאַ מאַרגאָלין
רחל קאָרן
מלכה לי

ר׳ מרדכילע און אליעזר שטיינבארג

ר׳ מרדכילע איז אַ פאַקלדיק טרוקענער, אליעזר שטיינבאַרג — אַ סאַמעט ווייכער. ביי ר׳ מרדכילען שפּילט אַ ראָלע דער צימצום פון געדאַנק און דער געדאַנק זיינער איז שפּיציק, שאַרף אין זיין פאַבל. אליעזר שטיינבארג אָבער איז מגזם דאָס געפיל, און דער געפיל איז ווייך, פוכיק אין זיין פאַבל.

ר׳ מרדכילע שטייט אויף אַ באַרג און צוימט, ווי אַ צירק־רייטערין אירע פערד — זיינע משלים; אליעזר שטיינבאַרג זיצט אין טאָל און צעלאָזט ווי אַ פאַסטעך זיינע שאָף — די משלים זיינע.

ביי ר׳ מרדכילען גלימערן די שורות, ווי קאַלטע שטראַלן, ביי אליעזר שטיינבאַרגן בריען זיך אויס די שורות ווי הייסע אייער אונטער הינערשע בייכער. דער אונטערשיד צווישן ר׳ מרדכילען און אליעזר שטיינבאַרגן, אין קוואַליטעט, איז דער: ר׳ מרדכילע, אין זיין נוסח, כ׳האָב נישט קיין אַנדער באַצייכענונג פאַר זיינע געשליפענע שורות, איז אַ מתנגד. ער זאָגט זיינען זאַצן קיל, בנעימות. אליעזר שטיינבאַרג איז אַ חסיד, ער זאָגט זיינע פסוקים הייס, מיט דבקות.

דער פאַרעם ר׳ מרדכילעס איז חריפותדיק, זי איז מיט „טאַקט״, מיט „מאָס״ און — מיט „פאָרם״. קלוגע אויגן קוקן אַרויס פון יעדער שורה זיינער.

איך וויל נישט זאָגן, אַז אין אליעזר שטיינבאַרגס משלים איז נישטאָ קיין מאָס אין דער פאָרם, אויך אין זיין פאָרם איז דאָ מאָס, נאָר נישט אַזוי פערפעקט אין טאַקט. איך וויל מען זאָל מיך פאַרשטיין; ווען כ׳זאָג טאַקט, מיין איך דאָס געשפּיזלקייט אין דער פאָרם. און דאָס פעלט לחלוטין אין אליעזר שטיינבאַרגס פאָרם. ער איז אין זיין פאָרם ווי אַ שוואָם וואָס זאַפּט איין אין זיך אַלע שטראָמען, שטימונגען וואָס דער דיכטער האָט געהאַט.

אהרן צייטלין

צייטלינס „מטטרון״ קען מען פאַרגלייכן צום פינישן עפּאָס: „קאַלע־וואַלע.״ — ווי אין יענער, אַזוי אויך אין דער, איז דאָ העלדישקייט, הערא־אישקייט.

יאָ, עס איז אַ העראָאישע פּאָעמע.

די פּאָעמע קען זיך אויפהייבן אין צוקונפט, ווען זי זאָל האָבן טראַדיציע אין יידיש; ווען עס זאָל זיך אויסבילדן אַזאַ זשאַנר ווי „מטטרון״ איז גע־שריבן.

יאָ, עס איז אמת, די „קאַלעוואַלע" האָט איר טראַדיציע. פון כמה וכמה יאָרן צוריק האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קייט לעגענדעס. מען קען זאָגן, אַז „מטטרון" האָט אויך טראַדיציע. — דער זוהר, די קבלה־ספרים, דאָס איז די קייט פון וואונדער, וואָס ציט זיך אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, אָבער נישט אין יידיש. אין יידיש איז זי יונג, די טראַדיציע.

ווען עס זאָל זיך אָבער אויסבילדן די גאָלדענע קייט אין יידיש — די מיטאָלאָגיע־געשטאַלטן פון געטער און געטינס, ווי זי איז פאַרגעשטעלט אין „מטטרון" און אין „קאַלעוואַלע", וואָלט זי געהאַט אַ פנים. אָבער אַזוי, שטייט זי, די לעגענדע, פון „מטטרון" פאַריתומט, איינע, אין דעם שיינעם גאָרטן פון דער יונגער יידישער פּאָעזיע.

י. י. שוואַרץ

כמעט אין געשליפענע שורות דערציילט ער דיר פון אַ פאַמיליע פנקס.

און דערציילן, דערציילט ער קלוג און מיט טאַלאַנט. און מיט אינטער־רעס לייענען מיר די קאַפּיטלעך פון דעם פנקס.

און בהדרגהדיק גייט די געשיכטע — פרימיטיוו פאַרוואָרצלט.

אַ גאַלעריע, פון כמעט פאָלקס־טיפּן, וואָס האָבן זיך געראָיעט ווי הינדלעך אויס אייערשאָלן, יונג, אויף דער נייער יונגער ערד.

זי, די עפּאָפּייע קאָן זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע משפחה־כראָניקעס אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

דער איין־און־איינציקער דיכטער ביי אונדז, וואָס האָט ברייטקייט — אין דער טיף — און אַרכיטעקטאָנישן פאַרנעם. יאָ, עס איז אַן אַרכיטעק־טאָנישע אַרבעט, אַרומצונעמען אַן עפּאָכע פון אייניקע דורות.

ער האָט אויפגעבויט — אין דער שרייבקונסט — אַ וואַלוואָירט, נישט גאָטיק־מעסיק, נאָר ווי געזאָגט אין דער ברייט:

אַ וואַלוואָירט אין דער ברייט — אויב מען קאָן זיך אַזוינס פאָרשטעלן.

עס איז די ערשטע מאָדערנע פּאָעמע, וואָס פאַרנעמט פינף טויזנט שו־רות. און ווי גלייך ציען זיך די בלעטלעך דערביי — ווי גלייכע בייטן ווייץ — געדיכט, גאָלדיק.

נישט איין בייט קלענער, נישט איין בייט גרעסער — אַלע אין איין מאָס.

און די צען הברהדיקע שורות, ווי פּערל זיינען זיי אויסגעזעצט. און דאָס בוך הייסט „קענטאָקי" — אַ גרויס בוך.

י. ה. ראַדאָשיצקי

ר׳ גאָדל, הייסט די פּאָעמע. עס לוינט באמת אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט וועגן איר. עס איז אַ רונדיק אויסגעטאָקט ווערקל, הן אין אינהאַלט, והן אין פאָרם.

פאַראַן אַ גאַנצקייט אין דער פּאָעמע. דאָס איז אַ מיניאַטור־געשיכטע פון אַ ייִדישן־דאָרפס־פּאָרפאָלק. גאַנץ און פולקאָם.

שיין איז דער באַטשאַן געמאָלן: ביז מייסטערשאַפט האָט אים ראַדאָשיצקי געצייכנט. איך מוז מיטזאָגן אַ שורה מיט ראַדאָשיצקין:

„ציט דער בושל זיין ווייסן האַלז אויס, זיינע אויגן
פייערן ווי אַפּאַלן, דער קאַרעש פאַלט, דאָס בלוט טריפט״.

דאָס מאָלט ראַדאָשיצקי ווי ר׳ גאָדל וואַרפט אין שנאָבל אַריין פונעם באַטשאַן אַ לעבעדיקן פישעלע. און די שורות זיינען אַזוי פייערדיק אָנגעשריבן ווי די אַפּאַלן, די אויגן פונעם באַטשאַן.

אויך איז ר׳ גאָדל פאַרוואַנדט מיט דער נאַטור, מיט קאַרטאָפל, מיט קאַרשן און מיט באַרן.

ער איז דער פאָלקסטימלעכער פויער פונעם פעלד. מיר האָבן אַ נייעם פויער, אַ ייִדישן פויער, מיט ייִדישע מידות; דאָס באַווייזט ר׳ גאָלדס אומגיין מיטן קראַנקען באַטשאַן.

איך בלייב צופרידן פון דעם פויער ר׳ גאָדל — דעם פשוטן פאָלקס־מענטש. דעם פאָלקס האָראָפּאַשניק, וואָס לעבט מיטן דאָרף און עטעמט מיטן דאָרף.

נאָך מער בלייב איך צופרידן פון רבקהן, די בעל־צדקהטע, וואָס ווייזט איר גוט האַרץ לגבי דעם בעטלער־דזשאַד. און טאַנצט מיט איר קליינוואַרג (אין חלום) אין פאַרחלומטע פאַרנאַכטן.

יעצט, איז דאָ אין דער פּאָעמע אַ שלל מיט פויליש־פאַרייִדישטע ווערטער, ווי שקאָפּעפקל, מאַטעקל, דאָס באַווייזט די ליבשאַפט צום פוילישן ייִדיש פונעם דיכטער י. ה. ראַדאָשיצקי.

(די פּאָעמע געדרוקט אינעם בוך „ראַדאָשיץ״, נ. י. 1927).

ראובן אײזלאַנד

אין אַ ליד זאָגט ער:

„פון מיינע פיינע, דיינע לידער
שמעקט מיט טויט.״

אַ ליגן: פון זיינע לידער שמעקט מיט לעבן, מיט ליבע — מיט אמתער ליבע.

איך האָב שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ זינגען. דורכגעמישט, לעצטנס,

אודאי צוואַנציק לידערביכער, אין קיין בוך האָב איך נישט געפונען, דעם טיפּן געניוס, וואָס אין זיין בוך.

ער איז עכט ליריש, ווי אַ יונג ייִנגל־פּאָעט — פון אַכצן יאָר. ער איז אמתדיק גיי, אין זיין זינגען. ניי, אין דעם זינען — פריי פון באַנאַלקייטן.

ער איז אין זיינע לידער אַ טשאַיקאָווסקיס „בלומענוואַלץ״: לייכט, גראַציעז און — דער עיקר — באַטעמט. — ניין, איך זאָג נישט אמתדיק: באַטעמט איז אַן עקזאָטיש וואָרט און ער איז ענלעך צו נאָוואַליסן, נישט צו־מאָל צו הייַנען: היינע איז אַ ייד, איז ער אויך עקזאָטיש — און ער איז ענ־לעך צום עכטן אַריער, נאָוואַליס: זיינע פּערזן זיינען ווייסע, ווי מירמל שטיק, באַריליפיק און ווי מילכשטראַלן, קלאָר אַנטפּלעקט.

און די פּאָרעם? וואָס פאַר אַ זילבערדיק געשליפנקייט, קלאָרקייט פון איר, ווי זילבערנע צלמלעך, אויף די שפּיצן־קרוינען: איך מיין נישט דערמיט צו זאָגן, אַז די לידער זיינען צלמדיק — דאָס בילד זע איך אַזוי: ווי זילבער־נע שפּיצן פון קרוינען.

נ. ב. מינקאָוו

פון דער גרופּע „אינזיכיסטן״ שיילט זיך אַרויס די געשטאַלט פון דעם פּאָעט נ. ב. מינקאָוו.

די אינזיכיסטן דאַוונען טאַקע פון איין סידור. זיי האָבן אַלע דעם זעלבן פּזמון. זיי פאַרמאָגן אַלע אַ מין סאָרט געווירצלטע רעטאָריק, אַ רזין דרזין עברי.

אין אַ סך פּרטים איז מינקאָוו אפשר ענלעך צו זיי. ווי למשל, אין דעם ליד „לעבן״. דאָ איז ער אויף אַ האָר ניט אַנדערש פון די אינזיכיסטן. ער רעדט זיך צוזאַמען מיט זיי, אויף איין ליניע: זיי ריידן אויף אַ הויך וויסנשאַפט־לעכן לשון, ער — אין דער זעלבער שפּראַך, זיי באַנוצן זיך מיט הויך מאַ־טעמאַטישע טערמינען. ער — דעם זעלבן נוסח. אין דעם אייגענעם ליד טיילט ער זיך נישט אָפּ פון זיי — ער ווייזט זיין קרובהשאַפט צו זיי.

אין די איבעריקע לידער ווייזט ער אפילו נישט קיין ווייטע קרובהשאַפט צו זיי, ער שטייט אָפּגעזונדערט, אין אַ זייט פון זיי און ער ווייסט גאָרנישט ווען ער זינגט:

„ערגעץ דרימלט אַ ברייט־ברוסטיק ליד
פון אַ מענטשן נישט געזונגען.״

פון וואַנען ווייסט דער דיכטער, אַז אין זיין אָטעם גליט דאָס ליד פון וועלכן ער חלומט?

און ווען ער זינגט ווייטער אינעם זעלבן ליד:

„און ווען איך כאַפּ זיך אויף
קלינג איך אויף גלעקער
נישט געזעענע.״

וויל איך דעם דיכטער זאָגן:

מען זעט דיינע גלעקער — מען זעט זיי און מען הערט זיי קלינגען.

אליעזר גרינבערג

„ס׳האָט גאָט געשענקט מיר
הענט אַ פּאָר ווי האַמערס שווערע,
פלייצעס ברייט און פעסט.״

איך בין גאָרניט איינשטימיק מיט דער וועטערבויאונג פון די שורות. איך, למשל, וואָלט געשריבן:

„גאָט האָט מיר געשענקט״

צי:

„ס׳האָט מיר גאָט געשענקט
אַ פּאָר הענט ווי שווערע האַמערס.״

אָבער אַזוי זיינען זיי, די שורות, כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן ביכל. ווי אַ פּאָר הענט, ווי שווערע האַמערס, אַן מליצה, — די גרעסטע מעלה זיינס, דאָס ביכלס.

קיין סענטימענט פעלט אים, דעם דיכטער, נישט — דאָס וויזט ער אין ציקל לידער „מיר״, אין דעם בוך, אָבער מליצה? — מלהזכיר.

עס איז אַן אויפגעהאַמערט ביכל פון אָנהויב ביזן סוף: עס האָט איין אָטעם — דער גאַנג פון די געזאַנגען ווערט נישט איבערגעהאַקט. איין גליך, קלאָרער, געקאַלעכטער שליאַך — איך האָב דאָ אין זינען די געקאַלעכטע וויאָרסט־שטיינער אויף די וועגן. אַזוי ציען זיך די לידער זיינע דורכן וועג אינעם ביכל.

איך וויל זיך באַזונדער אָפּשטעלן אויף דעם ציקל לידער „מיר.״

עס איז אַ שוועסטער־צווילינג צו מיינע לעצטע לידער — אַזוי נאָענט איז מיר זייער שטימונג.

אַ שאָד וואָס עס איז דאָ אַזוי ווייניק לידער אין ביכל פון זיין היים „ליפקאַן״, אַ שאָד. עס וויל זיך הערן אַן אינטימען טאָן פון דעם דיכטער און דאָס וואָלט נאָר געקאַנט מקוים ווערן ווען ער וואָלט געשריבן מער פון זיין „ליפקאַן״. אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געשריבן מער פון זיין היים, מוז מען צופרידן זיין מיט די געשענקטע לידער, וואָס זיינען דאָ אין ביכל.

בעריש ווײַנשטײן

ווי בעטהאָוונס טיף־אָטעמדיקע אַקאָרדן, אָטעמען די פּערזן פון בעריש ווײַנשטײן. זיי אָטעמען מיט לעבן און גיבן פון זיך אַרויס אַ שמעקנדיקײט פון שוואַרצע קאַרשן, זיס און רײַף.

לאַרענס טיבעט זינגט, מיט זײַן טיף־ברוסטיקן אָטעם, אַרויס פון צווישן די פּערזן מיט זײַן לירישן באַריטאָן: די לידער זײַנען מערסטנס געשריבן אין באַריטאָנישן סטיל. זיי מאַכן אַן אײַנדרוק פון לעבעדיקע טראָפּנס טרי־פנדיק בלוט: דאַכט זיך, אַז זיי שפּרינגען אַראָפּ פון די בלעטלעך פּאַפּיר און נעמען זיך ציִען פאַר אונדז אין אַ פּילבונטיקן קאַרניוואַל — אַזוי ספּריטנע זײַנען זיי געשילדערט, די לידער.

עס ווערט אַ ביסל מאָנאָטאָן, לייענענדיק אַזעלכע ברייטע שורות, און עס ווילט זיך דערלייענען צו אַן איבערברוך צווישן די שורות (אינעם ביכל „ברוכוואַרג"), אָבער מען קומט נישט צו אַזאַ איבערברוך, פּשוט ווייל דאָס ביכל איז אָנגעפּויִשט, ווי שוואָמען מיט רעגן, מיט ברייטע לאַנגע שורות.

אָבער דער דיכטער שלעפּט ממש ביי די אויערן איבער זײַנע לאַנגע שורות — אַזאַ אינטערעס דערהאַלט דאָס ביכל.

עס ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן זײַנע „שעכטהייזער". אָט האָט ראַוויטש אויך אָנגעשריבן אַ ביכל „קצבים לידער", איז דער אונטערשייד צווישן ראַוויטשן און ווײַנשטיינען דער: ראַוויטש איז אַ וועגעטאַריער; איז שוין דערביי דאָ אַ טענדענץ: בעת ווײַנשטיין האָט זײַנע לידער געשריבן ווי איינער פון פאָלק, און נישט ווי אַ וועגעטאַריער. אין דער אינערלעכקייט פון זײַנע לידער איז דאָ דער הויך פון פאָלקסטימלעכקייט. האָט ער טאַקע אָנגעשריבן די טראַגעדיע פון מענטשן־מין, נישט האָבנדיק גאָרנישט אין זין.

ב. אַלקוויט

דער דיכטער פון מעטאַפאָרן און פון גוטן ליד.

כמעט אין יעדן ליד זײַנעם איז דאָ אַ געלונגענער מעטאַפאָר — אַ גע־שאַנק פון זײַן ליבן נאָמען.

דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ אין ווערטער.

דאָס איז אַ זשאָנגלירן אין שפּראַך מיט פּסוקים, האַלבן זאַצן, פערטל זאַצן.

דאָס איז אַ שפּיזלדיקער זשעסט אויף דער לינקער זייט פונעם לשון.

אין לייכטערע ווערטער: אַ שטיין אַ געשליפענער, וואָס וואַרפט קאָ־לירן פון זײַנע ראַנדן.

און, אפשר, זײַנען די ראַנד־שטראַלן, וואָס דער שטיין וואַרפט, די אמתע

מעטאַפאָרן פון גוטן ליד: מיין איך, אין זיין ליד איז נישטאָ קיין איבעריק וואָרט, וואָס זאָל נישט פּאַסן צום ליד; יעדעס ליד איז אַריינגעפּאַסט אין זיין ראַם. זיי זיינען פיינע בליישטיפט־צייכענונגען, זויבער געצייכנט, אָן פעלער.

אין עלפנביינערנע רעמלעך. בכלל, איז עפּעס דאָ אין די לידער, וואָס דערמאָנט אין עלפנביין־שניצערייען.

שוין אין קוואַליטעט, זיינען זיי ווי עלפנביין — קיל־גלאַטיק.

איז דאָס טאַקע זיין גרעסטער חסרון: זייער גלאַטקייט שלעפּט זיי אַראָפּ אויפן גרונט פון די קילע ים־ברעגן, צווישן זאַמד, וואו שוים קומט נישט צו.

איך קען אויך זיי פאַרגלייכן צו שטילע וועלן אויפן אָפענעם טייך: זיי שלאָגן זיך נאָענט אינעם ברעג: זיי גייען אין דער טיף ווי אין דער ברייט.

י. ל. קאַלושינער

אײדער איך האָב דאָס בוך געענדיקט לייענען, האָב איך זיך געבּונטעוועט קעגן דעם בוך: עס איז מיר נישט אַזוי געפעלן.

וואָס אמת איז אמת. קיין איין נייער מעטאַפאָר איז אין דעם בוך נישטאָ. דער וועג פון בוך איז אַן אַלט אויסגעטראָטענער.

קיין נייעס איז דער דיכטער נישט מחדש. שוין נישט גערעדט פון דער פאָרעם, וואָס איז כמה וכמה יאָרן אַלט, איז דער אינהאַלט אויך נישט ניי.

קיין נייע ווינטן בלאָזן נישט אינעם בוך. איך מיין נישט גראָד פּראָ־לעטאַרישקייט. און דאָס פעלט לחלוטין אינגאַנצן אינעם בוך.

און דאָך איז עס אַ גוט בוך. שוין דערמיט וואָס ער האָט זיך אויסגע־היטן פונעם לינקן פייער און איז דערפון נישט מתרעם געוואָרן. אויך איז ער באַפרייט פונעם רעכטן „אָפּנויג". אַזוי, אַז ער, מיט זיין בוך, שטייט אין מיט, אין „צענטער."

פון אינהאַלט אויס: איז עס, דאָס בוך, לויז — נישט עס גליט פון היץ און נישט — פון קעלט.

אויך אין דעם פּרט שטייט עס(דאָס בוך, אין צענטער — עס איז לוי, עס ווערט אַפילו מאָנאָטאָן, לייענענדיק די נאַטור־לידער.

עס איז אַן אויסגעטראָטענער וועג, פון זיינע פריערדיקע מייסטער: אָנהויבנדיק מיט אַן אַלטן מייסטער פּעטראַרקע און ענדיקנדיק מיט אַ יידישן שרייבער, דוד קעניגסבערג. — ס'האָט אין פאָרעם, נישט געקאָנט אַנדערש זיין — דאָ רעדט זיך וועגן פאָרעם, אָבער דער אינהאַלט? היתכן? מיט אימ־פּעט זיינען אָנגעשריבן די שטאָט־לידער, פון זיי בלאָזט אַן אימפּעט פון דער שטאָט.

איך האָב זיך דערשראָקן, געליינט אַזויפיל לידער, און נישט אָנגע־טראָפן קיין איין ליבע־ליד, ביז קל איך בין געקומען צו דער אָפּטיילונג:

„לויבן״. דאָ האָב איך געשטילט אַביסל מיין דאָרשט, נאָך וועלכן איך האָב אַזוי געדאָרשט, אָבער איך בין נישט שיכור געוואָרן.

אַ לעבעדיקן איינדרוק, מאַכן די לעצטע לידער: זיי זיינען אָנגעשריבן מיט האַרץ.

מ. ז. טקאַטש

בן ארבעים לבינה. דער פסוק פון אונדזערע חכמים איז אויף אים מקוים געוואָרן. ערשט צו פערציק יאָר איז צו אים געקומען דער „פאַרשטאַנד״ — אין זיינע לידער, אָדער די בינה. עס איז אפשר מיין זאָג נישט גלייך: דאָס איז אַ בוך פון צען יאָר שאַפן — איך רעכן פון זיין ערשטן בוך אָן, ווען עס איז דערשינען, ביז היינט, איז גאַנצע צען יאָר צייט שאַפונג האָט ער אין דעם בוך לידער. לידער וועלכע ער האָט אָנגעהויבן שאַפן ווען ער איז געווען אין דער עלטער פון דרייסיק יאָר, איך נעם די לעצטע דאַטע דעצעמבער 1935. מען מעג שוין זאָגן — ארבעים לבינה, עס הויכט טאַקע אין די לידער מיט בינה. מיט טיפער חכמה. מיט געלייטערטער קלוגשאַפט.

מען זעט, אַז ער האָט געאַרבעט אויף זיך, אויפן בוך. איז עס טאַקע אַרויסגעקומען אַ געמייסטערט בוך. קלאָר, בולט זיינען די פערזן; דאָס איז די אויסערלעכע זייט. און די אינערלעכע זייט? — ווי געזאָגט — ווייעט פון זיי אַ טיפע חכמה.

וועל איך נישט ציטירן קיין פערזן, ווייל אויב ציטירן, ברויכט מען דאָס גאַנצע ביכל, קיין איין ליד אינעם ביכל האָב איך נישט געפונען אַ מינדער־וויכטיקס. אַלע לידער אינעם ביכל האַלטן אויס די פּראָבע.

פּרץ אָפּאַטשינסקי

זיין ביכל, „אין שטאָט־געבראַזג״, וואָס ער האָט מיר געלייענט מיט צען יאָר צוריק, האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַ פּאַטעטישע פּראָזע. איך ווייס נישט איבער וועלכע סיבות עס איז נישט אַרויס. עס איז געווען אַ פּראָזע, פון הויכן גראַד, נאָענט צו פּאָעזיע — לידער זיינען דאָס געווען. אַ קאַפּריזנע פּראָזע. איך בין פון איר געוואָרן אַנטציקט.

אַ געקרייזטע פּראָזע, ווי אַ לאָקן־קאָפּ, אַ קורץ־געשוירענער לאָקן־קאָפּ. קאַפּריזנע און לאָקיק. עס איז געווען אַ געפּליגלטע פּראָזע: זי בליט נישט אויף נייע וועלטן. זי אַנטדעקט נישט דעם נאָרדפּאָל, ניין, ווען איך זאָג, געפליגלטע פּראָזע, מיין איך אַ באַזונדערע אַרט־פּראָזע, וואָס מען זעט עס גאָר נישט ביי אונדז.

זי שטייט אָפּגעזונדערט: הן אין איר אינהאַלט. הן אין איר פאָרנעם.

גאָר באַזונדער אין אַ זייט פון אונדזערע פּראָזע־דיכטער. ווי די זאַמדן פון הייסן סאַהאַראַ, וויקלען זיך, אַזוי וויקלט זיך זיין פּראָזע. טרוקן לופטיק.

נאָר זיי צעשיטן זיך נישט ווי די זאַמדן אין דער הייסער מדבר, איך מיין דעם עצם קרויז, בעת דער ווינט יאָגט זיין דאַמף אויף די זאַמדן — נאָר אָט־דער וויקל, דער קרוין איז זיין דערציילן.

אייגנטלעך, איז עס אַ זינגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, דאָס באַ־זינגט ער די שטאָט אין פאַרשיידענע פאַזן, מיט אירע אייגנטימלעכקייטן — און הייס, אַזוי ווי די מדבר־זאַמדן, אַזוי הייס איז זיין זינגען, און עס קריכט זיין פּאַרע, אין די ווערטער, אויף די בלעטער.

פנחס גודמאַן

דער ערשטער וועבער־דיכטער ביי יידן.

אַ שאָד וואָס ער האָט נישט זיין כוח פאַרוועגדט אויפן היימישן וועבער. אַ גרויסער שאָד. עס שטאַרבן אָפּ דורות, מיט זיי — זייער מלאכה. און עס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען דער דיכטער — דער ידישער — צו פאַראייביקן די וועבער־עפּאָכע.

אַליין אַ וועבער פון מיין יונגער יוגנט אָן — פון ניין יאָר אָנגעהויבן צו וועבן — עס האָט מיך קיינמאָל נישט געצויגן צו וועבער־טעמעס, וואָס איך באַדויער עס.

לויט ווי עס איז געווען אַמאָל, פלעגט מען אויף מיר זאָגן — ווען איך האָב געאַרבעט:

„אנעים זמירות ושירים נארוג". — אָנגענומענע געזאַנגען זינג איך און לידער וועב איך — דאָס האָט מען געזאָגט אויף מיר ווען מען האָט מיך געזען לייענען און שרייבן ביי דער אַרבעט און זיך ממש געשפּילט ביים וועבן.

און אַ שאָד וואָס די היימישע וועבעריי האָט נישט איר דיכטער. „קראַפט וועבעריי", ווי מען האָט זי גערופן אין דער היים.

עס איז טאַקע מקוים געוואָרן דער פּסוק: „מיטן שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן דיין ברויט" — די קללה איז געבלירן געוואָרן. אָבער עס איז נאָך נישט געקומען דער דיכטער וואָס זאָל אויסקויפן די קללה דורך זיין געזאַנג.

און אויב עס קומט אַ דיכטער וואָס גיט איבער די ליידן פון זיין קלאַס — דאַרף מען זיך צוהערן צו אים: אַריינגריבלען זיך אין זיין מהות, פון וואַ־נען עס קומען זיינע לידער.

יאָ, פנחס גודמאַן זינגט דאָס ליד פון זיין קלאַס.

ב. ריווקין

דער עקסטאַזיקער עסייאיסט.

ביי אים ברעכן צוזאַמען די זיילן פון זיין פעסטונג, ווען ער ברעכט אויס אין עקסטאַז פון שאַפן.

ווען איך זאָג, ברעכן זיך צוזאַמען די זיילן, פון זיין פעסטונג, מיין איך, ווען זיין עקסטאַז ברויזט אויף, לעזט ער זיך אינגאַנצן אויף.

ער איז איבערגעגעבן זיין שטימונג, מיט לייב און זעל.

זיין שטימונג שלעפט אים אַראָפּ טיף אין אָפּגרונט אַריין, וואו עס הערן אויף מחשבות צו עקזיסטירן און עס הויבט זיך אָן אַ שפּיל פון געפילן.

דער געפילס־באַראָמעטער ווייזט ביי אים תמיד וואַרעמקייט — זיין געפיל.

מעג ער זיין בייז, מעג ער זיין גוט, ווייזט זיך תמיד די וואַרעמקייט אין זיין באַראָמעטער, ביז אויפן העכסטן פונקט.

אין די טעג פון כעס, וואַרפט ער דיך אויף די זיילן אַרום זיין פעסטונג און זעצט זיך אַוועק אַ באַוואָפנטער, און וואַרט מען זאָל אים אַטאַקירן — אָבער באַלד פאַרגעסט ער אין זיין באַוואָפנטקייט און — קאַפּיטולירט.

דער צופלוס פון געפילן צווינגען דערצו און ער בעט אויפן מלאך הגואל.

תלוש

תלוש דער ראָמאַנטיקער.

אין די מערסטע נאָוועלן זיינע — איך רייד פון די קורצע דערציילונגען, אין זיי האָט ער צמצום, קאָמפּאַקטקייט — איז איביק דאָ ראָמאַנטישקייט.

אין פלוג דאַכט זיך, דער בורליאַק תלוש האָט אויף זיך אַ גראָבע הויט, אין אמתן איז ער געפילפול ביז אין גבול — ביז אויף דער שפּיץ פון אַ האָר גייט זיין סענסיוויטעט — אַזוי טיף איז זיין געפיל.

אַ ראָמאַנטיקער מיט טיפע וואָרצלען — די בוימער ביי אים, ביי תלושן, זיינען טיף פאַרוואָרצלט.

און מיט גרינע בלעטער — די ליבע — זיינען באַשיט זייערע צווייגן.

איביק גרינט ביי אים.

איך קלעטער מיט אים אויף די בערג פון יהודה.
איך שליך מיט אים ביי די טייכן פון ווענעציע.
אומעטום אַלץ אין פאַרליבעניש.

איזן איז ער אין זיין פֿאַרליבעניש — אַ פֿאָלקס קינד — פּראָסט און פּשוט, נאָר מיט אַ טיפֿע בענקעניש, וואָס נאָגט זיין האַרץ אין די אייביקע לאַנגע טעג. דורך זיין וואַנדערן און וואָגלען אויף די וועגן פֿון יהודה. — דורך די גערטנער, מערק פֿון איטאַליע.

מערקווירדיק, ווי תּלוש איז פֿאַרחלשט אין די פֿאַרנאַכטן, און ווי פֿאַרבענקט אין די נעכטן.

און נישט אומזיסט פֿאַרנעמט דער זונפֿאַרגאַנג אַ גרויסן חלק אין זיין מאָלן. דיכטעריש זיינען די זונפֿאַרגענג געמאָלן פֿון אַ האַרץ וואָס לעכצט, פֿון אַן אויג וואָס זעט.

און אין די נעכט? דורך זיי ציט ער אין אַ פֿיינלעך שוויגן אויף דעם אייביקן על פּרשת דרכים.

זיינע העלדן איז איין העלד — תּלוש. אומעטום וועגט ער אַריבער, דער העלד תּלוש — זיינע העלדן.

דאָ האָב איך אין זינען זיינע גרעסערע דערציילונגען, אָבער שטאַרקער איז ער, ווי געזאָגט, אין זיינע קלענערע דערציילונגען. וואו עס איז דאָמינירנדיק דער העלד תּלוש.

און דערגרייכן דערגרייכט ער דאָס דאָמינירנדיקייט דורך שטילער גבורה, דורך בטחון אויף אַ בעסערער צייט, וואָס מוז און וועט קומען.

אַנאַ מאַרגאָלין

צו־גרינג זיינען די פּערזן פֿון איר בוך, אַז מען זאָל זיי קענען פֿאַרגלייכן מיט זון אָנגעטרונקענע־טרויבן, — ווי איך וואָלט זיי געוואָלט רופֿן. ניין. מען קען זיי נישט פֿאַרגלייכן צו אַזעלכע טרויבן; מען קען זיי ענדלעך פֿאַרגלייכן צו בלאַסע שאָטנס. — דעמערונג־סילועטן.

ריכטיק. דעמער איז איר בוך. פֿריער דעמער, אײדער די זון גייט אויף. די גאָלד־קאָליר פֿעלט אינגאַנצן אין בוך. ענדער איז עס, דאָס בוך, פֿון אַ זילבער־קוואַליטעט.

גרינגע, זילבערנע לייש־בלעטלעך, פֿילן אויס דעם תּהום פֿונעם בוך. זילבערנע שאָטנדלעך גייען אַ טאַנץ אויף די בלעטער פֿון בוך. און דער טאַנץ איז לייכט, גראַציעז. מיט פֿייען־טריט שוועבן זיי, די זילבער־גייסטער, אין זילבערנעם טאַקט.

אַ זילבערנער אָויר בלאָזט אויף די בלעטער פֿון בוך, און ער פֿאַרעמט

אויס פֿאַרשידענערליי זילבערנע בלומען אויף די בלעטער פֿון בוך. און די בלומען, אָבער, די זילבערנע, וואַקסן און גערייען.

זילבערנע טולופּן, נישט די פּילבלעטלדיקע רויז, וואָס לאָזט איבער אַ געדעמפּטן ריח, נאָר די ווייניק־בלעטלדיקע טולופּ, וואָס לאָזט נאָך זיך אַ טיף צאַרטן אַראָמאַט.

יאָ, פֿון איינצלנע בלעטלעך זיינען אירע טולופּן. פֿאַר דאָס, דויערהאַפֿטע ווי רויזן. רויזן צעשיטן זיך, טולופּן — נישט. אַ טולופּ בלייבט ביזן וועלקען מיט אירע בלעטלעך.

ר ח ל   ק אָ ר ן

אַ זאָגנדיקע דיכטערין.

ווען איך זאָג זאָגנדיקע, מיין איך פּשוט אַ זאָגערין. אַ גוטע זאָגערין. כ׳וועל עס אילוסטרירן מיט די אַמאָליקע זאָגערינס. אַרום זיי זיינען געשטאַנען קופּעס ווייבער און האָבן מיטגעזאָגט מיט איר קול. אָדער זיי האָבן גאָר אויסגעהערט שטילערהייט.

ווידער זיינען געווען שלעכטע זאָגערינס: ביי זיי איז די עברי נישט אַרויסגעקומען אַזוי באַטעמט, האָט זיך די זאָגערין געקריגט, אַרויסברענגענדיק די פּסוקים, ווי צעבראָכענע שערבלעך, אַנטקעגן די גוטע זאָגערינס, וואָס האָבן די עברי אַרויסגעברענגט ווי אַ פֿינקלדיק געפֿעס.

אָט אַזאַ זאָגערין, מיט אַ פֿינקלדיק געפֿעס איז רחל קאָרן. ביי איר פֿינקלט די עברי. ביי איר קענען זיך די ווייבער, אירע שוועסטער, אַרומשטעלן און אויסהערן, ווי זי דערציילט אירע פֿאָלקס־מעשהלעך און דערציילן דערציילט זי מיט אַ ליריש־עפּישן טאָן, פֿאָלקס־עפּיק! פּרימיטיוו און צויבערהאַפֿט.

מלכה לי

זי איז די דיכטערין פֿון „זינד”: פֿון די העכסטע אויפֿליִונג פֿון לעבן. פֿון העכסטן עקסטאַז פֿון גוף.

זי איז די דיכטערין פֿון די געטער ערא: ווי יענע, איז זי אויך, אַ „זינדערין”. אויך ווי יענע, ווערט איר גוף פֿאַרצערט פֿון אַ זיבנפֿלאַמיק פֿייער.

פון פייער פון זינד. ווי בלינדע אויגן ציען צום ליכט, ציט איר גוף צום געטלעכן פלאַנו, צו זינד.

איז טאַקע דער נסיון גרויס, מען זאָל, חס־ושלום, נישט אַריינפאַלן אין באַנאַלן טאָן: ווייל די גרענעץ צווישן קדושה און טומאה איז דאָ אַ קליינער בראַנד: איין פעלער־גאַנג, דו פאַלסט אַריין אין שאול תחתיה. זי איז בשלום אַ דורכגעקומען אַלע מכשולים און אַרויס אַ געלייטערטע.

אַ צנועה, אַ זינדערין.

איר זינדלעכקייט איז אַ שעפערישע, קרעאַטיווע.

4

אַרטיקלען, זכרונות און אָפּשאַצונגען
וועגן חיים קרול

י. י. סיגאַל

דוד איגנאַטאָוו

ש. ניגער

משה וויטיעס

י. ה. ראַדאָשיצקי

יצחק בערלינער

ש. ד. זינגער

ש. טענענבוים

דוד בערגעלסאָן

ישעיה שפּיגל

לוי גאָלדבערג

חיים לייב פוקס

מ. וואלדמאַן

משה נאַדיר

י. י. סיגאַל

חיים קרול

אין חיים קרולס גאַנצן לעבן האָט זיך געצויגן איין אויסגאַנגלאָזע סדרה „חיי־שרה״. זי נעמט דורך זיין גאַנץ דיכטעריש שאַפן. זי פאַרקלײדט זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און פון אַלע געשטאַלטן הערט מען איר אַרויס. אַ געפּיל פון אַ געהאַפּטער פרייד וואָס איז נישט מקוים געוואָרן. אַ רוף צו אַ וואונדערלעך געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי נאָענט צו אים באַוויזן, זיך געלאָזט באַרירן, זיך געלאָזט אַלע זיינע חושים זעטיקן מיט איר כישוף און — מיטאַמאָל זיך אַרויסגעריסן פון זיין גרענעץ און פאַרשוואונדן. אַ חלום האָט באַטראָטן די ערד פון זיין וואָר און איר פאַרהימלט און מיט דעם חלומס ביט־ווערן האָט ער אויך אָנגעוואָרן די ערד, די וואָר פון אונטער זיין טריט. קיין אַנדער אָנהאַלט האָט ער אין זיין לעבן שוין נישט אָנגעטראָפן. ער איז אייביק געווען אַליין און דאָס שיינע באַגעגעניש אויף זיין וועג פון עלנט איז אים צעגעשיקט געוואָרן פון ניט קיין גוטן מלאך. זיין עלנט איז נאָך מער צערייצט געוואָרן. די פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אויף זיין וויסטן לעבנס־גאַנג האָט ווי אַ ב ל ו י ב ל י מ ל אַ שוועב געטאָן פאַר זיין דמיון. אַ בלויער שטערן־פינקל אין נאַכט־ים פון זיין חשכות און — די פינצטערניש איז נאָך טיפער, נאָך געדיכטער געוואָרן. איר לייענט די קליינע לידער זיינע און פון איין ליד צום אַנדערן וואַקסט די טונקלקייט. פון פאַרגעפּיל ווערט וואָס־אַמאָל אַלץ פעסטערער, זיכערער געפּיל, און די נאַכט קלייבט זיך אַריין אין קרולס ליד. פון דער נאַכט אַרויס, פון דער שטאַרע פינצטערניש רעדן צו אונדז זיינע געציילטע ווערטער. מיר האָבן אָפּט דאָס געפּיל, ווי דאָס באַקלאָגן זיך איז לויטער־קינדערשע אומבאַהאָלפנקייט וואָס בעט זיך ביי אונדז, מיר זאָלן איר קומען העלפן. פאַראַן נאָך אַ מעגלעכקייט און אַ וועג מיר זאָלן אים אַרויס־ראַטעווען פון דער שווערער איינזאַמקייט וואָס הויבט אים אָן אַרומגאַרטלען מיט אירע אייזערנע שטאַנגען. וואָס ווייטער וואַקסט אין אונדז אַלץ שטאַר־קער דאָס געפּיל, אַז די אָפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע שורות קומען פון אַן אָפּ־געשלאָסענער וועלט, פון וועלכער נאָר די אויגן זיינע האָבן נאָך דאָס גענאָד פון פריי אַרויסקוקן אויף אַ שטיקל דרויסן און נאָך אַ גרעסערן חסד — אַריינצוקוקן אין דער טיף פון זיין אינעווייניקסט לעבן, וואו עס זיינען נאָך לעבנגעבליבן עטלעכע פאַרטייעטע, פאַרטייערטע בילדער לזכר, לזכרון, —

לזכרונות. דערמאָנונגען אַזעלכע וואָס וועלן אים סטייען צו דערשלעפּן זיינע פאַרטונקלטע מאָסן.

די „חיי־שרה"־מאָטיוון אין זיין בוך „אינדערלייכטערונג" (1925) איז אויך אַ טרויעריקער שיר־השירים. און דער טאָן פון דעם תּנכישן פריידיק־זומערדיקן שיר־השירים לאָזט זיך אין די קליינע „קאַפּיטעלעך" שטאַרק פילן. דאָ, ביי קרולן, זיינען די בילדער האַרבסטיקע, די רופן — פאַרצוויי־פלטע אָפּט. די קוים־זיך־באַוויזנע אילוזיע האָט נאָך אין שמייכל געגעבן און איר געשטאַלט איז מיטאַמאָל צעשוואומען געוואָרן. דאָס קערפּערדיקע, דאָס עראָטישע האָט נאָר געלאָזט פונדערווייטנס זיך אָנאָטעמען פון אירע שיינקייטן און זיסקייטן. ער האָט נאָר אירע בליטן געשמעקט, נאָר די ווייס פון איר בליאונג אין זיך אַריינגענומען, דעם זעטיקן טעם פון איר ממשות־דיקער פּרוכט — ניט. אַזוי איז אויך דער גורל פון זיין ליד. זיין ליד איז ניט פול געניוג, כאָטש די ווערטער זיינען כולו אויפריכטיקייט און אמת. זיין ליד איז מער דיכטערישער צוויט ווי קינסטלערישע פּרי. עס פעלן אין דעם די רייפערע, די פולערע, די אויסגעשטאַנענע זאַפטן און טעמען אָן וועלכע אַ ליד קאָן נישט ראוי ווערן צום נאָמען. אין די ערשטע יאָרן פון זיין לידס זיך אַנטפּלעקן פאַר אונדז, האָט אונדז זיין ציכטיקייט, זיין אויפריכטיקייט אַ ווייסן בלענד געטאָן פאַר די אויגן. די ראיה איז אונדז לויטער געוואָרן פון זיין פרישער אמתדיקייט. דאָס איז אָבער געווען דורכאויס ערשטע אַנטפּלע־קונג, ערשטער אָנזאָג, ערשטע וואונדערלעכע בשורה פונעם אָנקומען פון אַ נייעם פּאָעט וועמעס וואָרט רעדט מיט אַן אייגענעם נוסח. פון אַזאַ אָנהויב האָט געמוזט קומען, נאָכקומען עפּעס זייער און זייער וויכטיקס. דאָס זייער וויכטיקע האָט אונדז מבטיח געווען די זייער אידעלע קינסטלערישע, ביי־סימבאָלישע אָנצוהערענישן פון איינציקע ווערטער און אויסדרוקן מיט וועל־כע זיינע לידער האָבן זיך געלאָזט הערן און אַרויס־הערן מיט זייער באַזונדער־קייט אין כאָר פון אונדזער פּאָעזיע.

אָבער אויך אָן דעם דערוואָרטן נאָכקום, אָן דער קינסטלערישער פאַר־טיקייט פון זיין ליד, איז זיין דיכטונג געבליבן אַן אייגנאַרטיקער, שלאַנקער צעבליטער און צעצווייגטער בוים אין גאָרטן פון אונדזער דיכטונג. אויב מען קאָן באַווייזן דעם מוט און זיך פאַרגינען „אָפּשטאָטן" אַ וויזיט צו חיים קרולס פּאַר ביכלעך, אַריינגיין אין זיין קליינעם משכן און זיך מתיחד זיין מיט זיי, פון דער גרויסן בראָך פון אונדזער צייט וועלן מיר „אַריינפאַלן", ווי פּאַראַ־דאָקסאַל עס זאָל אונדז נישט קלינגען, אין דער טרויעריקער, צעבראָכענער וועלט פון אַ יחיד ווי אין אַ באַזונדעראַרטיקער גאַנצקייט אין וועלכער מיר וועלן אפשר דערפילן אַ געוויסע רו און באַרואיקונג: מיר וועלן אפשר נתפּעל

ווערן, מיר, די מענטשן פון היינט, פון דעם גוואַלדיקן ערנסט, פון דער גרויסער ראָמאַנטיק מיט וועלכער אַן איינציקער מענטש האָט אַרומגערינגלט זיינע דל״ד אמות, די טראַגיק פון זיין איינזאַמקייט געגעבן אַזאַ וואָג, ווי אַנגעזען דער מענטש איז געווען ערשט נישט לאַנג, דאָ ניט ווייט — דריי, פיר — אַכט יאָר ווייט פון „אונדזער צייט״. און עס איז גוט אַזוי. מיט דער וויכטי־קייט פון דעם איינציקן מענטשן איז געוואַקסן די חשיבות פון דער איינציקער מענטשהייט. טויזנט און איין שפּיגל האָט די מענטשהייט אין וועלכע איר מאָנאָטאָנקייט, גרויקייט, וואָכעדיקייט ווערט איבערגעבראָכן ווי די פאַרבן אין אַ קריסטאַל — דער שפּיגל פון אירע יחידים.

אין קרולס ליד איז פאַרפיקסירט געוואָרן אַ לעצטער איבערבלייב פון אַ תמימות וואָס האָט נאָך פאַרבלאָנדזשעט און אַרומגעבלאָנדזשעט אין אונ־דזער וועלט און האָט פאַר זיך קיין אָרט נישט געפונען. האָט זיך אַזאַ מענטש, אַזאַ פּאָעט ווי חיים קרול, דערבאַרימט אויף איר און איר אַריינגענומען צו זיך. ער האָט אין איר שכינה געשריבן זיינע לידער. ער האָט אינמיטן ניו־יאָרקער שטיין זיך באַזעצט מיט איר ווי אין אַ נזירים־הייל און געפירט מיט איר זיינע פּאָעטישע „געשפּרעכן״. אין תוך קאָן זיך קיין שום פּאָעט נישט באַגיין אָן אָט־דער אייביקער תמימות, פונקט ווי ער קאָן זיך נישט באַגיין אָן דער אייביקער חכמה וואָס גייט איבער בקבלה פון איין דור נביאים און קינסטלער צום אַנדערן דור. קרול איז נישט געווען קיין צו־גרויסער עושר פון יענער לויטערער און געזעצטער קלוגשאַפט וואָס לאָזט זיך אַזוי קלאָר און שאַרף אָנזען אין שאַפן ביי די קרעפטיקע קונסטמייסטערס פון וואָרט. זיין תמימות איז אָבער אַ דורכזיכטיקע און אַ ליכטיקע און לאָזט אונדז אפילו היינט פילן איר פרישן טעם. אין איר קול דערהערן מיר דאָס קול פון אַ גאַנץ לעבן איבער וועלכן עס איז אויסגעגאָסן אַ פרומקייט און אַ גוטס־קייט און אַ פּאָטערלעכקייט און איז תמיד אין דער גרויסער וועלט ווי ביי זיך אין דער היים, ווי ביי זיך אין געצעלט. עפּעס אַן אייביקער נאָכקלאַנג פון אַ מה טובו שוועבט אַרום אין דער לופט פון אָט־דעם לעבן. צווישן די וואָ־כעדיקע מענטשן דרייט זיך שטענדיק אַרום איינער אַ יום־טובדיקער, קיינ־מאָל טוט זיך די לעגענדע נישט אָפּ פון דער ווירקלעכקייט. אגדה און הלכה זיינען לעבעדיקע תושבים, ווי שולגאַס און מאַרק, אין די אייגענע דל״ד אמות פון ישוב. אָט־דער „גייסט״ איז גאַנץ געבליבן אין חיים קרולס געמיט און ער נעמט דורך זיין איטלעך ליד. זיינע לידער זיינען קינסטלעריש בלייך, האָבן ווייניק בלוט־קאָליר אין די באַקן, זיי זיינען אָבער דיכטעריש חנעוו־דיק אין זייער קינסטלערישער בלייכקייט. דאָס וואָס איז קינסטלעריש נאַאיוו אין זיין ליד איז דיכטעריש תמימותדיק אין זיין וואָרט. די דיכטערישע תמי־

מות איז ביי אים דורך און דורך אַ פּאָזיטיווער שטריך, אַן עכטע אייגנשאַפט. זי רעדט צו אונדז מיט אַ פול מויל און מיר גלויבן איר. זי דאַרף אונדז אפילו נישט אַלע מאָל ברענגען די סימבאָלישע משל־און־נמשל עדות, מיר זאָלן איר גלויבן. איר וואָרט איז אַזוי אמתדיק עכט, אַז מיר גלויבן איר אויפן וואָרט, נישט נאָר ווען מיר זעען פאַר זיך דאָס וואָרט־בילד, וואָס קומט שטאַרקן אונדזערע חושים מיט איבערצייגונג.

יעדן מאָרגן קלאַפּן בלאָע שוואַלבן
אין מיין פענצטער
און ברענגען מיר דיין גרוס.

יעדן מאָרגן קושן יונגע שטראַלן
מיינע שויבן
און ברענגען מיר דיין הויך.

מעגלעך, אַז עמיצער וועט אפשר וועלן אַביסל אָפּפרעגן די דאָזיקע אינטימע, סימבאָלישע בילדלעכקייט און אָנווייזן אַז די צייט, די היינטיקייט האָט פון זיי אַרויסגעשלאָגן ביז אַ גאָר גרויסן גראַד זייער קערנדיקייט; האָט אַרויסגעקלאַפּט די קערנער פון זייערע זאַנגען. איך גלויב אָבער קוים, צי מיר דאַרפן צו אַלצדינג וואָס דאָס אומרואיק־היינטצייטיקע טראָגט אונדז צו, צוגיין מיט אַזאַ זיכערער מאָס. אַ סך פון דער אומגעזונטער אומרו פון היינט וועט סוף כל־סוף איינשטילן. אויב נישט אין אונדזער לעבן, איז אין לעבן פון אַ דור שפּעטער. מיר מוזן אַזוי גלויבן. די מלחמה־לופט האָט זיך נאָך פון אונדזערע געמיטער נישט אַרויסגעקליבן. איינע פון די שטאַרקסטע אויפגאַבן וואָס די קונסט, דערהויפּט די קונסט פון וואָרט, דאַרף זיך שטעלן, איז וואָס שטאַרקער אַרויסצוהעלפן די דאָזיקע קראַנקע לופט אַרויסצוטרייבן פון זיך און פון דער אומרואיקער סביבה. אויף קיין פריש־צאַפּלדיקן אידיילישן ראָמאַנטיזם דאַרף מען זיך טאַקע נישט ריכטן, מען מעג זיך אָבער יאָ ריכטן אויף אַן אינערלעכן קליינעם פּראָצענט שלום מיט זיך און מיט יענע דיכטערישע און קינסטלערישע ירושה־קוואַלן וואָס האָבן אייביק גענערט אַלע נייע, מאָדערנע, עכט־אַרויסגעוואַקסענע ריכטונגען אין אַלע קונסט־ און קולטור־געביטן. ווען מיר וועלן קומען צו דער סאַמע מינדסטער אינערלעכער באַרואיקונג, וועלן קרולס לידער אונדז אַנטקעגנקומען מיט זייער פּשטות און נאַטירלעכקייט. מיר וועלן ווערן מסוגלער אויפנעמען אירע יענע עלעמענטן וואָס אַן אַלט־דורותדיק לעבן און לעבנסשטייגער האָבן אין זיי פאַרגרונטיקט. איצט איז דאָס פאַר אונדז נישט מעגלעך. איצט איז אין אונדז אַנגעשטאַנען אַ געוויסע גייסטיקע פרעמדקייט צו אַ סך קינסטלערישע ווערטן, וואָס אין רואיקע צייטן, אין גאַנצערע צייטן האָבן מיר מיט זיי געלעבט אין אַ היימלעכער קרובהשאַפט. מיר מאַכן אָפט דעם טעות, אַז מיר קאָנען, ווען מיר זאָלן נאָר וועלן, אַנטלויפן קינסטלעריש, פון דער היינטיקער וועלט־סביבה און פאַר זיך אָפּקלייבן אַ מינוט פון פולשטענדיקער רואיקייט מיט

זיך. נישטאָ היינט דער גיבור וואָס זאָל דאָס קאָנען באַוויזן. די אומרו פון דער צייט דרינגט דורך די סאַמע דיקסטע ווענט פון יעדן גייסטיקן מקלט־אָרט. דער גרויסקינדסטלערישער נסיון וואָס עס שטייט פאַר דעם אמתן פּאָעט באַשטייט אין דעם ווי טיף און ווי וואַגיק און שטאַרק דער כּוח פון דעם אַל־צייטיקן, פון דעם אייביק־ירושהדיקן וואָס ער פאַרמאָגט און ווי קרעפטיק עס איז בכוח זיך אַנטקעגנשטעלן דעם צייטלעכן; ווי ווייט די דאָזיקע צוויי עלעמענטן קאָנען זיך באַלאַנסירן, ווי ווייט זיי קאָנען קומען צו אַן אויסגלייך און „שליסן אַ דויערהאַפטיקן אָדער אַן אייביקן שלום". קרולס ליד האָט זייער וויניק אָדער כּמעט גאָרנישט פון דער היינטצייטיקער וועלט־אומרו אין זיך. זיין ליד האָט זיך ווי פאַרקליבן „הינטערן שטאָט" פון דער וועלט וואו גאָט און מענטש וועלן זיך פאַרשטיין דורך די שטילסטע רמזים. דאָס באַגערנדיקע צונויפריידן זיך פון מאַן און פרוי טראָגט אין זיך אַ תפילהדיקע פרומקייט ווי די בקשות און תחינות וואָס מען מורמלט פון הינטערן וואַנט צו גאָט. דערפאַר איז אין זיין „חיי־שרה" שיר־השירים פאַראַן מער „פּירוש" ווי „פשט". דערפאַר איז זיין עראָטיק, אַזוי ווייס־צניעותדיק און איז דורכגעדרונגען פון אַ ריינער קינדערישער, קינדישער מענטשלעכקייט. די טענה מיט דער פאַרגעבונג גייען אינאיינעם. עפּעס אַ בלינדער כּוח האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און זיין נישט־דערגרייכטן חלום און ער וויל מיט זיינע דורכזיכטיקע, אָפּט דימענט־שאַרפע ווערטער דורכגליען און אויפּליין די בלינדע וואַנט. דאָס ליד ברענגט אים פאַרגיטיקונג פאַר זיין אָנווער. דאָס ליד שפּילט מיט אים אין הייליקער ליבשאַפט. די ווערטער אין אייניקע לידער זיינע זיינען דורכגעקושט און דורכגעווייטיקט פון יסורים־גרויסער ליבשאַפט צו דער וועלט פאַר וועלכער ער שטייט אויף די קני און בעט און דאַנקט און זינגט אַ שבח פאַרן חלק לעבן וואָס איז אים פון איר באַוויליקט געוואָרן.

כ'האָב געחלומט אין אַ שטיל לאַנד
און דו — אין בלאָ געוואַנט,
האָסט דעם הימל דאָרט פאַרשלעפּערט,
אין דעמערונג־טיול פאַרוויגט דאָס ליכט.
און צו דיינע פיס בין איך געפאַלן
געאָטעמט דיין דערבאַרמונג־שיין.

וויפיל אינעווייניקסטע רו די דאָזיקן שורות פאַרמאָגן. איטלעך וואָרט איז דורכגענומען פון טיפן אומעט. דער אומעט איז אָבער אַ באַהערשטער און באַהערשט איז ער נישט נאָר פון אַ באַוואוסטזיניקער קינסטלערישקייט נאָר, און אַ סך, אַ סך מער, פון אַן אינטואיטיוו אַלט־ירושהדיקער שיין־מענטשלעכקייט וואָס חיים קרול האָט פאַרמאָגט אין זיך. די דאָזיקע שיינע

און אידעלע מענטשלעכקייט איז אויך נישט קיין קליינע קונסט וואָס מען קאָן איר איינהאַנדלען פֿאַר אַ פּאָר קופּערנע מטבעות אויפֿן וועלט־ און צייט־יאַריד. די דאָזיקע גרויסע קונסט איז אַ קנין אויף וועלכער עס האָבן געאַרבעט און געהאָרעוועט די גרויסע עטישע מייסטערס וואָס, יעדער אין זיין מדרגה, האָט געגעבן זיין דור אַ זכות. אַ טיפֿע ליבשאַפֿט דערוועקט זיך אין אונדז צום מענטשן און צום דיכטער חיים קרול, וואָס דאָס דורותדיק־נשמה־דיקע האָט אים נישט דערלאָזט פֿאַרסמען זיין וואָרט מיט קיין איינציקן פֿאַר־ביטערטן יאוש. דאָרט וואו די אַנגסט באַטקעט אים צו שווער, פֿאַרקאָרטשען זיך זיינע ווערטער אין אַ ייִנגלשן רוגז אויף זיך, גאָט און וועלט ביז — עס גייט אים איבער דער ווייטיק און — דער רוגז גייט אויך אַריבער.

וועט אַלץ אַזוי גוט,
איז אַלץ אַזוי מילד.
מאַמעס היטען זייער מילעך,
קינדער לויבן זייער געבורט,
יידעס בענטשן זייער עלטער,
בלינדע דאַנקען זייער גורל —
ווען דו נעמסט לייכטן אין מיין טאָג
איז אַלץ אַזוי גוט,
ווערט אַלץ אַזוי וואָר.

ס׳קושט די זון שלאַנג און טויב,
ס׳האַלדזט דער טוי דאָרן און בלום.
ס׳רוט אַ פֿרייד אויף שטיין און האַרץ,
ס׳לאַכט דאָס גליק פֿון אויג און נאַכט —
ווען דו נעמסט לייכטן אין מיין טאָג.

ווען איך טו איבערשרייבן אָט־די שורות פֿון קרולס בוך ציטערט מיר די האַנט פֿון גרויס צער און אמתער ליבשאַפֿט צו דעם דאָזיקן וואונדערלעכן קראַנקן נזיר אין אונדזער פּאָעזיע. איך וואָלט זיי גערן־געוואָלט מיט די אייגענע הענט אַרויפֿקריצן אויפֿן פּנים פֿון זיין מצבה־שטיין; שטייט און וויגט זיך ביים צופֿוסנס פֿון דעם פּאָעט פֿון ווערעס ליכטיק און פֿאַרוואָלקנט געמיט עס האָבן אַרויסגעבלויט לויטערע טראָפּנס אינערלעך געזאַנג. מערק־ווירדיק ווי זיינע פֿרומע און ריינע שורות תפילה קלינגען מיר, — להיפוך צו אַנדערע וואונדערלעכע עכטע פּאָעטן, וואָס זייער דיכטונג ווערט דורכ־געלויכטן פֿון אַן אָוונטיק ליכט — זיינע, קרולס געבעטן קלינגען מיט אַן אינדערפֿריאיקער, טויאיקער פֿרישקייט, מיט דעם געמיט פֿון טאָג־אויפֿגייענדיקן שחרית.

„געצעלטן" — 1946.

דוד איגנאַטאָוו

חיים קרול (פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט)

חיים קרול איז לויט זיין נאַטור געווען קערנדיק געזונט. ער האָט געקענט אין קורצע שורות אויפשטעלן אַ בילד ווי אַ גרויסער פלאַסטישער מייסטער.

מיט אַ געזונטער און איינגעבאַרענער דירעקטקייט ווענדט ער זיך צו אַ מיידל וואָס אַרבעט אויס אַ שטיקערייַ אויף איר נאַכט־העמד:

„מיידל,
ווי קינסטלעריש דו העקלסט!
פון אונטער דיינע פינגער
שפרינגען אַרויס היגלען.
דו האַלטסט אין דיין האַנט אַ נאַכט־העמד —
נייַן, —
אַ שטיק צפון־הימל האַלטסטו אין דיין האַנט
און קריצט אויף אים
ס׳רעטעניש פון לעבן...״

מיט אַ שמייכל פון אַ געזונטן פאָרטרעטן־מאָלער שרייבט ער:

„שטייט אַ פרוי,
מיט נאַקעטע, געזונטע בריסט
ביים בעט צובעטן.
אין דער גליאיקער היץ,
און אין דרויסן,
לעכצן, שטאַמלען זויג־קינדער
נאָך אַ טראָפן מילך.״

און אַט מיט וויפל זינגעדיקער ליבע ער באַוואונדערט און גיסט זיך צונויף מיט אַן אָנצייַנערדיקן אַלטן:

„זאָל דיר וואויל באַקומען, זיידעניו,
דיין מאָלצייַט,
דיין אַלט ברויט מיטן אַלטן ווייַן.
ווי שיין
דיינע אַלטע, אָנצייַנערדיקע זשאָנסלעס
קייען, מיט זאַפט, דאָס דאַרע ברויט,
ווי שיין,
ווי יונג־בחורישע צייַנער —
ווי בנעימות,
אַן קרים
דו טרינקסט אים
דעם ביטערן, אַלטן ווייַן.
זיידעניו,
בענטש מיך:
כ׳זאָל אויך די זכיה האָבן
צו פאַרטרינקען דורות
מיט אַלטן ווייַן.״

דאָס זיינען ניט נאָר פלאַסטישע פאָרטרעטן, דאָס איז אויך גרויסער וועלט באַנעם. און געשריבן האָט ער די לידער נאָך אין זיינע פריע יאָרן. אפשר נאָך אין דער צייט ווען ער האָט ליב געהאַט, נאָך אַ טאָג אַרבעט, אין דעם טאַטנס לאַדזשער וועב־שטוב, זיך אָנטאָן אין אַ נעטן אָנצוג מיט לאַקירטע שיך און אַרויסגיין מיט אַ שטאָק, מיט אַ זילבערנער גאַלקע, און מיט הענטשקעס אויף זיינע הענט, באַגעגענען זיין געליבטע. דאָס האָט ער געשריבן אין יענע יאָרן ווען יעדן פרימאָרגן פלעגן „קלאַפּן בלאָע שוואַלבן

אין זיין פענצטער", און אים ברענגען אַ געֿרוס פון חיה שרהן, מיט יונגע קושן פון איר. קרול פלעגט דאַן, אין תפילות, מתפלל־זיין פאַר חיה שרהן; „זאַנגען, בעט פאַר איר. פעלדער, לויבט פאַר איר. הימלען, לאַכט צו איר. שטראַלן, שמייכלט איר. שטערן, שיקט איר טוי. נאַכט, פאַרחלום זי..."

יאָרן שפּעטער האָט ער דערפילט אַז אויף די וועגן וואָס זיינען אי גלייך, אי פאַרפּלאָנטערט, איז ער געבליבן „אַליין און מיט פאַרוואונדעטע פיס . . ."

***

נאָך אַ גאַנצער קייט פון ליבע־לידער וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, נאָך אַ סך שווערע ראַנגלענישן, דערפילט זיך חיים אַ געלייטערטער, אַ דערלייזטער. דער גייסט האָט זיך געשטאַרקט און זיך דערהויבן איבערן קערפּער, און ווי פריער צו זיין געליבטער חיה שרה נעמט ער אויך דאָ רופן צו די רעאַלע און אַבסטראַקטע כוחות:

נאָר אַ מענטש פון עכטן גלויבן קען אין זיך מאַכן אַזאַ אומבייט און צונויפגיסונג פון גאָט און געליבטער, און קרול האָט דאָס געמעגט.

גאָר ווייניק פון אונדזערע שריפטשטעלער ווייסן פון גאַנצער, דורכגעלויכטענער ליבע. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט גענוג טיף רעליגיעז. די אייביק־קוואַלנדיקע מענטשלעכע מעשהדיקייט, וואָס איז ראַציאָ אין זיך אַליין, לייקנט אָפּ דעם אַזוי־גערופענעם ראַציאָנאַלן געדאַנק, אַז ליבע צווישן מענטשלעכע געשלעכטער איז כמעט דאָס אייגענע ווי געשלעכטלעכער פאַרקער צווישן חיות. דער מענטש איז מעשהדיק רעליגיעז, און לויט דער גרויס פון אַ מענטשנס רעליגיעזקייט איז זיין ליבע.

דורך דעם מענטשנס מעשהדיקן, רעליגיעזן ליכט פון ליבע ווערט געשלעכט געהייליקט. לייב ווערט טראַנספאָרמירט, קריגט אויסדערוויילטן ווערט. דורך ליבע ווערט מענטשלעך לייב דערהויבן צו אַ געטלעכער סובסטאַנץ; געטלעכן באַפעל, געטלעכן ווילן, געטלעכער באַשערטקייט, — אַזאַ איז, אויף צו באַלייכטן אונדזער ליטעראַטור, געווען די ליבע פון אונדזער חיים קרול.

חיה שרה איז אַוועק, חיה שרה איז מער קיינמאָל צוריק ניט געקומען, אָבער חיים, כאָטש אַ מסוכן־קראַנקער, אין גרויסע יסורים, האָט דאָך אָנגעהאַלטן זיין ליבע. ער איז זיך מודה: „איך קען ניט פאַרלעשן דאָס פייער אין מיין בלוט". און ריין און אויפריכטיק איז זיין דאַנקען פאַר דעם גרויסן גליק פון האָבן געלעבט מיט חיה שרהן אין איין צייט:

„שטיל שטרעקן זיך מיינע הענט — פאַרן גרויסן גליק —
כ'לויב פאַר אַלץ: — פאַר מיין זיין מיט דיר אין איין צייט..."

נאָר אַ דיכטער, ווי קרול איז געווען, האָט געקענט, מיט זיין גרויסן דורכגעלויכטענעם טאַלאַנט, אַזוי רעדן וועגן זיין אייגן האַרץ.

ש. ניגער

וועגן חיים קרולס בוך „אינדערלייטערונג"

1.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס דאָס ביכל איז נישט אויף אַ העלפט אָדער צוויי־דריטל קלענער, ווי עס איז. עס וואָלט געמאַכט אַ זעלטענעם איינדרוק. עס וואָלט געווען אַ זאַמלונג פון לויטער לעבעדיקע שורות, אַ כאָר פון קינדישע און אמת לירישע קלאַנגען...

עס איז אַ פּאַרדראָס, אַן אמתער פּאַרדראָס, וואָס אַ נאַענטע, נאָר נישט קיין אויסקלייבערישע האַנט האָט צונויפגענומען אַ ל ע פאַרשריבענע פּאַפּיר־לעך, וואָס האָבן זיך געפונען ביי אַט דעם מאָדנעם מענטשן, און זיי אָפּגע־דרוקט. אַלע פּאַפּירלעך — די לעבעדיקע און אויך די, וואָס אָטעמען מיט טויט און מיט טינט, די ווערטפולע און די ווערטלאָזע...

דאַרף מען לייטערן די שורות, אַרויסוואַרפן דאָס פסולת, דאָס געמישטע, ווערט מען אַ "קריטיקער", אַ קלייבער, אַנשטאָט צוצוניגן דאָס אויער — און הערן. דאָס שטערט דעם איינדרוק. ווען עס זאָלן זיין אָבער נאָר אַ פּאָר צענדליק בלעטלעך מיט געקליבענע פערזן, וואָלט עס געלויכטן אַזוי שטיל, ווי פּערל.

אָט לייכט אויף אַ שורה:

זאַנגען, בעט פּאָר איר.

וואָלטן דערנאָכדעם קומען נאָך אַ פּאָר אַזוינע איינפאַכע, און תפלה־דיקע, פערזן, וועלכע זאָלן אַביסל נאָר וואַריאירן דעם מאָטיוו, וואָלט עס גע־ווען אַ פיין ליד און אַ י י ד י ש ליד. קומען גאַנצע פינף מאָנאָטאָנע שורות, ווערט עס מליצה.

זאַנגען, בעט פּאָר איר,
פעלדער, לויבט פּאָר (?) איר.
הימלען, לאַכט צו איר.
שטערן, שיקט איר טוי.
נאַכט, פּאַרחלום זי.

מוזן מיר זיך אָננעמען מיט געדולד און וואַרטן אויף יענע זייטלעך אָדער שורות, וועלכע זיינען געלייטערט...

טוען מיר עס — און ווערן באַלוינט.

עס עפענען זיך שטילע, שוואַכע, אָבער פרישע קוואַלעכלעך :

עס רופט צו דיר אַ קינד,
וואָס דערוואַכט אין מיטן נאַכט
און געפינט זיין מאַמע נישט.

אָדער :

ווען קראַנק צו דער ערד
כ׳בין געפאַלן
פון בענקען היינט
און מיט געליטן
לאַנג מיט דיר —
האָבן וואָלקענדלעך
דערבאַרעמט זיך
און פאַרשלעפערט ס׳ליכט
אין מיינע אויגן.

אָדער :

איינע פון די שטילסטע שטימען ציטערט אין מיר
און בעט פאַר דיר.
איינע פון די העלסטע טרערן ציטערט אין מיר
און וויינט פאַר דיר.

אָדער :

נאַכט, נויג דיין טוך איבער מיינע אויגן
ווי אַ זקנה אירע הענט
איבער אַ גוסטיקן.
פאַרשלעפער ס׳ליכט אין מיינע וועלטן.

אָדער :

די לבנה איז אַרויס, ווי אַ זילבערנע הירשין.
גלאַט פאַרקעמט איר קאָפּ,
אויפן שטילן הימל.
און אונטן, אויף דער ערד,
האָט געווימלט און גערעשט.
און נישט קיינער האָט געוואָרפן אַ בליק
צו דער זילבערנער הירשין איבע אונדז.

ווען, וואו האָבן מיר געהערט אַזעלכע שטילע טענער ? ווען, וואו האָבן מיר געזען אַזאַ תמימות, אַזאַ צאַרטע קינדישקייט, אַזאַ איידעלע בלאַסקייט ?

גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזויפיל געפרובט,
מיך, אַ קינד און אַ מאַמען.

שוין אַזוי גיך
דעם מאָרגן פון מיין טאָג פאַרלאָשן.
איך שרעק זיך
פאַר זיך.
איך האָב נאָך נישט
דעם מאָרגנס טוי געטרונקען
און שוין רעגנט אויף מיין קאָפ
אוונטס עלטער,
גאָט.

איז נישטאָ אין דעם, טראַכט איך, קיין „קראַפט פון אויסדרוק", קיין פאַרב. אָבער נישט תמיד האָבן מיר ליב צו קוקן אויף אויל־בילדער, און שווערע באַגולטע ראַמען. אַמאָל דורשט דאָס אויג נאָך אידעלע און שטילע בליישטיפט־צייכענונגען, נאָך צאַרטע בלאַסע אקוואַרעלען.

לירישע אקוואַרעלען — אָט דאָס זיינען די בעסערע, די נישט־פאַרלי־טעראַרישטע, לידער פון חיים קרול.

לידער? די מער־געלונגענע פון זיי זיינען אייגנטלעך נישט קיין לידער. דאָס זיינען פסוקים. תהילים־ און משלי־פסוקים. און, ווי אין יענע אַזוי איז אויך אין די פערזן פון חיים קרול, אינאיינעם מיט דער תמימות, פאַר־ראַן עפּעס אַ רייפקייט, אינאיינעם מיט דער פרישקייט פון טאָן, אַן אַלט־קייט פון געפיל, אַ קרענקלעכע און אַן אידעלע אַריסטאָקראַטישע מידקייט...

אינדערלייטערונג, רופט זיך קרולס ביכל. דאָס איז ריכטיק. קרול איז נאָך נישט אַרויס פון דער לייטערונג. זיין טאָן איז נאָך נישט ריין געגנוג. עס זיינען נאָך דאָ מטושטשע און איבעריקע קלאַנגען. עס איז דאָ נאָך אַ סך פסלות. אָבער אפילו זיינע שלעכטע לידער זיינען — זיינע אייגענע.

„צוקונפט", 1925.

2.

וועגן קרולס לידער אין זאַמלבוך „שריפטן"

עס קומט איצט אַ סעריע לידער פון איינעם פון אונדזערע ליבסטע און אָריגינעלסטע יונגע דיכטער — חיים קרול. זיין קינסטלערישע אייגנ־אַרטיקייט אין אַן עכטע, אַן אינעווייניקסטע, אָבער ער פילט נאָך, ווי עס ווייזט אויס, נישט קיין אונטערשייד צווישן די לידער, וואָס זיינען וויכטיק אי פאַר דעם, וואָס זינגט זיי, אי פאַר די, וואָס הערן זיי, און יענע לידער, וועלכע זיינען

אפשר נויטיק געווען, ווען זיי זײַנען אַרויסגעזוכגען געוואָרן, פֿאַרן דיכטער, אָבער אַנדערע דאַרפֿן זיי נישט. פֿאַר אַנדערע זײַנען זיי נישט מער ווי טשי־קאַווע. אַט לייען איך דאָס ערשטע פֿון דעם ציקל לידער:

איז מיר מאָדנע:
שפּיל איך זיך מיט אַ פליג
און פֿאַרשפּיל זיך.
אַט שטרעקט זי אויס אַ פּיסל —
רייס איך מיר אויס אַ האָר פֿון קאָפּ
און שטרעק איר אַקעגן —
באַטרעט זי די האָר —
בין איך גליקלעך —
פּאַטש איך מיט די הענט
פֿאַר פרייד.
אַט שפּילט זי מיט מיר אין קלאַס:
זי האָפּקעט אויף אַ פּאַדלאָגע־ברעט.
איך שפּרינג אויף אַ פּאַדלאָגע־ברעט.
זי געווינט.
איך — פֿאַרשפּיל
זי פֿאַרשפּילט.
איך — געווין.
בין איך גליקלעך.
פּאַטש איך מיט די הענט
פֿאַר פרייד.

איז עס געוויס טשיקאַווע צו זען, ווי ער „שפּילט זיך און פֿאַרשפּילט זיך", ווען אים איז מאָדנע, אָבער איז עס דען גענוג פֿול מיט באַדייטונג, אַז עס זאָל זײַן פּאָעזיע? און אַט די פֿראַגע ווילט זיך מיר שטעלן אויך וועגן דעם צווייטן, דעם דריטן, דעם פֿינפֿטן און אַ פֿאַר אַנדערע לידער פֿון דער סעריע. אין זיי אַלע האָט דער יונגער דיכטער אויסגעדריקט אויף זײַן אייגנ־אַרטיקן שטייגער זײַנע אייגנאַרטיקע געמיט־צושטאַנדן, זיי אַלע זײַנען מער אָדער ווייניקער לעבעדיק, אָבער עס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּריוואַט־לעבן, בעת דער כוח פֿון שאַפֿונג ליגט אין מאַכן דאָס פּריוואַטע אויס־פּריוואַט.

אַט דער כוח איז דאָ אין די איבעריקע לידער קרולס. אויך אין זיי רעדט ער וועגן זײַנע אייגענע, גאַנץ באַזונדעריקע, איבערלעבענישן. אָבער ער רעדט אַזוי, אַז עס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז ניט בלויז זײַן באַהאַלטענע

וועלט, נאָר באַהאַלטענע שטיק וועלט בכלל. אַ באַהאַלטן — און אַ ווערטפּיל שטיק — — —

כ׳בין פריידיק —
אַ שטיק פייער —
אין מיטן פון מיין אַליין זיין.
גלי איך אויף —
נעמען שווינדן די ווענט
פון דער וועלט
און עס ווערן דורכזיכטיק
אַלע זיבן הימלען.
און עס געוועענט דער כסא הכבוד
אין ווייַנע פיר איילן.
און איך קוש דעם של ראש
פון גאָט, ברוך הוא.

אַ ציטער איז מיר דורכגעגאַנגען דורכן לייב און דורך דער נשמה, ווען איך בין געקומען צו די לעצטע צוויי שורות. ווער נאָך, אַ חוץ קרולן, וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אָט־די וואונדערלעכע פערזן? ביי וועמען נאָך וואָלטן זיי געווען אַזוי ידיש און אַזוי — קינדיש איינפאַך?

פונקט אַזוי אייגנאַרטיק זיינען די איבעריקע לידער און דערהויפּט דאָס נישט־געוויינלעכע ליד „איך און די קאַליקעס“. עס איז שוין לאַנג אין דער ידישער פּאָעזיע נישט געהערט געוואָרן אַזאַ טיף־אָריגינעלער טאָן.

איר אַלע, וואָס איר מאַטערט זיך צו זיין אַנדערש, איר אַלע, וואָס איר קריכט אויף ווענט אין אייערע אומזיסטע מאַטערנישן, — זעט, ווי לייכט, זעט, ווי פּשוט, זעט, ווי נאַטירלעך עס איז אמתע אָריגינאַליטעט!

„שריפטן“, 1926.

משה וויטיעס

חיים קרול

(קריטישע עסיי)

„אינדערלייטערונג" — אַ לידער־בוך אין דער ליטעראַרישער ירושה פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער חיים קרול, איז שוין אַ רמז אויף דער לייטערונג וואָס אַ היינטצייטיקער לייענער, אָדער אפילו קריטיקער, דאַרף דורכגיין, אין שייכות צו דעם דאָזיקן אַנדערשדיקן דיכטער, כדי ער זאָל אים דערזען, זיך דערנענטערן צו אים און זיך נשמהדיק אָפּרופן אויף זיין אוממיטל־באַרן ליריזם.

חיים קרול האָט געזונגען, ס'רוב אין מינאָרנעם טאָן פון אַ קלאָג־ליד, אויף אַן איין־און־איינציקער טעמע — ליבע. ס'איז צו דערוואַרטן, אַז אַ יידיש־מאַנסבילשן מענטשן מיט אַ פּראָזאאיש־געמישטן מוח, בפרט נאָך אין דער איצטיקער צייט, זאָל אַזאַ דיכטער אים זיין עמאָציאָנעל דערווידער און אַז ער זאָל זיך מיט ביטול אָפּקערן פון אים. וואָרים, וועמען קען היינט רירן די ליבע־ליידן פון אַ דיכטער, וואָס דערמאָנט אַן קיפּלינגס כמעט שוין קלאַסיש ליד — „אַ נאַר איז אַמאָל געווען, האָט ער תפילה געטאָן צו אַ קליידל, אַ גופל און אַ זשמוטל האָר"?

ביי יידן מאַכט מען נישט קיין קולט פון ליבע. יאָ, ליבע צום ריבון־עלמין, דעם האַר פון די וועלטן, ליבע צום לעבן, צו יושר, גוטסקייט און שלום. אַ געזונטע, בעל־הביתישע ליבע וואָס פירט צו אַ קידושין־פינגערל, אַ משפחה־לעבן, און איבערהונדערט יאָר זיין פאַרגרייט מיט קדיש־זאָגערס — מהיכא תיתי. אָבער איינרייסן וועלטן, ווידמען די גאַנצע דיכטערישע גאָב, גאָר די כוחות און דאָס לייב־און־לעבן צוליב אַ בתולה — מעג זי זיך זיין אַזאַ יפת־תואר ווי די מלכה־שבא אַליין — איז יוגנטלעכער שטות, ריטערלעכער מאַניע־אידעאַליזם, איבערבלייב פון אַלט־היידנישן געצן־דינסט וועגן די געטער אַליין זיינען געווען נקבות... ווען עקזאַלטירטע לונאַטיקער פּלעגן סוף־חודש פּראַווען קידוש־לבנה ריטואַלן, אין דער נאַכט, לכבוד דער לבנה־געטין דיאַנאַ, האַרנטע איבער ליבע און פרוכפּערונג אין דער נאַטור, צי פאַר די אַנדערע ליבע־געטינס ווי אַפראָדיטע, ווענוס, אַסטאַרטע, וואָס מ'פלעגט פאַר זייערט־וועגן אָפּריכטן אי ווילדע אָרגיעס, אי פיינלעכע נזירות.

אָבער אַז איך האָב אַלץ מער זיך פאַרלייענט אין חיים קרולס לויטערע, אָגאָנישע געזאַנגען ביז איך בין בעל־כרחך אַריינגעצויגן געוואָרן אין זייך היפּנאָז.

דער אומגליקלעכער ליבע־קאמפלעקס, וואס אויף אים האט זיך חיים קרולס מוח פיקסירט האט בשום־אופן ניט גורם געווען אין זיין דיכטונג קיין פלאכע, ווייבלעכע ראמאנטיק. די פריער־דערמאנטע שורות פון קיפלינג זיינען אין דער ציטאטע נישט דערגאנצט. קיפלינג דערציילט נישט פון סתם א „נאר" וואס האט געמאכט פון א מיידל אן אפגאט. וואו וואלט דא געשטעקט דער חידוש? ער פארענדיקט יעדן סטראף מיט א רעפריין: „איוון עז יו ענד אי" — אט א שטייגער ווי דו און איך. אלע קענען מיר ווערן דיזעלבע נארן. די אידייע איז דא אן אוניווערסאלע, און דער מוסר־השכל איז אנגע־מאסטן אויף איעדן בן־אדם. קרולס ליד איז אויסגעדיסטילירט פון באנאלער, שוימיקער סענטעמענטאלישקייט. זיין איך־ליד איז אויסגעשמידט אויף דער קאוואדלע פון זיין אייגענעם לייד און איבערלעב, און עס דערגרייכט צו אונדז א סובלימירט, געפורעמט, אינטענסיוו ליד — א וויכטיקער צוגאב דער יידישער דיכטונג.

כ'בלאנדזשע אין די אוונט־היילן
ביי די טיף־בלאאיקע ברעגן
פון די טיף־טונקעלע טייכן;
און אייביק ווין איך אויף די שפורן
פון דיין איינזאמען סילועט
וואס די נאכט פארהילט.

אמת, זיין טרער, ווי א גלעזערנער טראפן אויף זיין באק, איז דא פארגליווערט, און צווישן די שורות וועט זיך העלן זיין וויזיע, און ס'וועט זיך תמיד אפשלאגן דער בת־קול פון זיין פארצאגט געמיט — אבער זיין פאעטיש־געשאפן ליד בלייבט איבער ווי א תפילה־זכה פאר אלע אנגעלאדענע אבער שטומע הערצער נאך אים.

ווערט צוליב דעם זיין ליד אריבערגעהויבן איבער צייט, תקופה און סביבה און עס שליסט זיך אן אין כאר פון דער אלצייטיקער דיכטונג. אלע געשיכטלעכע געשעענישן בייטן דאך נישט דעם מענטשן; און כאטש דאס פנים פון דער ערד ווערט מיט די יארהונדערטן געביטן — די געאגראפיע פון א מענטשנס געפיל־וועלט בלייבט אין תוך אומפארענדערט.

די ביטערע, איינזייטיקע חכמה פון די שאפענהויערס און אטא ווייניגערס אין זייער ניהיליסטישער קריטיק איבער דער פרוי, האט קנאפ־וואס באאיינ־פלוסט דעם קורס פון דער ליבע־אינספירירטער פאעטישער ליריק. זיי האבן אויפגעשטעלט א לאנגע רשימה פון דער פרויס חסרונות און געלאזט ניט דער־פארשט די מאגנעטישע פאליוסן פון דער מענטשלעכער טבע, דעם געהיימן כוח פון אפיניטעט צווישן ער־און־זי — די צוויי העלפטן פון דעם מענטשן־מין וואס ציען איינער צום צווייטן דורך אלע צייטן און ציקלען פון זינט אדם און

חוה. באַגעגענען זיך די צוויי וואָס זיינען „פון גאָט אַ פּאָר" איז שמחה־וששון, און דער גאַנצער באַשאַף יובלט מיט חדוה; געשעט אַ פּירוד, אַ געוואַלד־ריס פון צעשייד אָדער אַ בייז מזל שטערט לכתחילה זייער צוזאַמענקומען

ווײנט איין וועלט
צו דער צווייטער;
דעמאָלט גייט גאָט אַנגעטאָן
אין אַ זאַק מיט אַש,
און ווײנט מיט
מיט דער ווײנענדיקער וועלט.

די ליטעראַרישע און היסטאָריש באַרימטע ליבע פון אַבעלאַר און העלואיז — וועמען דער גרויסער שריפטשטעלער דזשאָרדזש מור האָט געווידמעט אַ מייסטעריש־געשריבן בוך און אונזער ה. לייוויק — אַ דראַמאַטישע פּאָעמע פון גרויסן פאַרנעם — די ליבעס אינעם לעבן פון דאַנטע, פּאָו, נאָוואַליס, היינע און ווער־דען־ניט, סוגעסטירן די געוואַלטיקע השפּעה פון דער ליבע אויף דער שיין־קונסט און גאָר באַזונדער אויף דער ליריק פון וואָרט. די ליבע־לידער פון ר' יהודה הלוי, און אַנדערע גדולים פון זיין דור, לאָזן אונדז לערנען, אַז אַמאָרס פיילן האָבן באַוויזן אַריינצודרינגען אפילו אין זייערע פרומע, גאָטספאָרכטיקע הערצער. משמעות אַז אויך ביי יידן איז ליבע אַמאָל געווען אַן ענין פאַר שירים און דיכטונג.

פון וואַנען נעמט זיך דען די פּאָעטישע ליריק? — פון דעם וויברירטן אויפריר אין די ממעמקים פון דעם דיכטערס אינעווייניקסטער פסיכיקע, פון דעם געפיל־געדעגטן צאַפּל אין די נשמהדקע פאַרבאָרגענישן פון זיין עגאָ, פון דער אויפקוואַלנדיקער פרייד אין זיין האַרץ, פון זיין יחידיש־פּערזענלעכן מין־המצר געזאַנג איבערגעגעבן נאַקעט אָן בושה בלשון־אָנכי, אין זיין אייגענעם נאָמען, מיט זיין אייגענעם ריטם, מיט זיין אינטים־איכישער זעלישער באַפאַרבונג.

לויט דעם דאָזיקן דערקלער מיינעם, איז חיים קרול אַן עכטער ליריקער. הייסט טאָקע זיין בוך — כשמו כן הו — „אַרום זיך". דער מאַנאָטאָן פון דעם ליבע־ווײ מאָטיוו אין צאָליקע וואַריאַציעס איז אייגנטימלעך און כאַראַקטעריס־טיש פאַר דעם דאָזיקן דיכטער, אָבער ס'מינערט ניט זיין דיכטעריש־לירישן וואָרט.

דער עלנדער גייסט פון חיים קרול האָט אַ לעבנלאַנג זיך געלייטערט אין די פלאַמען פון אַן אומהיילבאַרער ליבע, אַ ניט אויסגעלעבטע, אַ ניט דער־פילטע און ניט דערפירטע ליבע.

אויפגעוואַקסן פון די קינדער־יאָרן אין אַ פּוילישער שטאָט איז ער מיט

דעם געליבטן מיידל, און נאָך אין דער פרייער יוגנט מיט איר נשמהדיק פאַרקנסט געוואָרן. די זכרונות פון זיין „חסד־נעורים", פון די גליק־באַ־שטראַלטע יאָרן פון זיין יונגער ליבע זיינען די איינציקע פינטלען זון־ליכט אין דער טריבער אויטאָביאָגראַפיע פון זיינע לידער. מיט אַמאָל באַשליסט דאָס מיידל צו פאָרן קיין אַמעריקע צו קרובים, מיט דעם צוזאָג אים אין גיכן אַהין אַריבערצוברענגען. אַ פאַרצערנדיקע בענקשאַפט נאָך זיין זיווג־מיידל האָט זיך ווי אַ כישוף־פייער אַנגעצונדן אין זיין וועזן. ווען אירע בריוו קומען זעלטענער, לעכצט ער און בענקט נאָך איר אַזוי שטאַרק ביז זיינע געהירן־צעלן ממש הויבן אָן צו גליווערן. לסוף שיקט זי נאָך אים און ער קומט אָן אין דער פאַרטומלטער ניו יאָרקער מעטראָפּאָליע אין פיבערישער דערוואַרטונג אַז ער וועט צוריק־געפינען זיין פאַרלוירן גליק מיט דער וואָס זיין האַרץ באַגערט. די צייט וויזט אויס האָט אויסגעלאָשן דעם שטרוי־פלאַקער פון איר אַמאָליקן סענטימענט. ווען זי דערזעט די חרובע פאַרענדערונג, אין דעם אויסזען און געשטאַלט, פון דעם אַמאָליקן, געראַטענעם, ליבעס־פריידיקן יינגל פון איר פוילישער היים־שטאָט, פילט זי אַז מער ווי רחמנות האָט זי נישט פאַר דעם קראַנקן בחור, וואָס איז געקומען צו איר מעבר־לים, אויפצומאָנען דעם צוזאָג פון איר יוגנט. אַ ווייל שפּעטער האָט זי חתונה מיט אַן אַנדערן. — יאָ, אַן אַלטע געשיכטע נאָר מיט נייע העלדן...

די צעטרייסלונג פון אָט־דעם דראַמאַטישן עפּיזאָד האָט אויפגעריסן די וואונד אין זיין האַרצן און פאַרשנעלערט זיין פיזישן צוזאַמענברוך. זיין יוגנט־לעכער טרוים האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פון אים; ער האָט אים באַגלייט אַלע פאַראָבלטע, פאַרמוטשעטע יאָרן זיינע, ווי דער ווייטער צפון־שטערן באַגלייט די מידע טריט פון אַ מדבר־וואַנדערער.

אין זיין ריינער, געהייליקטער בחורשאַפט ציט ער זיך צוריק פון לעבן; זיינע אויגן געקערט אויף זיך אַליין שליסן אויס די גאַנצע, ברוטאַלע וועלט אַרום. ער ברענגט זיך אַליין פאַר אַ קרבן־עולה אויפן מזבח פון זיין אידעאַל־בילד. ווי אַ פאַרוואַגלטער נזיר, אין דער התבודדת פון זיין פאַרקלעמט לעבן, פראַוועט ער לירישע עבודה צו זיין אייגענעם גאָט אין האַרצן.

ווער איך אומרואיק —
לאָז איך אַרויס מיינע ווייסע טויבן
פון מיין פאַרזיגלטן טורעם,
אויף דער דערשראָקענער וועלט;
שוועבן זיי אין בהלהשע זיג־זאַגן
און קומען צוריק מיט לאָמע פליגלען.

קרולס לידער זיינען שיר־השירים דיכטונגען אויף יידיש־לשון. די ערשטע יוגנט־פּרואוון האָבן נאָך עפּעס פון דעם הייסן אָטעם און נאַטוראַלן

ליידנשאַפטלעכן ציטער פון דעם ביבלישן מוסטער; אָבער זיין שפּעטערער שיר־השירים לאָזט זיך גיכער זאָגן מיטן געמיט און ניגון פון קינות.

מיט אַזאַ „נאָרמאַלער" התלהבות האָט נאָך קרול געשריבן אין דעם בלי־פּעריאָד פון זיין ערשטן עקסטאַז, אין דעם מאַי־חודש פון זיין יונג־בחורשער פּאַרגאַפקייט, ווען ער האָט נאָך נישט געאַנט ווי זיין געביין ווערט פּאַרשטריקט אויף אייביק אין דער פּלאָנטער־נעץ פון זיין ליבע־שגעון. די זון פון זיין פרילינג ווערט אָבער גיך פּאַרוואָלקנט און קומט שוין מער נישט אַרויס. ער טוליעט זיך צו דער נאַכט און צו דער לבנה, זוכט ביי זיי טרייסט, באַשייד און רו. ער דערנערט זיך מיטן סם פון זיין גרויסן ווייז וואָס פרעסט אויף זיין חיות און וואָס שטריפּט דורך ווי מיט אַ רויטן זייד פון לירישן אומעט אַלע זיינע נאָכקומענדיקע לידער.

פריינדין,
שוועסטער נאַכט,
ווי טריי גלעטסטו מיין צעשראָקענעם שטערן
און ווי גוט הויכסטו אין מיינע אָפענע אויגן!
טרייע.
גוטע.
מאַמע.

ווי אַן—סקיס חנן אין „דיבוק" האָט חיים קרול זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סכנהדיקער ספירה „תפארת" — די מדרגה פון שיינקייט אויף דער טרעפּ־לייטער וואָס פירט צום כסא־הכבוד. די אַלטע חכמים פון זוהר האָבן מיט אָט־דער ספירה מכוון געווען די אויגן־בלענדיקע, ליכט־שטראַליקע שיינקייט פון דער שכינה... חנן און קרול האָבן מיט ווידערשפּעניקער עקשנות זיך געראַנגלט צו באַווייזן אַז די שיינקייט פון פרוי איז אויך אַ ניי־צוץ פון כביכול און דעריבער נאָענט צום היכל...ביידע האָבן אַ פאַטאַלן טעות געמאַכט... די זקנים האָבן געוואָרנט קעגן דעם פאַרפירערישן שקר פון ערדישן פרויען־חן... און נאָר די וועגן פון גאָטס חכמה און זיין תורה שיצן פון בייזן רוח און פירן צו די העכסטן הויכן. די וואָס שטעלן זיך אַקעגן דער אַלטער אויסגעפּרוּוטער ווייזהייט לויכטן אויף אין אַ מאָמענט פון הערויִשן קאַמף אָבער זיי זיינען טראַגישע העלדן וואָס ברענגען אויף זיך אַליין די האַרבע שטראָף פאַר מרידה... ווי עס שטייט געשריבן...

די הלכה וואָלט קרולן, פאַר דינען צו אַן אָפּגאָט אין פרויען־געשטאַלט, אפשר גערופן צום דין אויפן גרונט אַז זיין דרך איז מעשה עבודה־זרה, מצד אַ נפש וואָס איז געכאַפּט אין דער טומאה... אָבער די קבלה — וואָס זעט דעם סוד פון יצירה אין דעם פּרינציפּ פון זוגות, פון פּאָרן און באַהעפטונג;

וואָס געפינט אין די ווערטער, איש־אשה מאַן־און־פרוי, אַ סינטעז פון אש (פייער) און יה (גאָט), און ווען גאָט פעלט דאָרטן בלייבט נאָר אַש, פאַרניכטנ־דיק פייער — די קבלה, זאָג איך, וואָלט אים אַרומגענומען מיט ליבשאַפט, פאַרשטענדעניש און מחילה, כאָטש אפילו איר מוחל זיין אים וואָלט אים נישט געקאָנט אָפּראַטעווען פון זיין אומפאַרמיידלעכן גורל...

חיים קרול, דאָס באַגאַבטע פאָלקס־קינד וואָס האָט געלעבט צוליב זיין ליד, וואָס איז געווען פאַר אים אויסלייז, אַנשפּאַר און טרייסט אין זיין יסו־רים־באַשווערט לעבן, האָט ניט אַלע מאָל אַרויסגעוואָרפן קיין ריינע דיכטע־רישע פּערל. אַ סך פון זיינע לידער זיינען צעפּיצלטע שטימונגען אין טאָג־בוך נוסח, היינטערשטעליקע אין עסטעטישער קולטור, לאָקאַל־פּריקרע אין לשון און מעטאַפאָריש־געטורעמט. אָבער מען געפינט אויך ביי אים אַ שלל מיט סטראָפן — איך וויס נישט וועלכע פריער צו ברענגען — לויטערע און דורכזיכטיקע ווי אַ קלאָרער קוואַל וואָס מען זעט אַדורך ביזן דעק פון זייער ערלעכן, כשרן, אויסגעוויטיקטן אמת. אפילו אין די פּערזן פאַרצייכנטע גע־מיט־צושטאַנדן, וואָס זיינען רויכיק־פאַרנעפּלט פון ניט־דערציטן געדאַנק אָדער פון מאַטן, ניט אויסגעשליפן וואָרט, בליצלען פייער־פונקען פון עכט־געפיל, וואָס טרעפן דעם לייענער ווי גליאיקע שפּיזלעך גלייך אין האַרצן אַריין.

אפשר איז חיים קרול „אַ פין־דע־סיעקלאַר" — דער לעצטער פון אַ פריערדיקן דור ראָמאַנטישע ליריקער. אפשר גייט די וועלט און מיט איר די פּאָעזיע צו אַ פאַרטיפונג פונעם סאָציאַלן מאָטיוו, פון מאַסן און קלאַסן־פּסי־כאָלאָגיע, וואו דער יחיד ווערט בטל אין כלל, און עס גייט שוין קיינעם ניט אָן זיין אייגענער השתפכות־הנפש, זיין פאַריתומט געוויין צו די הימלען. אפשר?

אָבער, איך טראַכט מיר, אַז כל־זמן שיר־השירים וועט ריידן פאַר דער יוגנט און דער תהילים וועט זיין אַ האַנט־בוך פאַר אַלע שווערע הערצער; אַזוי לאַנג ווי ליבע און אייפער, אַנטוישונג און צער, גורל און צופאַל וועלן באַווירקן דאָס מזל פון אַ מענטשן און צוגרייטן דראַמע פאַר אַ יעדן איינציקן לעבן, וועט די ליריק זיין דאָס שוואַרץ־אַפּל אין אוצר פון דער וועלט־ליטע־ראַטור, וואָס נעמט אַריין אויך די יידישע פּאָעזיע — אין וועלכער חיים קרול האָט אַריינגעשריבן זיין אייגן ליד.

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", — אַפּריל, 1946.

י. ה. ראַדאַשיצקי

חיים קרול

(צו זיין 25 יאָריקן יובל)

פינף און צוואַנציק יאָר שוין פאַריבער, ווי חיים קרול האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור. די יאָרן פון זיין פּראָדוקטיווקייט האָבן איבער־געלאָזן היפּשע שפּורן פון זיין געלייטערטן פּערז.

אין זיין יונגן שאַפן האָט זיך חיים קרול נישט געוועגדעט צו קיין שום שולע, אויך נישט צו קיין גראַמען־לעקסיקאָן, כדי צו שרייבן פּערזן, כאָטש אים איז געווען באַקאַנט די פּערזן־ליטעראַטור, דאָך איז ער נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון די שוין איינגעבירגערטע פאָרמען, נאָר פון זיין אייגענעם קוואַל געטרונקען, פון זיין עמאָציאָנעלן איבערגעלעבטן לעבן געזונגען. ווי יעדער דיכטער האָט אויך ער אָנגעהויבן מיט ליבע־לידער: זינגט ער צו דער, וועלכע האָט אים אַריינגעפירט אין טרוימען־לאַבירינט, זיינען לויטערע טרוימען, זיינע לידער.

פריש ווי דער ריינער קוואַל וואָס זילבערט זיך פון אַ גרינעם באַרג אַראָפּ, ווי אַ בלימל פון דער ערד אַרויס אין מאַי, אין זיין יעדעס ליד.

פריי און ריין האָט ער זיין ליבע אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט. ער איז דער ערשטער אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, צו פאַרהייליקן אין פּערזן, די קערפּערלעכע שיינקייט פון דער פרוי, אָבער ווי אַ קינסטלער האָט ער די נאַקעטע שיינקייט אין ראָזעווע וואָלקן־שלייערן געהילט: דורך ריינע הימ־לישע געוועבן ליכטיקט איר שיינער גוף פאַר אייך. און ווי פּאָעטיש ער זינגט צו איר, מיט געלייטערטע בענקשאַפטן בעט ער זיך:

„אַנטפּלעקט זיך אין דיין שכינה־מאַנטל, ווייז זיך אין דיין כהונה־צירונג,

מיין חלום בליט איצט:	מיין לייב בעט איצט:
כ'בין שטראַליק.	כ'בין הייליק.

זיינע אַלע געזאַנגען — צו איר, ווי תפילות. רייך און ערלעך גלאָרי־פיצירט ער גאָטס געפורעמטע שיינקייט; ווי אַ פּרינצעסן פון די לעגענדאַ־רישע מעשהלעך פאַרהערלעכט ער זי: זי איז דאָך די אויסדערוויילטע, מיט איר קערפּערלעכער פּראַכט איז זי דאָך באַשאַפן געוואָרן אים צו באַגייסטערן, אים צו אינספּירירן, כדי די הערלעכע געדאַנקען צו שאַפן — זינגט ער טאַקע זיין אויסדערוויילטער אַ הימן:

„האָסט אָנגעצונדן מיינע וועלטן	בין איך צווישן זיי
פלאַקערן מיינע הימלען,	אַן אייביקער סנה.‟

דאָס זיינען לידער וואָס גלעטן דאָס האַרץ: ווי אין אַ הייסן זומער־טאָג, דער קילער, צאַרטער ווינט, וואָס דערקוויקט און דערפרישט די ערשט פּאַ־נאַנדערגעבליטע רויזן. די ווערטער זיינען איינפאַך, נישט קיין געפליגלטע, אָבער ווי פיין, איידל, זיי ווירקן, ווי מוזיק ווירקן זיי אויף דיין געמיט און פירן דיך, אַ באַרוישטן, אין זיין חלום־לאַנד אַריין.

עפּעס אָריענטאַלישעס פאַרמאָגט ער אין די לידער. ווען איך לייען אים, דערזע איך אַ בלייכן אָריענט־פּאָעט, אונטערן גרינעם שאָטן פון אַ פּאַל־מען־בוים, ער זיצט מיט די פינגער איבער די זילבערנע סטרונעס פון דער האַרפּע, און זינגט.

חיים קרול איז רייך אין מעטאַפאָרן, זיינע מעטאַפאָרן זיינען צונויפגע־וואַקסן מיטן ליד, ווי דאָס ראָזע בלעטל מיט דער רויז. אַ סך פון זיי אָטעמען מיטן אָריענט, אַ סך זיינען ווי שטיקלעך הימלישע געוועבן. אַ סך זיינען ווי פלאַנצן פון דער ערד, יעדע פלאַנץ האָט איר אייגנאַרטיקן חן און שמעקט מיט איר אייגנאַרטיקן אַראָמאַט. זיין ליד קומט פון האַרץ און זינגט צום האַרץ. ער רעדט צו אייך מיט דער שפּראַך וואָס איז אייך ליב, און ווייל דאָס ליד איז אמתדיק ווערט מען צונויפגעבונדן מיט זיין פריידן און מיט זיין טרוי־ער. לייענענדיק הייבט מען אָן צו באַגרייפן אַז „ליבע איז שטאַרקער פון טויט!” יאָ — דאָס דערפילט מען אויך אין זיינע לידער: אויך זיין לעבן איז אַ קרבן אויפן מזבח פון דער ליבע. ווי דער אייביקער סנה גליט זיין פאַר־ליבט האַרץ, (זיינס אַ וואָרט). נאָך גרעסער איז דער וואונדער, וואָס ער איז נישט געשטרויכלט געוואָרן, אַז זיין פערז זאָל קלינגען באַנאַל; דאָס קומט פון וועגן און מעסטן דאָס וואָרט, כאָטש טיילמאָל קלינגט זיינס אַ פערז נאַאיוו — גיט דאָס אָבער אים צו אַ באַזונדערן חן, פון יוגנטלעכקייט. אינעם פּלאַ־טער פון זיין האַרץ ווערן זיינע עמאָציעס לאַנג געוואַרעמט און געלייטערט, קומען טאַקע די ווערטער אַרויס אויסגעגליטע, געשליפענע, ריין ווי קריש־טאָל. דאָס געזאַנג איז זיין עבודה — די תפילה צו זיין גאָט — ליבע. און מיט אַ ריינעם געפיל איז ער דאַנקבאַר פאַר דער גרויסער מתנה, וואָס ער איז געבוירן אין איין צייט מיט זיין באַשערטער.

אָבער דער גורל זיינער האָט פאַראויס באַשטימט, אַז דאָס גרויסע גליק זאָל אים נישט באַגלייטן ביזן סוף פון זיינע טעג. דעם דיכטערס הימל ווערט פאַרוואָלקנט. אַ דיסהאַרמאָניע האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין געזאַנג פון פרייד און ליבע, ווערט אַ צוויייט בוך באַשאַפן, מיטן נאָמען — „אינדערלייטע־רונג.”

אין דעם נייעם בוך הערט מען אים שוין גאָר אַנדערש זינגען. ער, וואָס פלעגט זינגען פון ליבע, טרויערט און טרערט אין זיינע פערזן. ער זינגט נית מער: „כ'האָב געבעטן צו די בלומען”, — פאַרוויאַנעט ליגט די ערד איבער

וועלכער ער שפּאַנט איצט. האַרבסטיק הענגען די הימלען איבער זיין קאָפּ. האַרבסט טרויערט אין זיין האַרץ. דאָס גליק האָט נאָר אַ שיין געטאָן און זיך פאַרלאָשן. וואַנדלט ער איבער אַ וויסטער ערד, ווי אין אַ מדבר־נאַכט, זוכט ער אין דער פינצטערניש דאָס פייען־מיידל, וואָס האָט זיך אַמאָל באַוויזן אין אַ ליכטיק געשטאַלט, און איז פאַרשוואונדן. איז אים אומעטיק און האַרבסטיק, בענקט ער נאָך איר שאָטן כאָטש. נאָר איר שאָטן באַווייזט זיך נישט מער צו אים.

דער אומעט ווערט זיין טעגלעכער באַגלייטער. ער קלאַפּט יעדן טאָג אין זיין טיר, בלייבט שטיין אויף דער שוועל, און קוקט מיט צער־בליקן אויפן איינזאַמען דיכטער, וואָס רוט אויפן קראַנקן בעט. און דער דיכטער — ווי אַ פאַריתומט קינד, וואָס וויינט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין:

„קום — פון אייביקן חשכות.
שיץ מיין עתיד. קום —
כ'זע אים פאַרוואַלקנט רחמנות.“
אונטער קרעפּ־פליגלען

אָבער קיין עכאָ הערט זיך אפילו נישט — זיין געבעט ווערט פאַרלוירן ווי דער געשריי אין אַ וויסטן מדבר:

„אויף אַראָפּגעבראָכענעם צווייג — איך באַווין אונדזערע טעג
לען איך אָן מיין קאָפּ: די יונגע טויטע בלעטער.“

טיילמאָל — ווי צו רייצן זיך מיט אים — גיט אַ בליץ אַ וויזיע פאַר זיי־נע אויגן. פון דער פינצטערניש גיט אַ בלענד איר געשטאַלט און צינדט אָן ווידער זיין האַרץ מיט געזאַנג.

אָבער פּלוצלינג אויפגעשטראַלטעס גליק פאַרלעשט זיך גיך. פינצטער ווערט ווידער די וועלט אַרום אים, און ווי אַ קראַנקער וואָס בעט צו גאָט, ווענדט ער זיך צו די הימלען:

„הימלען געגעבנט צו מיר —
כ'בין שוואַך, מיד —
מיינע הענט פאַלן.“

נישט נאָר טרויערט דער דיכטער אויפן פאַרלוירענעם גן־עדן, נאָר ער טרויערט אויף דעם וואָס די שכינה האָט זיך דערווייטערט פון אים און לאָזט אים הילפלאָז ווי אַ קינד. איין אומעטיקער אַקאָרד נאָכן צווייטן רייסט זיך פון זיין האַרץ אַרויס. ער דערפילט, אַז זיין לעבן איז געבליבן ווי אַ נאַקעטער בוים, פון וועלכן דער שטורעם־ווינט האָט אַראָפּגעפּליקט אַלע צווייגן אין מיטן פון זיין בליען. שטייט דער בוים און באַטראַכט דאָס בליענדיקע לעבן

אַרום זיך און טרויערט אויף זיין פינצטערן ביטערן מזל, וואָס קיין נייע צווייגן וועלן שוין פון אים נישט אַרויסוואַקסן. אַזוי טרויערט דער דיכטער אויף זיין צעבראָכן לעבן, און ער פרעגט:

„איז דיר באַקאַנט די שעה:
אַלע צייט־וויזערס שטעלן זיך אָפּ,
אַלע וועלטן לעשן זיך אויס,
אַלע הימלען וויקלען זיך איין —
ווען גאָט נעמט באַקלאָגן די נשמות
פון נישט געבוירענע קינדער?"

טיף איז דעם דיכטערס צער און אַלמענטשלעך; נאָר דער אמתער דיכטער איז בכוח, מיט זיין וואָרט אויסצודריקן די יסורים פון אַ סך באַליידיקטע נשמות, וואָס ליידן אין דער שטיל אַזוי ווי ער... פון זיין האַרץ אַרויס זינגט דער געהייליקטער לעבנס־צער; נאָר גרויסע נשמות קאָנען אַזוי הייליק ליבן, און ברענגען דאָס אייגענע לעבן פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון דער ליבע.

טרעפט זיך, אַז צו שווער ווערט די לאַסט פאַר זיין שוואַכן גוף, וואָס דער גורל האָט אויף זיינע פּלייצעס אַרויפגעשליידערט, ווענדט ער זיך מיט אַ געבעט:

„נאַכט —
דו, אויסלייזונג פון מיין פּיין:
איך שטרעק דיר אַקעגן די הענט,
איך וואַרט אויף דיר אַ פולן טאָג
אין מיין ליידן:
קום, פאַרגיס מיינע אויגן,
ליים ס׳ליכט פון מיין זען
און לאָז מיך אויף דיין האַרץ פאַלן."

און באַלד קומט די הרטה. דער דיכטער וויל נישט זינדיקן. ער גלייבט דאָך, אַז אַלץ איז פון גאָט באַשטימט. זינגט ער:

„און דאָך —
האָב איך נישט קיין תרעומות צו גאָט:
איך מאַך צו די אויגן —
איך בין מקבל
אַלע שטראָפונגען פון אים."

ניין. דער דיכטער האָט קיין טענות נישט צו גאָט. אין ליידן לייטערט זיך די נשמה. אַ פאַרפייניקטער טוכט ער זיך אונטער אין דעם ברייטן, טיפן ים פון יסורים... און באַלד באַוויזט ער זיך צוריק אויפן אויבערפלאַך פון שטורעמדיקן ים, מיט אַ שיינענדיקן פּנים און מיט אַ לויכטנדיקן פּערל אין דער האַנט, זיינען אויגן זיינען פול מיט טרערן, אָבער זיין בלייך איידל פּנים שיינט, פון גאָטס ליכט באַשטראַלט, און ער זינגט:

„און דאָך —
האָב איך נישט קיין תרעומות צו גאָט."

אַ סך טראַגישע לידער פאַרמאָגט דער דיכטער אין דער זאַמלונג „אַרום זיך". אין דעם בוך געפינען זיך לידער פון פאַרצווייפלונג, ווען ער דערפילט,

אַז דאָס הייליקע פייער, וואָס האָט אים געגעבן כוח צו דיכטן, פאַרלעשט זיך אין אים אַז זיינע וויזיעס ווערן פאַרטונקלט, אַז באַלד, באַלד וועט פינצטער ווערן איבער אים. קלאָגט ער אויף דעם חורבן וואָס נידערט אויף אים, און זינגט:

„עס לעשט זיך דער לעצטער פאַקל
אין מיין באַוואוסטזיין —
אַזוי טראַגיש איז מיר היינט דער טאָג.
און איך רוף צו הילף מיינע אומבאַפלעקטע טעג —
העלפט מיר אונטערהאַלטן די פאַלנדיקע זיילן
פון מיין אונטערגאַנג!"

קיין שום פאַרטייטשונג דאַרף דאָס נישט. קלאָר איז פאַר אים זיין געגנוואַרט. אָבער ער ראַנגלט זיך מיטן פאַטום, רופט צו הילף זיינע אומשולדיקע ריינע טעג, ווי גוטע מלאכים און ווערט פלוצלינג געשטאַרקט פון אַ שטראַל האָפענונג, וואָס גיט אַ בלענד פאַר אים.

אָבער דאָס פלעמל האָפענונג פאַרלעשט זיך, יאוש פאַרנעמט צוריק זיין אָרט: מאַכטלאָז בלייבט דער דיכטער זיך צו ראַנגלען מיטן בייזן גייסט: ער דערפילט, אַז סוף־כל־סוף וועט יענער גייסט אים גובר זיין. ווענדט ער זיך צו אים מיט אַ געבעט:

„טויט — פון ווייטער וועלט
ביסט מיין איינציק ווייב: און זאָגט מיר אָן די בשורה
דיין אייביקער ערד־קיל פון באַרואיקטקייט."
ווייעט אויף מיר

אַ סך לידער פון יאוש פאַרמאָגט ער אין דעם דאָזיקן בוך. מען מוז אַלע זיינע לידער אויפריכטיק לייענען, באַהעפט מען זיך מיט זיי, ערשט דאַן דערזעט מען און מען דערפילט דאָס לויטערע ליכט, וואָס דער דיכטער פאַרמאָגט אין די פערזן. כאָטש זיינע לידער זיינען נישט געבויט אויף פאַבולע־קאָנסטרוקציעס, נאָר זיינען נשמה־בליצן, וועלכע לייכטן אַרויס פון זיין אינערלעכן צער און ליידן־וועלט, דאָך זיינען זיי אָבער ריין. ווי פסאַלמען דערהייבן זיי אייך צו אַ העכערער שטופע פון דענקען, פילן, און מיטפילן. מחמת דאָ רעדט צו אייך אַ פון גאָט־געבענטשטער דיכטער.

דער גורל זיינער האָט אים צעבראָכן פיזיש אין זיין בליאונגס־צייט. די פען איז אַזש אַרויסגעפאַלן אים פון דער האַנט. ווער ווייסט וויפל פּאָעטישע ווערק מיר האָבן פאַרלוירן. אין דעם בוך — „פון מיין טאַטנס שטוב", דערזעט מען אויך דעם כוח זיינעם אין פּראָזע. זיין פּראָזע איז פון אַ העכערער קוואַליטעט. ער קאָן מאָלן בילדער און סיטואַציעס. די טיפן אין דעם בוך לעבן, די האַנדלונגען זיינען אמתדיקע. די טראַגישע געשעענישן פון דער

ערשטער וועלט־מלחמה שפּיגלען זיך דאָרטן היפּשלעך אָפּ אין פאַרשיידענע מאָמענטן. און פון די אַלע טראַגישע בילדער און געשעענישן — לייכט אַרויס זיין גרויסע געטלעכע ליבע.

איצט שאַפט ער אַ פערט בוך אין פּראָזע. — „פון טויטן הויז”. די אַרבעט טוט ער אין אַ ניו־יאָרקער קראַנקנהויז, פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע, וואו ער געפינט זיך. ער שילדערט דאָרטן זיינע ליידנס־ברידער פון קראַנ־קנהויז; ער מאָלט זייערע פאַרקרימטע מאַסקעס — די פּנימער וואָס די טיפע־לישע קרענק האָט צעדרייט. ער מאָלט דעם צער וואָס וויינט אַרויס פון יעדן פּנים. ער שילדערט זיי מיט אַלע זייערע טראַגיש־קאָמישע שוואַכקייטן. ער וואַרפט אַ רעפלעקס־שיין אויף דער פאַרגאַנגענהייט ווי אויך אויף זייער גע־גענוואַרט. ער ברענגט אייך נשמות, וואָס וויינען פון אונטער די חורבות. כאָטש ער אַליין איז אויך פאַראורטיילט, דאָך זעט ער אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום אים. מאָלט ער מיט אַ פיבערדיקן אימפּעט, מיט אַ ציטערדיקער האַנט צייכנט ער אַלע טראַגישע מאָמענטן פון זיינע „העלדן”. אַלץ ווערט ביי אים פאַרצייכנט. און ווּאונדערלעך איז זיין זכרון אַלץ צו געדענקען.

יאָ, — טראַגיש איז דאָס לעבן פון דעם דיכטער: זיין טראַגיש לעבן פירט אייך צו דער לעגענדע פון דעם געפייניקטן פּראָמיטעאוסן. אויך זיין גוף איז געוועזן צוגעשמידט צו אַ פעלז. כאָטש זיין האַרץ און זיין נשמה זיינען נאָך יונג, איז פול מיט בענקשאַפט. און זיין מוח איז פול מיט חלומות. ער חלומט. דערוואַכט ער אָבער, דערזעט ער די רעאַליטעט. — די סביבה אַרום זיך: די פון וואַקסענע מאַסקן־פּנימער: די צעבראָכענע גע־ליימטע פיגורן. מענטשן, וואָס אַ סך פון זיי קאָנען נישט מערריידן, נאָר זיי וואָיען. ער דערזעט פאַר זיך דאָס טויטן־הויז מיט אַלע גרוילן! וואו יעדער וואַרט אויף דאָס ש'רעקלעכסטע... זינגט ער טאָקע:

„שוין לעשן זיך די שטראַלן אין מיין בלוט
און ס'שטאַרבט די זון איבער מיין קאָפּ:
שיין אויף.
איך לאָז פאַלן דעם שדי־מאַנטל —
און גיי צו דיר.”

„יידישע שריפטן, 1943.

יצחק בערלינער

חיים קרול

א.

אין יאָר 1946 האָט דער צאַרטער און שטילער לאָדזשער דיכטער, חיים קרול ע״ה, אין שווערע ליידן, נאָך אַ יסורימדיק לעבן, אויסגעהויכט זיין נשמה. ער איז געשטאָרבן אין ברוקלין אין אַ יידישן שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע. ביז דער לעצטער מינוט פון זיין טראַגיש לעבן האָט דער דאָזיקער ליריקער נאָך אַלץ זיך אָנגעהאַלטן ביי דער נאַקעטער האַנט פון זיין מוזע...

ער האָט אַרויסגעזונגען אַלע זיינע יסורים. ער האָט פון זיך אַרויסגעאיידלט אַלע זיינע פאַרשוועכטע געפילן. ער האָט אויסגעשפּילט שטיקער פון זיין ליידן־סימפאָניע.

נישט געטעס „ווערטערס ליידן״ האָבן אַרויסגעפּייניקט פון זיינע לידער און פּאָעמעס, נייערט חיים קרולס נזירות, וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען, האָט אַרויסגעוויטיקט פון כמעט אַלע זיינע פערזן.

טראָצדעם וואָס חיים קרול האָט געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט צווישן שפּיטאָל־ווענט, האָט ער פונדעסטוועגן ווייטער געשאַפן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרהאַלטן דעם שטראָם, וואָס האָט פון אים געקוואַלט.

אַחוץ זיינע ביכער, האָט חיים קרול ע״ה אויך איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שלל עסייען און שפּיטאָל־זכרונות, וועלכע זיינען געזאַמלט און זאָרגפעלטיק אָפּגעהיט געוואָרן פון דיכטער י. ה. ראַדאָשיצקי — דעם איינציקן נאָענטן חבר. ווען חיים קרול האָט נאָך מיט זיינע לעצטע גסיסה־בליקן געקענט זען.

ב.

איינער פון מיינע ערשטע דיכטער־חברים. אין מיין פריער יוגנט איז געווען חיים קרול.

איך פלעג, אַלס אינגערער, אין די אָנהייב־יאָרן פון מיין שרייבן, אַרויפקוקן צו אים... און אָפטמאָל בין איך באַווירקט געוואָרן פון דער באַשיידענער שטילקייט זיינער.

באַלד נאָך משה בראָדערזאָנס סאַלאָנישער „יונג־יידיש״־קייט, איז אין יאָר 1919 אויפגעקומען אין לאָדזש אַ נייע גרופּע פון יונגע דיכטער און דערציילער.

איך האָב באַלאַנגט צו יענער גרופּע, וואו חיים קרול האָט שוין דעמאָלט געלויכטן ווי אַ דיכטער־שטערן אויף דעם נאָך קליינעם און שמאָלן הימל איבער אונדז. צו אָט דער ענגער גרופּע, אונדזערער, האָבן זיך דעמאָלט פאַרהברט און געטוליעט, חיים לייב פוקס—איצט אין אַמעריקע; י. ראַבאָן—אומגעקומען; י. ה. ראַדאָשיצקי — איצט אין ניו יאָרק; פּרץ אָפּאָטשינסקי —

אומגעקומען; דוד זיטמאַן — געשטאָרבן; ישעיהו שפּיגעל — איצט אין ישראל. דער שרייבער פון די שורות און חיים קרול ע"ה.

אָט די לאָדזשער יונגע (צווישן זיי אויך אַ פּאָר עלטערע), האָבן דעמאָלט, אין יאָר 1919, אָנגעהויבן אַרויסגעבן די ליטעראַרישע העפטן „ס'פעלד".

ג.

ערגעץ אין אַ געהויקערט געסל פונעם לאָדזשער באַלוט האָבן ריטמיש געזשומעט וועבשטולן.

ביי איינעם פון די וועבשטולן האָט זיך אויסגעוועבט און אויסגעפורעמט — אַ חוץ טוך־שטאָף — דער דיכטער חיים קרול.

איך פלעג אָפט אַרויפקריכן אויף די האָלצענע אָפּגעריבענע גרויסע טרעפּן צו זיין ענגער היים אויפן ערשטן שטאָק. איך האָב אים, חיימען, שטענדיק געטראָפן זיצן ביים וועבשטול, מיט די פיס אויף די טרעטערס, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געצויגן. די שפּולן זיינען ריטמיש געשפּרונגען פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס. די דרימען ביינוועל האָבן זיך, איינער נאָכן אַנדערן, האָריזאָנטאַל אַוועקגעלייגט... און דאָס געוועבטע טוך האָט זיך פאַמעלעך געוויקלט און געוויקלט... אַזוי האָט זיך אויך געוויקלט דעם דיכטערס יונג לעבן צווישן וועבשטול און שמאָל פענצטערל, דורך וועלכן ס'האָט אַריינגעבלויט אַ שטיק הימל, ווי אַן אויסגעוועבט חלום־טוך...

בשעת די רעכטע איז געווען פאַרנומען מיט שפּולן האָט די לינקע האַנט זיינע שטענדיק געהאַלטן אַ ספר. חיים קרול האָט געלערנט און געלייענט. זיינע טעג זיינען ניט געגאַנגען לאיבוד אין דעם מאָנאָטאָנעם שטילן שפּולן־געקלאַפּ. אין זיין נשמה האָט אַן אַנדערער ריטם אָנגעהויבן אַרומצופלאַטערן.— דאָס שטענדיקע, דאָס אומאויפהערלעכע געזאַנג צו חיה־שרהן — זיין געליבט מיידל, וועמען ער האָט געהייליקט און פאַרהייליקט מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן.

ד.

ווי טיף דער צויבער־געפיל האָט געגעסטיקט אין חיים קרולס נשמה צו אָט דער מיידל, חיה־שרה. אפילו אין די אָנהייב־טעג פון דעם דיכטערס ליבע, קען מען זען אין דעם ראָמאַן זיינעם „אַרום זיך", אין וועלכן דער דיכטער וויל אין אַן אָפענער פאָרם וואָס מער און בולטער אַרויסברענגען זיין צובונד צו אָט דער מיידל.

עס איז אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג וועגן אייגענע אינטימע אי־בערלעבענישן און דורכגעפילטע סענטימענטן אין דער אייגענער אָרעם־רייכער היים מיט נאָענטע מענטשן אַרום זיך. זיינע אַלע וואַנדערונגען, נויטן און די מיטמענטשן זיינע, ווערן קלאָר אַרויסגעבראַכט אין אָט דעם ראָמאַן. אָבער חיה־שרה געפינט זיך אין דעם דיכטערס אַלע שפּירונגען און טראַכטונגען.

אָט איז דער אָנהייב פון חיים קרולס פאַרליבטקייט אין חיה־שרהן:

„חיה־שרה — די לעב־טעג פון שרהן, חיי־חיים — די לעב־טעג פון חיימען.

כ'האָב אים פאַרביבלישט אויף מיין נאָמען. וואָרן פיר יאָר דורכאַנאַנד האָט דאָס מיידל, חיה שרה, ניט געהערט איר נאָמען פון מיינע ליפּן אַרויסרעדן, נאָר געהיים, ווי אַ קמיע, האָב איך אים געטראָגן און ווי אַ ברכה האָב איך אים געטשעפּעט״.

ה.

הן אויף די לידער זיינע און הן אויף זיין פּראָזע, ליגט דער חותם — חיה־שרה. פון סאַמע אָנהייב ביז צום סוף פון אַלע זיינע שאַפונגען, ציט־זיך־דורך, ווי אַ בלוטנדיקער, שטאַרק־קאַנטיקער שטריך, די אויסערגעוויינלעכע השפּעה, וואָס די דערמאָנטע פרוי האָט געהאַט אויף חיים קרולס לעבן און שאַפן. פריער אַלס וואָרהאַפטיקייט און דערנאָך — ווען זי האָט אים פאַרלאָזט — אַ כסדר־דיקער מאַטערנדיקער גליק־קאָשמאַר. פון דעמאָלט אָן האָט שוין חיה־שרה געריזלט אין זיינע בלוטן און — ווי אַ דיבוק — מער נישט געקאָנט פון אים אַרויס, ביז צום סוף פון זיינע טראַגישע טעג...

אוודאי קען אויך, אפילו דער פאַרכישופטסטער פּאָעט, אַריינפאַלן אין אַן אַנדער געזאַנג, אַחוץ זיין דערמאָנונג־ און לויב־ליד. מען געפינט אויך ביי חיים קרולן פאַרשידענע ניואַנסן. אָבער זיין פאַרשידנאַרטיקייט גייט קיינמאָל נישט אַריבער די גרענעץ פון טרויער.

חיים קרולן קומט אָן שווער דאָס פרייען זיך, אפילו ווען ער וויל זיך „שפּילן מיט אַ פליג״ אָדער „זיך אויסציען אין אַ זאַק פעדערן און רוען...״ עס ציט אים צו טרויער און אומעט... און צו דעם אומעט, פאַרזיכערט דער דיכטער, דאַרף מען זיך קענען דערהייבן, ווייל —

„דער אומעט האָט אַ לייטער — טרויער —
וואויל איז דעם, וואָס קלעטערט אויף אים. מיין כלה! —
וואָס איז דער ציל, איך ציר זיך מיט דיר,
אויב נישט טרויער? ווי דער ברעג מיט אַ מושל״.

אָדער:

„כ'האָב ליב דערשראָקענע אויגן, אָן אומעטיקס —
וואָס קוקן אין דער אומהיימלעכקייט אַריין. ביז צום פאַרגיין״.
עפּעס איז אין זיי פאַראַן

ו.

קיינמאָל האָט קיין דיכטער נאָך נישט אויסגעזונגען זיינע אַלע פריידן און ליידן, זיינע אַלע עמאָציעס, וואָס רייסן זיך פון אים, ווי ס'רייסט זיך אַ ווינט דורך די צווייגן פון אַ וואַלד. וויפל דער פּאָעט זאָל נאָר נישט וועלן אַרויסגעבן פון זיך, בלייבן נאָך אַלץ אין אים נישט אַרויסגעזונגענע ווערטער. שפּילן נאָך אַלץ אין זיין בלוט שטיקער סימפאָניעס, וועלכע קענען נישט אַרויס אויף דער פריי...

ווען איך נעם באַרירן די אייגנאַנדערשטיקטע לידער פון חיים קרול,

דערפיל איך שטענדיק, אַז איך ריר־אָן די וויברירנדיקסטע סטרונעס פון דעם דיכטערס נשמה.

זיינע קורצשורהדיקע, קאַרגוואָרטיקע לידער, זיינען פּאַרזיכטיק און אייגנטימלעך. אַ שטיק פון זיין נזירדיק און אומגליקלעך לעבן קומט צום אויסדרוק דורך זיין געזאַנג. דער נשמה־ציטער, חיים קרולס, זינגט־אַרויס פון יעטוועדן וואָרט:

„גרויסער גאָט, געהויבן פון אַ ווירבל,
וואָס בין איך? טאָ האָב אויף מיר רחמנות —
אַ זאַמדל כ'זאָל נישט פאַרלירן גיין אינעם ווינט".
אין אַ זייל

אָבער חיים קרול איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אינעם ווינט, נאָר צווישן שטילע אומהיימלעכע שאָטנס. אין אומבאַוועגעוודיקער רעזיגנאַציע איז ער אויסגעגאַנגען. דער דיכטער האָט נישט געקענט איבערטראָגן די שווערע משא פון נשמה־יסורים, וואָס זיין יונג נישט אויסגעלעבט לעבן האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ביים דאָזיקן איידעלן און צאַרטן מענטש און דיכטער איז געווען אַ רעטעניש דער איבערריס און אַוועקגאַנג פון זיין איינציקן נשמהדיקן אָנהאַלט אין לעבן — חיה־שרה — די געליבטע פון זיינע אַלע וואָרן און טרוימען. ער איז געבליבן געפּלעפּט אַנטקעגן דעם גרויסן שאָדן. אומגעריכט איז ער אַראָפּ־געפאַלן פונעם העכסטן שפּיץ פון זיין אויסגעחלומטן טורעם און געבליבן ליגן אַ געליימטער, אַ צעבראָכענער שאַרבן, ביז צו די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

אָבער צווישן די אומהיימלעכע ווענט פון דעם אַנשטאַלט פאַר אומהייל־באַרע — זיין לעצטע דירה — האָט ער מיט די שוואַכע כוחות זיינע צוזאַמענ־געהאַלטן זיין חלום־הייזל און ווייטער געשפּינט זיין חלום — חיה־שרה.

חיים קרול האָט נישט איבערגעריסן. ער האָט נישט געקענט איבעררייסן, ווייל —

„אין מיין אָטעם באַוועגסטו זיך. אין מיינע אויגן לייכטסטו.
אין מיין האַרצן גיסטו זיך. אין מיין בלוט רויזסטו".

ז.

נאָך אין יאָר 1945 האָט חיים קרול געאָנט די דערנענטערונג פון זיין טראַגישן אונטערגאַנג. זיין גאַנץ לעבן, וואָס איז געווען צוזאַמענגעקלעפּט פון בלויז מאַטערנישן און יסורים, האָט אים באַשווערט דעם גאַנג צו אַ ציל. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו זיינע איובדיקע טעג. ער האָט געוואוסט. אַז ער וועט שוין זיין לעבן נישט פול מאַכן און נישט גאַנץ מאַכן. האָט ער געזונגען:

„פּלאָנטערן זיך מיר מיינע שאָהן ביי די פיס,
באַפאַלט מיך אַ רחמנות צו די יונגע זונשודיקע לעבנס,
וואָס ווערן גענייזיקט פון מיינע טריט.
קלייב איך זיי אויף הינקענדיקע אין מיין לעבן".

דער דיכטער בעט זיך, אַז די נאַכט זאָל קומען און אים אויסלייזן פון זיין פּיין.

און —

מיט זיינע „מאַסטן מידע״ איז ער געזונקען „אינעם ים״ פון זיין „עלנט״:

ח.

דער דיכטער דאַנקט דעם באַשעפער, וואָס האָט באַוויליקט אים צו לעבן אין גליק מיט חיה־שרהן, כאָטש אַ קורצע ווײַלע. ער לויבט אויך דעם בורא דערפאַר וואָס ער האָט אים געגעבן דאָס „גרויסע גליק״ פון האָבן געלעבט מיט זיין געליבטע אין איין צייט.

„שטיל שטרעקן זיך מיינע הענט
מיך געבוירן
כ׳לויב אַלץ :
און, וואָס האָט נאָר עפּעס
וואָס ס׳איז
אין מיין דערוואַקסן.
און, וואָס ס׳איז געווען.
אַלץ!
אַלץ,
פאַרן גרויסן גליק —
וואָס האָט געהאָלפן
פאַר מיין זיין מיט דיר אין איין צייט״.

ווי אַ פלאַנץ, וואָס קען נישט בליען אָן זון און אָן וואַסער, אַזוי האָט חיים קרול נישט געקענט לעבן אויף דער וועלט אָן חיה־שרהן.

ער האָט געוועלקט און ער האָט זיין וועלקעניש פאַר ליב גענומען...

ער האָט עס געוואוסט און געשפּירט, אַט דער נזיר־דיכטער, וועמעס קיין איין־איינציקער חלום איז נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווירקלעכקייט און וועמעס האָפענונגען זיינען געבליבן הענגען אינעם טונקעלן חלל פון זיין נישט־אויסגעלעבט און נישט־דערחלומט לעבן.

דעריבער האָט ער געזונגען :

„עס לעשט זיך דער לעצטער פאַקל
אין מיין באַוואוסטזיין —
אַזוי טראַגיש איז מיר היינט דער טאָג.
און איך רוף צוהילף מיינע אומבאַפלעקטע טעג, —
העלפט מיר אונטערהאַלטן די פלאַנדיקע זיילן
פון מיין אונטערגאַנג !״

און די אומבאַפלעקטע טעג, זיינען חיים קרולן נ י ש ט געקומען צוהילף. די זיילן פון זיין לעבן האָבן זיך געקרישלט און געפּיצלט און — סוף כל סוף — איינגעפאַלן...

חיים קרול איז פאַרוועלקט געוואָרן אינמיטן זיין דיכטערישן אויפבלי. זיין טיף ליריש ליד, וועט אָבער בלייבן, ווי אַ באַזונדער שטיק קאַרניז אויף דעם טעמפּל־וואַנט פון דער יידישער פּאָעזיע.

„דער וועג״, מעקסיקאָ, 1946.

ש. ד. זינגער

„אינדערלייטערונג" — לידער פון חיים קרול

ליד נאָך ליד, לייענט זיך אַזוי, כסדרדיק, מיט דעם זעלבן אָטעם. טייל־מאָל דאַכט זיך, אַז אַן אָן סופיקער ניגון ציט זיך ביים פּאָעט באַנג אַזוי, און וויל אַנטשוויגן נישט ווערן, ביז אויסזינגען וועט זיך דאָס האַרץ אין אים. דער ריטעם אין וועלכן עס איז געשריבן די מערסטע לידער קרולס, זיינען פּור־נעם זעלבן געלייטערטן געמיט, אַ געמיט נישט קיין אויפּברויזנדיקער, אָבער אויך נישט קיין באַרואיקטער. עס איז אַ קינדישער הילפלאָזער געבעט, און אַ רחמנות פאַר דעם אומבאַהאָלפענעם. אין קרולס ליד הערט מען אַ פלאָפלדיק געוויין פון אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט אויף אַ רגע אָפּגעקערט דעם בליק דערפון:

„עס רופט צו דיר אַ קינד
וואָס דערוואַכט אינמיטן נאַכט
און געפינט זיין מאַמע נישט."

די מאָטיוון — אַזעלכע דויערנדיקע און אייביקע. עס איז קענטיק אַז אויף קרולן האָט געווירקט בלויז דאָס אויסערלעכע, די שפּראַכלעכע פאָרמען אין דער מאָדערנער דיכטונג. אין עצם שאַפן זיינעם, גייט ער אַרויס פון די ראַמען פון צייט. פעדים פאַרקניפּן און פאַרבינדן אים מיט אַלע עכטע, יידישע ליריקער אין אַלע צייטן. אַ ליריקער וואָס הערט זיך צו צו יעדן אינעווייניקסטן ציטער פון האַרץ, צו יעדן מינדסטן שאָרך פון זיין פלאַטערדיקן געמיט — און זינגט, פריי, אָן צאַמונגען. דערפאַר טרעפט מען אָפט אַזעלכע לידער, וואָס אמת, זיי פאַרמאָגן אין זיך די פשטות און די נישט געקינצלטקייט פון פערז — אָבער צייטנווייז דוכט זיך, אַז עס פעלט אין זיי אויך יענע קינסט־לערישע אָביעקטיווע באַפּוצונג, דער באַוואוסטזיניקער שלייער, מיט וועלכן יעדער עכטער ליריקער פאַרהילט זיינע לידער.

ביי קרולן פילט מען דאָס ווייניקער ווי ביי אַנדערע. דעם מתפלל קרול ווערט פאַרגעבן אַזעלכעס. פשוט, ווייל אין געבעטן איז אַלץ געמיינט — טרערנדיק ערלעך. דאָ שלאָגט דאָס האַרץ הכנעהדיק און לויטער. — אין דער פּאָעמע „חיה שרה", גייט פאַר אונדז נישט פאַרלוירן קיין שום מינדסטע תפילה, קיין שום איבעריקע שורה. — דאָ הערט מען אַ ליד אין טרערנדיקער אומשולד. אין נאַכט פון געזילבערטער ווייסקייט, שיידן זיך צוויי אומשולדיקע נשמות, איינע לויטערט אין שטילער נאַכט, און כישופט מיט פרויערשער צאַרטקייט. און די צווייטע הילט זיך אין בלייכע, קילע שטראַלן פון לבנה —

און בעט פֿאַר איר, — אין דער אומענדלעכער נאַכט אַריין, וואו פֿאַרלוירן, ערגעץ אין וויטעניש, פֿינקלט נאָך אַריבער איר צאַרטער באַריר:

„לבנה, לבנה,
באַלייכט איר וועג:
כ׳פֿיל מיין הויכקייט טרערן
אין שטומען צער
און איך טראָג דאָ איר האַרץ.״

פֿאַרשטילט בלייבן די טענות פֿון אַלע מכלומרשטע מאָדערניסטן. מיר שטייען פֿאַר דעם צויבער פֿון קרולס לירישע לבנה־לידער און אָטעמען איין אין זיך, פֿאַרלוירענע, און האַלב־פֿאַרגעסענע פֿרויערשע פֿאַרבלענדקייטן. צניעותדיקער געפֿיל לעבט ווידער אויף: פֿון צייטן לאַנג. איבער אַלע דור־רות, איבער אייביקייטן, האָט מען געזונגען אַזוי וועגן דער פֿרוי. נאָר אַ צייט איז געקומען, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט אַזעלכע צאַרטע, דינע קלאַנגען. — אין רעש פֿון אַזאַ צייט איז חיים קרול געקומען. און אויפֿגעפֿראַלט אונדזער געהער און זיינע תּפֿילות האָבן מיר פֿאַרנומען. מיט אַמאָל איז צוריקגעקומען אויף אונדז יענער אייביק־יידישער צניעותדיקער געפֿיל:

„דער אָוונט גענענט
אַליין אין דער שטיל
פֿאַרהילט מיך אַ שלייער
פֿון אומעט און בענקען.
איך וויין.

דער אָוונט גענענט.
אַ מידע תּפֿילה,
פֿון האָפֿן און בענקען
בויגט מיינע קניען —
איך בעט.

אָן אָפּשטעל ציט זיך אַזוי דער זעלבער געצויגענער תּפֿילהדיקער ניגון. ווי אַ קאַראַוואַן, אַ קאַראַוואַן פֿון קעמלען און וויטע נאַכטישע זאַמדן פֿון מדבר...

עס לויכטן אויף שטערן אין פֿינצטערניש פֿון הימל, און דערמאָנען די מאָנאָטאָנע שטילקייט וואָס וויייעט אַרום. — קליגט ער זיך, קרול, און וויל זיך דערנענטערן צום וועג פֿון פֿאַרטיפֿונג, צום תּוך. און טריט ציען זיך, און ציען. ערגעץ איז אַ קוואַל פֿאַראַן, אַ קוואַל פֿון ״דערלייטערונג״. פֿאַר זיין הילפֿלאָז־בלאָנדזשענדיקן געמיט.

און קרול איז אויפֿן וועג צו אים.

„קולטור״, 1926.

ש. טענענבוים

חיים קרול

פּאָרטרעט

חיים קרול איז געקומען אויף דער וועלט כדי צו ליבן. ער געהערט צו לעצטע גרויסע ראָמאַנטיקער אין דער יידישער פּאָעזיע. זיין געטין, זיין מוזע, איז די פרוי, דער אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע איז ליבע, ליבע, ווי עס האָבן דאָס פאַרשטאַנען דאַנטע, פּעטראַרקע, טאַסאָ, נאַוואַליס, היינע, קיטס, די טרובאַ־דורן, פון מיטלאַלטער, דער קעניג שלמה. ליבע — ווי עס איז באַזונגען געוואָרן אין די אַלטע, גרויסע ראָמאַנסן, אין טריסטאַן און איזאָלדע; אין אַבעלאַר און העלואיז; אין הערא און לעאַנדער, און אין אמנון און תמר.

דער ראָמאַנס פון חיים קרול קען צוגערעכנט ווערן צו די וויניקע גרויסע ראָמאַנסן אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַ ראָמאַנס וואָס צעברעכט זיין העלד, און אויף שריט און טריט פילט איר ביי אים דעם איינפלוס פון דער וועלט ליטעראַטור. די ווירקונג פון די גרויסע פּאָעטן פון אַלע צייטן.

כ׳פאַרבעט
צו מיין טיש
היינען;
נאוואַליסן,
בייראַנען;
קומט,
פאַרזוכט
פון מיין מאַלצייט —

צום באַנקעט פון ליבע לאַדט ער איין די וועלט־ראָמאַנטיקער. פאַר אים איז רעכט איבערצולעבן אַן עקסטאַז ווען ער שענקט דער געליבטער אַ יידישן פּאָעטס לידער בוך:

„איך האַלט די קניען
פון מיינע פיס
נאָענט צום מויל
און פריי זיך:
כ׳האָב היינט אויסגעפירט
אַ שליחות —
כ׳האָב איבערגעגעבן
ראַלניק׳ס בוך צו מיין דולציניע״.

מען דערקענט דאָ דעם פויליש־יידישן פּאָעט וואָס האָט זיך אַנגעלייענט מיט די וועלט־קלאַסיקער און עס זינגט אַרויס פון אים זיין היימישקייט אינעם וועלט־פּאַרנאַס.

„אַז דו וועסט קומען אין מיין שטוב אַריין,
וועל איך נישט טאָן ווי סטרינדבערג:
אַ קאַטעכיזם דיר אונטערלייגן אונטער די פיס —
מיין האַרץ וועל איך דיר אונטערלייגן אונטער דיינע פיס״.

אויך די וועלט־מאַלעריי האָט אים פאַרהילט אין איר פלאַמענדיקן פאַרבן־כּישוף:

„וואונדערדיקע! רובענס אַ געמאָלטע שיקסע
ווי שיין ביסטו! מיט דיקלעכע פיס!
ביסט דאָך דיינע פיס — גינגאָלדענע עמערס,
וואָס שעפּן לעבעדיק וואַסער און קילן
דעם אָנגעגליטן מאַרך מיט פאַרגעסעניש".

ליטעראַטור, מאָלעריי — און וואו איז די מוזיק? אויך מוזיק באַרירט חיים קרול. ער שטעלט אַריין זיין געליבטע אין אַן אָפּערע, וואו ער באַשעפטיקט אַלע פינף קונסטן פאַר איר כּבוד וועגן:

„ביסט אַ טאָכטער נאָר נישט ווי די מוזיק
פון וואַגנער'ס „וואַלקיריע", אין די „געטער־טעכטער",
אַזוי הימליש, גוט און קינדיש, שרייענדיק און פּאַוניש".

דאָס פאַרגלייכן זיין העלדין צו העלדינס אין דער וועלט־ליטעראַטור איז נישט קיין צופאַל. חיים קרול האָט זיין פּאָעטישע אינספּיראַציע גענומען פון די גרויסע טרובאַדורן און וועלט־דיכטערס.

„ביסט ביי מיר אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסע פרוי:
ביסט ענלעך צו ראָכעל —
געטע'ס געליבטע.
בעט איך צו גאָט,
זאָלסט זיין נאָענט
צו מיין מאַמען,
דאָס איז אַ וואונדערלעכער זיווג:
ראָכעל און מיין מאַמע —
די ליבע און די גוטסקייט,
די צאַרטקייט און די איידלקייט,
די זון און די לבנה".

חיים קרול געהערט אין דער רייע פון די מינעזינגער און ראָמאַנטיקער אין דעם זין וואָס ער האָט זיין גאַנצע פּאָעזיע געווידמעט צו דער פרוי. אין דעם זין וואָס די פּאָעזיע איז די דערלייטערונג דעמקאַטאַרזיס, דער טריאומפאַר־לער אויסגעשריי, די גרויסע מוזיק פון זיין צעפלאַמט, חסידיש האַרץ. אין זיין פּאָעזיע לעבט ער. די פּאָעזיע צעשטערט אים, ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שאָטן. מען פילט אַז די פּאָעזיע איז זיין פייער־שטורם. ער וועט זי נישט איבערלעבן. זי איז אומגעהייער גרעסער פאַר אים. און אויב ער וועט זי איבערלעבן, וועט ער אַליין ווערן אַ שאָטן. אַ מיזראַבעלע עקזיסטענץ, פאַר־

אורטיילט צו פּיין, בשעת זיין פּאָעזיע פלאַמט. זיין גאַנץ לעבן וועט ער האָבן צוועקגעגעבן צו זיין דולציניע, צו זיין פּאָעזיע:

„כ׳וועל נעמען אַ גיטאַר
און כ׳וועל זינגען הינטער דיין פענצטער,
מיינע לידער,
און אפשר
בין איך אַן איניקל
פון טרובאַדור־וואַנדערער
אין אַלטן שפּאַניען ?".

אין אייביקן פייער פון ליבע — קאָנצענטרירט ער זיך אינעם ליד, כדי צו בלייבן, כדי איינצוקריצן זיך אין דער וועלט־דיכטונג. אין דאָזיקן אומגעהייערן פלאַמענבוים, אין וועלכן אַלע גרויסע קינדער פון דער זון צייכענען מיט פייער און מיט בלוט זייער אָנדענקען.

פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון דער וועלט־אָפּערא און וועלט־מאַלעריי באַווירקט, איז אויך חיים קרול אַ ייד וואָס שטאַמט פון חסידישע עלטערן. זיין דיכטונג פון ליבע וואָרצלט טיף אין יידישקייט, אין יידישער מיסטיק, אין קבלה. זיין העלדין איז איינגעהילט אין ליכט. אין גאַנצן בוך לידער, געווידמעט צו דער פרוי, צו איז עס אײן־און־איינציקע געליבטע, אָדער עטלעכע פרויען אין איין געשטאַלט; דורכן גאַנצן בוך לידער שטראַמט עס מיט ליכט, מיט פייערן, מיט הימלישע פלאַמען. דאָס איז נישט קיין ערדיש פייער. עס איז די זון פון הימל וואָס פאַרברענט זיין מוח. דאָס זיינען די שטראַלן פון זוהר, וואָס טריפן ווי האָניק־צונגען זייערע פייער־טראָפּנס אויף זיין מוח און האַרץ; עס דערמאָנט אין וואַן גאָג׳ס מאַלערייען, וואָס זיינען פאַרגאָסן מיט וואַנזיניקע שטראַלן. חיים קרול׳ס דיכטונג איז אַ ים מיט עקסטאַטישע זון־כוואַליעס.

„ביסט אַ גאָלדענע מנורה,
וואָרט אויף אַ געטלעכע האַנט דיין גוף, —
וואָס זאָל אַנצינדן דאָס ליכט אין דיר".

אָדער:

„האָסט אַנגעצונדן אין מיר פלעמער פון מיין לייב.
נישט דערצונדענע און איך פיל,
גליען זיי דעם מינדסטן אָדער איך לייז זיך אויף".

פאַרטרונקען פון ליכט, דאַנקט דער פּאָעט דער געליבטער פאַר שטראָמען מיט ליכט אויף אים:

„פילסט אַן מיינע אָדערן מיט זון,
מיין קאָפּ מיט ליכט".

עס איז פאַראַן אין אים עפּעס פון דעם פּרימיטיווון, פון דעם געצנדינערישן, אין זיין דינען דער געליבטער פון פייער. אין זיין ווערן פאַרבלענדעט. דורכן גאַנצן בוך לידער שלאָגן דורך פלאַמען. איינמאָל זאָגט ער צו זיין אויסדער־ווײלטער: „קום מיט דיין פייער, פאַרצער מיך מיט דיין פלאַם". אַ צווייטן מאָל: „פייער איז דאָ אין דיינע ליפּן". אַ דריטן מאָל: „ביסט פייער און בלוט". אַ פערטן מאָל: ...„און ליכטיק איז מיר געוואָרן אין מיינע אברים, ווי אַ לבנה וואָלט איר בלאַסק אין מיר פאַרזונקען". אַ פינפטן מאָל: „ווי איידל ביסטו, ווי אַ זוים פון אַ קלאָרן וואָלקן, ווי אַ שטראַל פון דער אויפגייענדיקער זון". אַ זעקסטן מאָל: „דיין ליפּ דערמאָנט אָן אַ קריגל וויין — אַזוי גליאיק איז זי". דאָס זען זיין ווייבלעכע מאָדעל, זיין העלדין, דורך פייער, איז אָריענטאַליש, איז קבליסטיש, איז שיר השירימדיק. עס האָט אין זיך פון דער אורצייט, ווען מאַן האָט זיך געשראָקן פאַרן בליץ און פאַר דער וואָרנונג פונעם דונער. ווען דער מאַן האָט געזען דעם אויפגליענדיקן מאָרגנרויט, ווי אַ שיין פייער וואָס גייט פאַרצערן די וועלט, ווען דער מאַן האָט דערזען די פרוי: אַ פייער, וואָס פאַרצערט און פאַרניכטעט. עס איז אין דער דאָזיקער פּאָעזיע פאַראַן דעם פּאָעטס מורא פאַר דער פרוי — דעם שיקזאַל. ער פילט אינסטינקטיוו, ווי שמשון הגבור דעם אונטערגאַנג זיינעם אין דער פרוי. עס איז טאַקע פאַראַן אין די דאָזיקע פערזן די אינסטינקטיווע מורא פונעם פּאָעט פאַר דער פרוי. זי איז אַזוי שיין, געטלעך אין זיינע אויגן, אַז ער אַליין פאַלט אַריין אין אַ שרעק־לעכער מינדערוויכטיקייטס־קאָמפּלעקס־געפיל; עס איז נישט קיין ליבשאַפט פון צוויי גלייכע שותפים. אויף די טרעפּ פון ליבע — ליגט ער, דער עקזאַל־טירטער, עקסטאַטישער פּאָעט, פון אַ גרויסע ליבע־הונגער פאַרחלשטער. ער וואָגט נישט צוצוטרעטן צו דער געטין, וואָס געפינט זיך אויף אַ גאָלדענעם טראָן, אינעם גרויסאַרטיקן טעמפּל! זי איז אומצוטריטלעך פאַר אים. ער וואָגט זיך נישט צו דערנענטערן כדי צו קושן אירע בראָנדזענע קני. אַזאַ ליבע פירט צו זיין אומקום, צו זיין פיזישן טויט. ער קומט ממש אום אויף די מירמעלנע טרעפּן פון דעם טעמפּל, פון וועמענס אומגעהייערע פאָרטאַלן עס שמייכלט קאַלט צו אים אַרויס אַ פרוי — צו אַ געטין געמאַכט. מיט אַזאַ געטין קען מען נישט לעבן אין דער רעאַלער וועלט — מען קען נאָר פאַר איר שטאַרבן אין דער דיכטונג! אויסגיין פיזיש, באַצאָלן מיט אַ פּרייז וואָס אַ פּאָעט קען באַזיצן — מיטן אייגענעם לעבן.

דאָס פּרימיטיווע און רעליגיעזע געפיל הויערט אין אים צוזאַמען, מיטן ראָמאַנטיש־עראָטישן:

ביסט אַ מעראַקל —
נסים געשען פון אַ וואָרט,
דער שם הויה ליגט אונטער דיין צונג,
טוסט באַנייען יונגע וועלטן — מיט דיינס אַ שפּרונג.

אין די דאָזיקע פערזן איז געמאָלן די פרוי ווי דער רעליגיעז־עראָטישער מענטש זעט זי אין איר ציטערט אויף די שטפערין פון וועלטן. זי לייזט אויס די זינד פון די מענטשן. זי ברענגט פרייד און ליכט. זי איז נישט קיין ערדישע געשטאַלט. זיין ליבע־ליריק איז איינציג־אַרטיק אין דער יידישער פּאָעזיע, דערמיט וואָס עס איז נישט קיין ערדישע ליבע־ליריק, ווי למשל פון היינריך היינען. עס איז אין תוך אַ קבלהיסטיש־הימלישע, אַ חסידיש־עקסטאַטישע פּאָעזיע:

„דיין געזאַנג דערמאָנט מיך אַזוי ווייך זינגסטו,
אינעם געזאַנג פון מיין בלוט — ווייך,
אינעם געזאַנג פון אונדזערע לוויים — ווי די לידער פון מיין ליבע".

און גאָר אַמאָל גייט אויף ביי אים די אָריענטאַלישע דיכטונג. דו דערהערסט כמעט ראבינדראנאט טאַגאָרע'ס טענער:

„דו ביסט די לאָטאָס, ניין,
וואו הינטער לבנה־שטראַלן דו ביסט די מימאָזע,
ווערט געבוירן וואו ס'שיפּלן זיך אין דיר
אַ מלאך. די זון און די שטראַלן".

אַן אויסגעריסן ליד פון די אייביק־זוניקע בלעטער פון שיר השירים, דאַכט זיך, הערסטו אין אַזעלכע פערזן:

„כ'טרעט היינט אויף מאַן־פעלדער,
ביז די קניען בין איך אין גראָז פאַרפלאָנטערט
און זאַפּ דעם געדיכטן ריח
פון די פעטע מאַן־הערצלעך.
פּרעס זיך צו די רויטע, ווייסע קליידלעך
פון די מאַן־מיידלעך".

דער מאַן פּאָעט זוכט די פרוי אין דער נאַטור. ער פאַרוואַנדלט די בלומען אין פרויען. מאַן — הונגעריק אין אוניווערס נאָך ווייבלעכקייט, שפּרייט זיין ליבע־הונגער אויף אַלע וועלט־לאַנקעס און וועלט־רוימען. זיין ליבע־הונגער עפנט גאָלדענע אימאַזשן אין גאָר דעם רוים. אַ פייער־ווינט גייט דורך אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.

אָדער, דערמאָנען נישט אין טאַגאָרע'ס דיכטונג אַזעלכע זילבערנע פערזן:

„דיין קול איז אַזוי העל,
וויאויף הויכע בערג דער בליאַסק פון אַ וואָלקן,
און דיינע פינגער זיינען אַזוי לויטער,
ווי צאַפּנס אייז אין זון צעשמאָלצן".

און מאָטיוון פון דער וועלט־דיכטונג געפינסטו אין פערזן וואו דער פּאָעט פאַראייניקט לאַנדשאַפט מיט מעלאַנכאָליע־עראָטיק מיט טרויער. עס איז די

דינע, גאָלדענע ליריק, זינט אורצייטן אָן, וואָס פירט אין דער מיסטעריע פון ליבע צום טויט.

„כ׳בין געקומען מיט פולע ליפּן פייער —
מיין אומעט אויסצולעשן.
כ׳בין געקומען
מיט פולע אָדערן פייער —
מיין אומעט אויסצולעשן.
כ׳בין געקומען
מיט פולע באַקן פייער —
מיין אומעט אויסצולעשן״.

טויט און ליידנשאַפט. אַ ליידנשאַפט וואָס מוז אויף אַש פאַרברענען דעם עקסטאַטישן שמעטערלינג אַרום דעם גרויסן פייער — די זון.

די ליבע אין אים איז געוועזן אַן איינזייטיקע. ווייל די העלדין איז „אונשולדיק״. זי נעמט קיינמאָל נישט קיין אָנטייל אין דעם ראָמאַנס. אַזוי ווי אָדם האָט פון זיך אַרויסבאַשאַפן חוה׳ן, אַזוי שאַפט יעדער פּאָעט־ראָמאַנטיקער זיין פרויען־וועזן, זיין מאָדעל, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך־שענער ווי דער אָרעמער, גייציקער, באַגרענעצטער אָריגינאַל. יעדער פּאָעט־מאַן שמידט אויס אין פייער פון זיין ליבע זיין אימאַזש פון אַ געליבטער. יעדער ברעכט אָפּ פון זיין פלייש זיין העלדין.

חיים קרול דערציילט ווי ער האָט איינגעלאַדן דעם אימאַזש פון זיין גע־ליבטער צו זיין איינזאַמען יום־טוב־באַנקעט:

„כ׳האָב אין מיין שטיבל	געשטעלט צום טיש
איינער געפּראַוועט יום־טוב,	און פאַרבעטן דיין שאָטן,
דעם איינעם שטול,	וואָס שניידט זיך פאַר מיינע אויגן,
וואָס שטייט דערין,	אויף אים זיצן.

ווער, אין דער הייטיקער צייט, שרייבט אַזעלכע ליבע־לידער, פון אַזאַ הייסער עקסטאַטישקייט?! אַ צווייטן מאָל וועט זיך דער פּאָעט פאַרשטעלן אַן אימאַשינערע, אַן אויסגעטראַכטע חתונה:

„שפּילט מיר אַ חופּה־מאַרש!	און מיין טאַטע
לאָמיך דאַכטן,	בענטשט מיך
אַז איך ווער אויסגעגעבן	און זיינע טרערן
לתורה, לחופּה ולמעשים טובים. —	פאַלן אויף מיין קאָפּ.

אַלץ איז אויסגעטראַכט, אימאַזשינער, אָפּגעבראָכן פון זיך. ווי אָדם ברעכט אָפּ חוהן, ווי דאָן קיכאָט אין פיבער, ברעכט אָפּ דולציניען. ווי יעדער פרינץ־פּאָעט ברעכט אָפּ פון זיין לייב די פּרינצעסין...

דער פּאָעט פילט אַז דאָס פייער האָט אים אינגאַנצן פאַרצערט — אַן

סאַטיספאַקציע. ער האָט ווי אַ שמעטערלינג געטאַנצט אַרום דעם גרויסן זון־ליכט. ער האָט געגליט. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט באַרירט דעם אָביעקט פון זיין ליבע. ער איז געבליבן געטריי זיין ריטער־אידעאַל, אין ווינט און אין שטורם, צו וואַנדערן און צו באַזינגען זיין געליבטער. אויסצוגיין אין ליידן פון בענקשאַפט. פאַרברענט צו ווערן אויף די וועגן פון ליבע. דער ריטער קומט אום אין זיין בענקשאַפט. טיילמאָל באַפאַלט דעם פּאָעט אַ ניכ־טערער מאָמענט און ער האָט חרטה אויף זיינע אומזיסטע ליידן.

„ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן, — אַרומגעוועבט מיט שפינוועב
ווי רמב״ם אַריסטאָטלעסן — און נישט צוגעלאָזן צו זיך
אויב דו האָסט דיין גוף — דאָס נאַקעטע לייב פון אַ ווייב.

דער פּאָעט פילט דעם אונטערגאַנג זיינעם. עפּעס קומט דאָ פאַר פון דער שמשון הגבור־טראַגעדיע — ווען די זיילן קראַכן. איז דאָ געווען פאַרראַט? עס איז געווען פאַרראַט מצד דער פרוי וואָס האָט אים אָנגעצונדן מיט איר עקזיסטענץ, מיט איר שיינקייט, נאָך אינעם לאַדזשער באַלוט, וואו זיי האָבן ביידע געוואוינט בשכנות. אין זיין ראָמאַן „חיה־שרה״ באַשרייבט ער פּרע־ציזער און גענויער די דאָזיקע ליבשאַפט זיינע צו אַ מיידל, חיה־שרה. און דעמאָלט ווען חיים קרול ווערט פאַראַליזירט, גייט זי אין לעבן אַריין. זי האָט חתונה ווי געוויינלעך, מיט אַ פּראַקטישן מאַן.

זי האָט קינדער. די פרוי איז נישט גרייט פאַר קרבנות. עס איז אָדם, דער מאַן, דער פּאָעט, דער טרובאַדור, וואָס עפנט די פייערדיקע פּאַנאָראַמאַ פון זיין ליבע און ער קומט אום אין אירע געדיכט־רויכיקע זיילן פלאַמען.

דער פּאָעט גייט אַוועק אין אַ ברוקלינער שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע. דורכן פענצטער קוקט ער איצט אויף דער וועלט. אויפן טוישן זיך פון די יאָר־סעזאָנען. אויפן פאַלן פון די בלעטער אין אָקטאָבער און נאָוועמבער. שפּעטער אויפן פאַלן פונעם רעגן, וואָס ווייקט דורך דאָס לייב פון דער ערד. שפּעטער אויפן געדיכטן פאַלן פונעם שניי, אויף די טויטע, שוואַרצע צווייגן. שפּעטער זעט ער דאָס אָנקומען פון פרילינג, וואָס קלאַפּט מיט אירע בראָנזענע פליגל אויף דער פאַרפרוירענער ערד, און וועקט זי אויף צום לעבן; שפּעטער אויפן שפּראָצן פון בלומען, פון גראָז, פון פלאַנצן, גרינע צווייגן, פון ליכטיקע קאָלירן פון הימל, וואָס נידערן אַרונטער אויף דער ערד. דער פּאָעט זעט דורכן פענצטער די גרויסע פּאָעטישע קאָמעדיע פון די יאָר־סעזאָנען. און ער זעט אויך ווי דאָס לעבן צעברעכט גופים פון קינדער און פון זקנים; ווי די אכזריות־דיקע הענט פון גורל מאָדולירן פנימער אין מאַסקעס און קערפּערס; פאַר־וואַנדלען זיין אין שטיין, שפּעטער מוז קומען דער טויט.

דער טרויעריקער שיקזאַל גיט חיים קרולן גענוג צייט צו טראַכטן, איבער־צוטראַכטן זיין לעבן. פון דער פּראָזאַישער וועלט דערשלאָגט זיך אַ שוואַכער עכאָ, אַמאָל אַ פריינט מיט אַ ליד און מיט אַ שמייכל; אַ מיידל וואָס לאַכט

אונטערן פענצטער; אַ בריוו פון אַ גוטן קאָלעגע. און דער אייביקער רעפלעקס: זי, די קעניגין, איז אַריין אין לעבן. זי מוז שוין אַליין זיין פאַרעלטערט און גרוי און טרויעריק. און דער פּאָעט קען איצט קוים מיט זיינע טויטע הענט שרייבן אַ ליד. אַמאָל האָט ער זיין זינד געקענט אויסקויפן מיט אַ ליד. איצט קען ער בלויז קאָנסטאַטירן —

„עס לעשט זיך דער לעצטער פאַקל
אין מיין באַוואוסטזיין —
אַזוי טראַגיש איז מיר היינט דער טאָג,
און איך רוף צו הילף מיינע אומבאַפלעקטע טעג,
העלפט מיר אונטערהאַלטן די פאַלנדיקע זיילן
פון מיין אונטערגאַנג".

אָט דאָס איז די פּאָעזיע, און דאָס איז די געשיכטע אין פערזן געקריצט, פון אַ מאָדערנעם טרובאַדור, אַ טרובאַדור וואָס האָט דערהאַלטן דעם גאַנצן אידעאַליזם און די ראָמאַנטיק פון אַ פאַרגאַנגענער צייט. עס איז אַן אידעאַליזם וואָס איז שווער צו געפינען אין אונדזערע טעג. בשעת די ציילן ווערן געשריבן, ראַנגלט זיך חיים קרול נאָך מיט די לעצטע פלעמעלעך פון לעבן. שוין עלף לאַנגע יאָרן צייט שמאַכט ער אין אַן אַנשטאַלט פאַר אומהיילבאַרע. יעדן פאַרנאַכט צינדט אָן די זון בראַנדזענע טרומנעס אויפן גליענדיקן האָריזאָנט — אַ בית עולם פון טרובאַדורן, פון פאַר־ליבטע. און די זון, די גרויסע אָנגעצונדענע דאַמע פון די הימלען, קושט די פאַרגליווערטע אין די טרומנעס. צען יאָר צייט בענקט ער צו שטאַרבן, צו ווערן איינער פון די סקולפּטירטע אין די פייערדיקע טרומנעס, כדי די ליידן פון זיין פינצטערן לעבן זאָלן זיך ענדיקן. עס זאָל ענדלעך נעמען אַ סוף צו דער מאַרטירערײַ פון זיינע ליידן.

פראַנצעסקאָ דאַ רימיני איז אַוועק צוזאַמען מיט פּאַאָלאָ אין דעם ווירבל־ווינט פון ליבע און ליידן. חיים קרול'ס געליבטע איז אַוועק אין לעבן, אויפ־געפרעסן צו ווערן פון לעבן. איינזאַם וועט זיך חיים קרול דרייען אין די הימלישע רוימען, מיט בראַנדזענע פייערפליגל, וואָס וועלן אין פערמאַנענטן שוואונג באַרירן די שפּיצן פון די רוימען און די גרונטן פון די ערדן, און אומענדלעך וועט ער זיך דרייען אין אַ שטורמישן ווינט פון ליבע . . . — — — —

ניו יאָרק, 7 נאָוועמבער. 1945

***

ביידע קומען זיי פון דער ידישער שטאָט לאָדזש, חיים קרול און י. ה. ראַדאָשיצקי. אויך ראַדאָשיצקי געהערט צו יענע אידעלע פּאָעטן וואָס זיינען פאַרליבט אין דיכטונג און דיכטער. ווי דיאַגנעס זוכט ער דאָס גוטע אינעם מענטשן. און עס איז אָט די בענקשאַפט צום גוטן און צום ליידנדיקן וואָס האָט

אים פאַרבונדן אין אַ אייביקער פריינטשאַפט צום פּאָעט חיים קרול. עס איז אַ רירנדע פריינטשאַפט, וואָס האָט פון ראַדאָשיצקין געפאָדערט אַ סך מיה און אָנשטרענגונג. ראַדאָשיצקי איז פאַר חיים קרולן זיין ברודער און זיין פאָטער. איך ווייס ניט צי איין פּאָעט האָט פאַר אַ צווייטן פּאָעט אַזוי פיל געטאָן אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור ווי ראַדאָשיצקי האָט געטאָן פאַר קרולן. אין די ביטערע יאָרן פון זיין קראַנקער איינזאַמקייט האָט קרול געהאַט אין ראַדאָשיצקין דעם איינציקן פריינט וואָס פלעגט קומען צו אים אינעם שפּיטאָל, אין יעדן פרייען טאָג, ווי אויך אין אַ יום־טוב. ער האָט דערליידיקט אַלץ אין חיים קרול׳ס מענטשלעכע נויטן. ער האָט אים געבראַכט אַ וואַרעם מענטשלעך וואָרט. ער האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון דער ליטעראַרישער וועלט. וואָרום די יידישע ליטעראַרישע וועלט האָט דאָך קרולן באַהאַנדלט ווי שוין אַ געשטאָרבענעם. ראַדאָשיצקי איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון דער דרויסנדיקער שרייבער־וועלט. דאָ און דאָרט האָט אפשר אַ קאָלעגע אַ קרעכץ־געטאָן אויפן שיקזאַל פון קרולן, אָבער דערביי איז עס געבליבן . . .

קרול האָט זיך דערפאַר געפילט פאַרלאָזן, פאַרגעסן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט. ראַדאָשיצקי אָבער האָט אין אים געבערענגט גלויבן, אַז ער, קרול איז אַ גרויסער פּאָעט. און ראַדאָשיצקי האָט כסדר געשריבן וועגן חיים קרולן, געגעבן צו וויסן די עפנטלעכקייט אַז חיים קרול לעבט נאָך! ראַדאָשיצקי האָט געשיקט אין די רעדאַקציעס קרול׳ס לידער. די מאַנוסקריפּטן וואָס קרול האָט געשריבן מיט געליימטע הענט, האָט ראַדאָשיצקי ווי אַ הייליקייט באַהאַלטן. ער האָט באַזאָרגט פאַר אים די קאַרגע קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט אים געבראַכט אַ יידיש בוך. ער האָט געזאַמלט אַלץ וואָס קרול האָט אָפּגעדרוקט. ער האָט דער איינציקער געפירט חשבון .. ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון פאַרניכטונג זיין טאָג־בוך פון „טויטן הויז״, ווי קרול האָט טיטולירט זיינע שרעקלעכע פאַר־צייכנונג לויט דאָסטאָיעווסקעס באַרימטן ווערק. און ווי ער, דאָסטאָיעווסקי אַליין האָט עס באַטיטלט: „דאָס מוזעאום פון טויט״.

מען קען זאָגן אַז בשעת קרול איז געוואָרן פאַראַליזירט און האָט גאָרנישט מער געקאָנט טאָן מיט זיינע הענט, האָט ראַדאָשיצקי זיך געשטעלט צום דינסט פון דעם געליימטן פּאָעט און מיט ראַדאָשיצקיס גייסט האָט קרול איצט גע־אָטעמט, געלעבט, זיך באַוועגט און אפילו נאָך געשאַפן, אונטער די סאַמע שרעקלעכסטע באַדינגונגען . . .

יאָרן גייען דורך. ביידע דיכטער ווערן דערוויל עלטער. אויך ראַדאָ־שיצקיס לעבן איז דורכגעבראָכן מיט טראַגעדיעס. קראַנקהייט און טויט נעמען צו די טייערסטע פון זיין הויז. דער טויט רירט זיך צו צו זיין קינד, צו זיין ווייב . . . ביידע דיכטער ליידן. ביידע דיכטער לייענען זיך קעגנזייטיק פאַר זייערע צער־ליידן. ווען ראַדאָשיצקי גייט אַוועק פון דעם קראַנקן קרולן, ווען אין די שאָטנס פון דערמערונג בלייבן איינגעהילט דער פאַרשטיינערטער דיכטער

און ער וועט טראַכטן און מעדיטירן וועגן זיין קאַלעגע. וואָס איז זיין גייסטיקע בריק צו דער אויסערלעכער וועלט. און ראַדאָשיצקי וועט מיטטראָגן מיט זיך דעם טרויער פון זיין פאַרגליווערטן ברודער, וואָס ליגט אומבאַוועגלעך ווי אַן אומגעפאַלענע סטאַטוע. נאָר אין זיין געליימטן קערפּער שלאָגט נאָך אַלץ דאָס דיכטערישע האַרץ! דאָס גרויסע האַרץ פון אַ טראַגישן ליריקער.

ראַדאָשיצקי האָט קרולן אויפגעהאַלטן מיט זיין גייסט, מיט זיין טרייסט און גלויבן, אין משך פון די אַלע יאָרן פון קרול׳ס לעבן אין דעם שפּיטאָל. ער איז געשטאַנען ביי דעם אויפבלי פון קרולס טאַלאַנט, נאָך אין לאָדזש. ער האָט אויך געזען ווי דער דיכטער ווערט איינגעבויגן, ווי ער נעמט ציטערן און וואַקלט זיך אונטער די לאַסט פון זיין פּאַטאַלער קרענק, אין ניו יאָרק, ער האָט געזען ווי ער פאַלט אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין זיין אומהיילבאַרן פּאַראַ־ליזש. ער האָט געזען אין משך פון יאָרן ווי דער דיכטער זינקט. מיט צער איז ער געשטאַנען נעבן דעם געפאַלענעם דיכטער ביז די לעצטע וואָכן און טעג ווען קרול האָט שוין געהאַפּט אויפן טויט, ווי אויף אַ דערלייזונג. ראַדאָשיצקי איז געשטאַנען ביי זיין פּטירה, ווען ער איז געשטאָרבן מיט אָפענע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך טראָגן אין הימל אַריין. נאָר דער וואָס לעבט זיין לעבן אָפּן, אָן זינד, נאָר דער מאַרטירער און הייליקער קען זיך דערהייבן און זיך טראָגן מיט אָפענע אויגן אַנטקעגן גאָט, קען שטיין נאַקעט און אומדערשראָקן פאַר די מחנות מלאכים און קען זאָגן צו גאָט מיט זיין צאַרטער שטימע:

— אורטייל מיך! נעם מיך אויף! איך האָב נישט קיין מורא! ווי אויף צוויי גרויסע שאָלן פון אַ וואָג נעם מיין לעבן אויף, דיינע מעכטיקע הענט און וועג מיך אָפּ מיט מיינע „זינד״! און אויב דו, גאָט, קענסט זיך איינ־האַלטן נישט צו וויינען — וויין נישט, ווי איך האָב קיינמאָל נישט געוויינט ווען דאָס לעבן האָט מיך ביטער געשלאָגן.

ראַדאָשיצקי איז געשטאַנען ביי דער לאַנגזאַמער אַגאָניע פון חיים קרולן. מיט קרולס גוטהייסונג האָט ראַדאָשיצקי אים געגעבן אַ קבר, אויף זיין פאַ־מיליען־קרקע, ווען דער דיכטער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער מאַמע־ערד. און צום יאָר האָט ער חיים קרולן געשטעלט אַ מצבה. אין קאַלטן גראַניט האָט דער מצבה־קריצער אַריינגעקריצט חיים קרולס אומשטערבלעך ליד:

„ברעט, מיין איינציק ברעט
אויף וועלכן מיין גוף וועט אַמאָל רוען״...

איז דאָס נישט דער איינציק־אַרטיקער פאַל אין דער געשיכטע פון באַצי־אונגען צווישן ליטעראַרישע קאָלעגן?!

מיט כבוד פאַרשרייב איך דאָ ראַדאָשיצקיס מעשים. זאָל עס בלייבן פאַר־צייכנט לדורות.

דוד בערגעלסאָן

חיים קרול

קרול האָט מערקווירדיקע פערזן, איניקע פון זיי אויף וואָס פאַר אַ שלעכטן פּאַפּיר מען זאָל זיי אויפשרייבן, וועלן זיי דאָך מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי זאָלן זיין געשריבן אויף פּאַרמעט...

„אַ טאָג פון ליכט און חכמה שיינט איבער מיינע ברעמען"
צעשיטן זיך זילבערנע רעדער פאַר מיינע טריט.
... נעמען שווינדן די ווענט פון דער וועלט
און עס ווערן דורכזיכטיק אַלע זיבן הימלען.

פאַראַן ביי אים שורות, וואָס זיינען געשריבן אין יענעם זעלבן צושטאַנד, אין וועלכן אַ סופר שרייבט אַ רייניקייט, און עס איז פּשוט צו באַוואונדערן: פון וואַנען נעמט זיך אָט דער גרויסער עכט־מענטשלעכער אימפּעט — דער אימפּעט פון רייניקן זיך „אין מיטן" פון אָט דעם שרעקלעכן „אַליין זיך"...

„אין שפּאַן", 1926.

ישעיה שפּיגל

וועגן חיים קרולן

חיים קרול איז געווען אַ קינד פון באַלוטע־נויט און אָרעמקייט. זיין דיכטערישע וויזיע האָט באַגלייט לאַנגע יאָרן פון זיין לעבן דאָס מאַנאָטאָנע קלאַפּן פון די באַלוטער וועבער־שטולן. אין דער באַלוטער העק פון יידישער דחקות האָט חיים קרול איינגעזאַפּט אין זיך אַ מין נזירהשע רעליגיעזיטעט און אַ תפילה־דיק פליסטערן, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס כמעט אַלע זיינע לידער. פון די ערשטע שאַפונגען ביז צו די לעצטע, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין טרויעריק איינזאַם לעבן, הערט זיך דאָס שטאַמלענדיק געבעט פון אַן אמתן דיכטער. זיינע קורצע סטראָפן, ממש תהילימדיקע פערזן און לידער־תפילות, האָבן אין זיך די מאָטיוון פון אַלט־יידישער בענקעניש נאָך דערלייזונג, נאָך דערלייזונג פון ייד און מענטש.

חיים קרול האָט געהערט צו דער אַמאָליקער דיכטער־ און קינסטלער־גרופּע "יינג־יידיש", וואָס איז געווען אַזוי פּרוכטבאַר אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. לעבן אַ ריי אַנדערע דיכטער און קינסטלער איז חיים קרול מיט זיין אָריגינעלער דיכטונג און שטאַרק־לירישע אַקצענטן געווען אַ באַדייטנדיקע פּאָעטישע קראַפט אין דער גרופּע.

דער דיכטער האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין אַמעריקע און דאָרט אַרויסגעגעבן זיינע ביכער, וואָס האָבן מיט זייער אָריגינעלקייט אַרויסגערופן

פיל לויב פון דער קריטיק. אויך דאָרט איז ער פאַרבליבן טריי זיין אינעווייניקסטער דיכטער־וועלט. ער איז געבליבן דער זעלבער נזיר און בעל־תפילה אין זיין ליד, וואָס פריער. דאָס רעשיקע אַמעריקע האָט נישט באַוויזן צו דערשטיקן זיין טיף־לירישע אינטימיטעט פון זיין דיכטונג. און אַזוי ווי אין זיין שאַפן איז אויך זיין פּריוואַט־לעבן געווען: נזירהש און אָפּגעשלאָסן.

חיים קרול האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען אין זיינע לידער אין אַמעריקע:

„מיט מיינע פּיס
בין איך איינגעגראָבן אין פּוילן־לאַנד,
איך בענק נאָך דיינע באַלוטער בלאָטעס,
נאָך דיינע ליימיקע רעגנס,
נאָך דיינע קליינע סאַזשעלקעס,
נאָך דיינע געקאַלכטע רינשטאָקן...

אָדער:

פאַרבענקט זיך מיר
נאָך מיינע אָרעמע יידן,
נאָך זייער שטילן גאַנג,
נאָך זייער בנעימותדיק עסן,
נאָך זייער טיפער גדלות,
נאָך זייער סאַמעטענעם יחוס,
נאָך זייערע הייסע חתונות"...

דער דיכטער האָט געוואוסט, אַז זיין אַלטע היים איז אָפּגעווישט געוואָרן אינעם גרויסן חורבן, אַז דאָס אָרעמע באַלוט פון פּוילן־לאַנד, נאָך וועלכע ער האָט שטאַרק געבענקט, איז געווען איינס פון אַ מיינסטן פאַרפּייניקטסטע יידן־געטאָס, אַז טאַקע דאָ, אין די קליינע געסעלעך, זיינען אויסגעגאַנגען די לעצטע הייליקע יידן פון זיין דור.

אַ שווער מאַטער'נדיקע קראַנקייט האָט איינגעלאָשן דאָס דיכטער־האַרץ פון אונדזער בן־עיר.

זאָלן די פּאָר ווערטער, אויך פון אַ באַלוטער קינד, נאָך זיין פאַרשטאָר־בענעם חבר און אמתן יידישן פּאָעט און ליריקער פאַלן ווי אַ קראַנץ אויף זיין איינזאַמען דיכטער־קבר אין וויטן אַמעריקע.

לוי גאָלדבערג

חיים קרולס ליד

חיים קרולס ליד איז געוואַלדיק געראָטן אין חיים קרולן. ווי ער„ אין לעבן, איז זיין ליד אין אונדזער פּאָעזיע, אָפּגעטיילט פון חומר, און עס אָטעמט נישט מיט פולן לעבן. די נשמה פון זיין ליד איז געוויכטיקער פון איר גוף.

מבינים ווען זיי לייענען אַ ליד, שיילן זיי אַרויס די שורה, דעם מעטאַפאָר, און דאָס איבעריקע ווי אַ שאָלעכץ וואַרפן זיי אָפּ.

קרול האָט דאָס פאַרשטאַנען, און אין גאַנצן אויף זיין ליד קיין שאָלעכץ נישט אָנגעטאָן. ער האָט דוקא אָנגעשריבן דאָס ליד, די שורה, דעם מעטאַפאָר אָן צעמישונג פון דער זייטיקער כעמיש־פּאָעטישע שטאָפן. איז טאָקע געבליבן זיין ליד אָן אייביקע פרי, וואָס וועט קיינמאָל נישט קאַליע ווערן.

עס ווערן געבוירן אין אונדזער לעבן קינדער מיט געבענטשטע, מיט אַלטן שכל, פאַר זייערע יונגע יאָרן, זייער אויסזען איז תמיד מאָגער, זייער קאָליר — בלאַס. נאָר ווען מען קוקט אַריין אין זייערע אויגן, דערזעט מען ווי פון זיי שפּריצט ממש פייערלעכע וויזיאָנערישקייט! אַזאַ ענלעכקייט מיין איך האָט קרולס ליד. אַזוי איז אויך מיט זיין מיניאַטור־עסיי, אַזוי איז ער אַפילו אין דער תמימות פון זיין קליינעם לירישן ראָמאַן. טרעטן מיר טאָקע אַלע איצטער אָפּ מיט יראת הכבוד פאַר אים און זיין ליכטיקן נאָמען.

חיים קרולס נאָמען וועט אין דער יידישער פּאָעזיע נישט פאַרבלייבן. קרול האָט איבערגעלאָזט פּאָעטישע ווערק, וואָס די חברים און פאַרערער וועלן, מיט זייער ליבע צו אים און זיין שאַפן, איבערגעבן צו אונדזערע יורשים ווי אַ פאָן. און ס׳וועלן זיין יורשים!

חיים לייב פוקס

חיים קרולס דיכטערישער באַגינען

פאַראַנען קינסטלער, וואָס שוין ביי זייער ערשטן באַגין, דערקענט מען זייער וועזן.

איך וויל דאָ דערציילן וועגן חיים קרולס ערשטע טריט, כדי אַרויסצוזען די טונקלקייטן, וואָס העלן פון זיינע לידער, אַריינגיין אין „לאַנד פון דיכטער" דערקענען דורך דעם סיי זיין ליד און סיי זיין לייד — דאָס פנים פון זייער טראַגיק.

וועגן דעם אייגנאַרטיקן אַנטוויקלונגס־וועג פון דער לאָדזשער דיכטער־גרופּע, איז עד־היום כמעט ווי גאָרנישט געשריבן געוואָרן. פשוט: מיר האָבן נישט געהאַלטן דערפון. מיר זיינען געווען בבחינת פון „עובדי מאהבה" צו דער יידישער דיכטונג און נישט קיין זעלבסט־רעקלאַמע אָדער רום, איז גע־ווען אונדזער ציל.

איך וויל מיט חיים קרולן, וואָס איז געווען דער עלטסטער פון דער יונ־גערער לאָדזשער גרופּע, אָנהויבן דאָס בלעטל, וואָס האָט אַזוי פריידיק גע־גלאַנצט צווישן דער לאָדזשער יוגנט.

און געווען איז דעמאָלט אין יענער גאָלדענער תקופה, אין פרילינג פון דער יידישער ליטעראַטור, ווען די יידישע יוגנט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די ענגע דלד אמות פון שטוב און היים און נאָך מער פון די בית־המדרש־ווענט, האָט מיט התלהבות זיך געצויגן צו די שוועלן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און געקרוינט די שאַפער פאַר זייערע נייע מורי־דרך.

אין יענער צייט, אַרום 1913, נאָך אַ פאָרלעזונג פון י. ל. פרצן, אין לאָדזש, וואו פרץ האָט גערעדט וועגן „שיר־השירים", האָב איך זיך באַקענט מיט חיים קרולן. קרול איז דאַן צוזאַמען מיט מיר געקומען אויפצוכאַפּן אַ שטראַל פון דער פרצישער ליכטיקייט.

חיים — אַ יונגער, שעמעוודיקער בחור, וואָס פלעגט זיך רויטלען ביי יעדן וואָרט מיט אַ מיידל, און בלחש ציטערן, ווען עמיצער האָט וועגן אים געזאָגט אַ לויב, איז דעמאָלט געווען איינער פון די הונדערטער לייענער פון דער ביבליאָטעק אין וועלכער איך האָב, אין דער פרייער צייט פון לערנען, מיטגעאַרבעט ביים אַרויסגעבן ביכער.

אין יענער צייט איז דער הויפּט לייען־שטאָף געווען בעלעטריסטיק. לידער האָט מען גאַנץ ווייניק געלייענט. איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן שרייבן העברעאישע שירים און האָב דעריבער זייער אויפמערקזאַם באַטראַכט יעדן

איינעם, וואָס האָט געגומען לייענען „פּאָעזיע״. איך האָב מיך צו אַזאַ איינעם באַצויגן ווי צו אַ לידער־שרייבער.

היינט ווייס איך, אַז עס איז געווען דער אינטימער געפיל פון דיכטער צו דיכטער, וואָס איז דאָ אין יעדן פון אונדז, „במסתרים״... חיים, ווי איך האָב באַמערקט, לייענט זייער אַ סך לידער און נישט בלויז פון יידישע פּאָעטן, נאָר אויך פון דער וועלט־ליטעראַטור.

איינמאָל, בעת איך האָב אים געגעבן דוד איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען״ האָב איך מיט שטוינען באַמערקט אַז דער בחור נעמט דאָס בוך און לייענט עס אויפן אָרט. ווען איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער לייענט גלייך אויפן אָרט, און צי שרייבט ער נישט אַמאָל קיין לידער, האָט ער מיר מיטן כאַראַקטע־ריסטישן היימישן שמייכל, שטיל געענטפערט: אַז יאָ, ער שרייבט פון צייט צו צייט.

איך האָב אים אויך פאַרטרויט, אַז איך שרייב. און אַזוי זיינען מיר גע־וואָרן חברים און זיך געלייענט יעדע נייע זאַך, וואָס מיר האָבן אָנגעשריבן.

איינמאָל, האָט מיך חיים פאַרבעטן צו קומען צו אים אין שטוב. עס איז ווייט אין באַלוט, — האָט ער מיר געזאָגט, — אָבער עס איז נאָענט צו פעל־דער און אַ טייכל לויפט פאַרביי.״ און מיט אַ תמימותדיקן טאָן צוגעגעבן: — „אַז עס שרייבט זיך דאָרטן זייער גוט!״ איך האָב מיך אָנגעכאַפּט דעריי־נען, ווייל מיך האָט שוין לאַנג געצויגן צו זיין אויפן פרייען פעלד נאָענט צו דער נאַטור. איך האָב מיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן אויפן ערשטן שבת, ווי מיר האָבן זיך באַשטימט צו טרעפן, ביי זיי אין שטוב.

חיים האָט זיך געפונען אין מיט פון דער לאָדזשער אָרעמקייט, אין אַ הילצערן צוויי שטאָקיק־הויז אויף קעלם גאַס, אין באַלוט. די שטוב וואָס איז געווען פאַרנומען פון דריי הילצערנע וועב־שטולן, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן, דערדריקנדיקן איינדרוק. פון דער דאָזיקער שטוב קומט חיים מיט זיינע לידער? — האָב איך געטראַכט.

אין דער שטוב האָב איך חוץ חיימען אויך געטראָפן זיין אַלטן טאַטן, וואָס איז געווען שוין לאַנג אַן אלמן, און חיימס צוויי שיינע שוועסטערן. חיימס פאָטער, אַ גוטמוטיק, לוסטיק יידל, וואָס־האָט ווייזט אויס מקבל־באהבה געווען דעם דלות און דעם יאָך פון זיין אַן אָרעמאַן, האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און באַלד נאָכן אָפּגעבן שלום, מיך געפרעגט צי איך שרייב אויך „לידלעך״ ווי זיין חיים. איך בין געוואָרן אַביסל צעמישט פון זיין פרעגן און גאָרנישט געענטפערט. מיין הולך, פון אַ חסידיש יינגל האָט חיימס פאָ־טער געחידושט. אָבער חיימס עלטערע שוועסטער האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון דער לאַגע מיט איר קלינגענדיקן יידישן ענטפער צום פאָטער:

— וואָס ווילסטו טאַטע, פון דעם בחור, אַז ער שרייבט לידלעך איז דאָס אַ חטא, צי טאָר דען קיין חסידיש יינגל נישט שרייבן קיין לידער? (שפּעטער

בין איך געוואָר געוואָרן אַז אויך זי האָט געהאַט דיכטערישע שוואַכקייטן. זי האָט זיך פֿאַרליבט און חתונה געהאַט מיט אַ דיכטער, דוד הערש זילבערשטיין. וואָס האָט געדרוקט עטלעכע לידער אין לאָדזשער צייטונגען און אין די אויס־גאַבן פֿון די יונגע דיכטער אין לאָדזש).

אויף מיר האָט סיי די שטוב און סיי די גוטע ווערטער פֿון קרולס שוועס־טער געמאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק און איך האָב באַשלאָסן אַז ווען איך וועל נאָר זיין פֿריי און חיים וועט אויך נישט אַרבעטן, — צו פֿאַרברענגען מיט אים און מיט זיין יינגערער שוועסטער פֿייגעלע.

איינמאָל — גאַנץ שפּעט ביינאַכט, איז ער צו מיר, אין געלויף פֿון באַ־לוט קיין ווילקע געקומען, און האַסטיק, ווי נישט זיין שטייגער איז געווען, געזאָגט: „אַז איך מוז שוין אויסהערן זיין לעצט ליד, וואָס ער האָט ערשט אָנגעשריבן".

עס איז געווען זיין ערשט ליבע־ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו חיה שרהן.

דאָס ליד, וואָס איז געווען מיט אַזויפיל צער און צאַרטקייט, נעמט מיך נאָך היינט אַרום. ווען איך טראַכט וועגן די ליבע־לידער אין אונדזער דיכ־טונג, באַנעם איך חיימס איינגאַרטיקייט.

דאָס ליד איז אַריין אין זיין ערשט ביכל „לויבן."

אינטערעסאַנט וועט זיין צו דערציילן אַז חיה שרה האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט פֿון דעם ליד, וואָס איז געווען געהייליקט צו איר, ווייל חיים האָט מער אין זיך געגערט דעם געפֿיל, פֿון ליד, מער נאָך פֿון זיין פֿאַרצווייפֿל־טער ליבע. אַ שטריך פֿון אמת דיכטערישער איבערלעבונג.

חיה שרהן געדענק איך פֿון יענע ערשטע טעג פֿון חיימס בעקאַנטשאַפֿט צו איר. זי, — כאָטש אַ זייער שיינע, מיט אַ רייף פּנים, מיט פֿייערלעך אין די אויגן, האָט זיך באַזונדערס מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. מיר דוכט זיך אפֿילו אַז זי האָט בכלל ווייניק געלייענט און נישט פֿאַרשטאַנען חיימס ליבע צו איר. אָבער אַ פֿאַקט איז, אַז אַלע זיינע זעאונגען אין ליד און אין פּראָזע, זיינען גע־ווען צו איר. זי האָט געהאַט אַ טויטלעכע השפּעה אויף זיין גאַנץ וועזן.

איך געדענק דאָס מיידל קלאָר פֿון יענע פֿאַרנאַכטן אַרום דעם געסל, ווען זי איז אַרויסגעקומען פֿון איר מוטערס שפּייז־געוועלבל און מיט אַ פֿאַר־ריסענעם שטאָלץ געקוקט אויף אונדז ביידע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט גלייכצייטיק הנאה געהאַט צו רייצן זיך מיט חיימען און סיי מיט מיר.

איך קען מיך נישט דערמאָנען קיין איין מאָל, ווען חיים זאָל האָבן פֿאָר־געלייענט זיינע לידער פֿון זיין ליבע, פֿאַר איר, ביי מיין אָנוועזנהייט. אַסקע־טיש הייליק איז חיים געווען סיי אין זיין ליד און סיי אין זיין ליבע, אַז אפֿילו דער נאָענטסטער זאָל פֿון זיי וויסן.

דאָ דאַרף מען אפֿשר אויך זוכן די טראַגיק פֿון דער גאַלגאַטע, וואָס ער

איז אַדורך, און זיין יאָגן זיך נאָך דעם גילדערנעם הירש פון זיין ליבע — פון לאָדזש קיין ניו־יאָרק .. און — וואָס איז תמיד פון אים אַנטרונען...

אין ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר אין אַ טייר־האַלע פון „בונד" געטראָפן דעם באַקאַנטן יידישן פאָלקס־דיכטער „הער־שעלע".

חברה יונגוואַרג, וואָס האָט מיך געקענט, פון די קרייזלעך, וואו איך האָב פון ציט צו ציט פאָרגעלייענט מיינע לידער, האָבן מיך צוגעפירט צו הערשעלען און אים איינגערוימט אַז איך שרייב אויך לידער. מיט מיר איז אויך צוגע־גאַנגען חיים. הערשעלע האָט זיך זייער דערפרייט מיט אונדז, ווי מיט אַ גרויס געווינס און נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אַז מיר מוזן שוין אויפן אָרט פאָרליי־ענען אונדזערע לידער.

איך האָב געלייענט פון מיינע ערשטע זאַכן און הערשעלע איז געווען צו־פרידן. אים איז געפעלן דער גראַם, וואָס איז ביי מיר דעמאָלט געווען אַ גע־מישטער מיט העברעאיש. הערשעלען האָט זיך געדוכט אַז דאָס איז „פאָלקס־טימלעך" (הערשעלעס שוואַכקייט). ער אַליין האָט אויך זייער ליב געהאַט צו גראַמען יידישע מיט העברעאישע ווערטער. אויך איז אים געפעלן מיין קלאַ־סישע פאָרם. ווען איך האָב געענדיקט האָט חיים אַרויסגענומען פון זיין בוי־זים זיין שמאָל העפטל און אויך אָנגעהויבן לייענען. הערשעלע האָט בעת מעשה, געמאַכט עפּעס אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט געווען באַגייסטערט. מיך האָט די זאַך פאַרדראָסן און איך האָב אויפן קול געמוסרט הערשעלען. אָבער הערשעלע האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: „נישטאָ קיין גראַם, נישטאָ קיין פאָרם. שפּעטער ,ווען ער האָט געזען די התקרבות פון יצחק קאַצענעלסאָן און משה בראָדערזאָן צו חיימען, האָט הערשעלע זיך נישט געקענט מוחל זיין, זיין דעמאָלסטדיקע התנהגות. דעמאָלט אָבער, האָט זיך הערשעלע געהיצט מיט זיין דין קוויטשענדיק, קינדערישן קולכל. חיים האָט געשוויגן, ווי ער האָט תמיד געשוויגן, בעת עמיצער האָט אים ווי געטאָן. איך האָב אָבער באַמערקט, ווי אַ טרער האָט חיימען געשטיקט. איך האָב אים געמונטערט, אַז ער שרייבט בעסער פאַר הערשעלען...

ביים אַוועקגיין האָט דאָס הערשעלע דערפילט, אַז ער האָט נישט גוט באַהאַנדלט אַ יונגען טאַלאַנט און חיימען איבערגעבעטן. און געבעטן אַז ער זאָל קומען אין עטלעכע טעג אַרום מיט נייע לידער.

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו קומען אָבער נישט אין דער טיי־האַלע, נאָר אַרויפצוגיין צוזאַמען צו יצחק קאַצענעלסאָנען, אין דער שטוב אַריין, וואו וואו הערשעלע האָט געהאַט זיין אמתע היים.

ווי פּרצעס שטוב אין וואַרשע, אַזוי איז אויך געווען יצחק קאַצענעלסאָנס שטוב פאַר דער ליטעראַרישער קינסטלערישער משפחה אין לאָדזש.

דאָ אָהער — צו יצחקן אין שטוב — האָבן זיך געצויגן די פאַרחלומטע,

פאַרבענקטע בליקן פון די כלערליי יונגע מענטשן, וואָס האָבן דערשפּירט אין זיך אַ רעגונג, אַ פאַרלאַנג, צום קינסטלערישן אויסלעבן זיך.

פון אַלע קרייזן און שיכטן זיינען זיי געקומען און זיך געפילט היימיש אין קאַצענעלסאָנס געצעלטן. עס זיינען געקומען חסידישע יונגעלייטלעך, וואָס זיינען ערשט אַוועק פון דער בית־המדרש־באַנק. זיי האָבן זייערע שאַ־פּונגען — אויסגעציטערטע אין די נעכט פון אַ געהיים „גוט אויג״ באַהאַלטן אונטער דער האַרץ־דעק, ממש אויפן דנאָ פון זייער איך און האָבן זיך ווי צו עפּעס אַן עבודה, אַריינגעגנבעט אין יצחקס שטוב, אין זייערע שוואַרצע, לאַנ־גע יופּעצלעך מיט אַרונטערגעמאַכטע פאות אונטער די אויערן. נאָר פון די אויגן — צעגליטע, האָט אַרויסגעקוקט אַן אומגעשטילטע תשוקה צו אַ נייער וועלט. זיי האָבן זיך באַלד נאָך די ערשטע ווערטער געפילט היימיש פון דער וואַרעמקייט, און מיט אונדז אַלע געוואָרן אויף „דו.״

פון אַט־די יונגעלייטלעך זיינען שפּעטער אַרויס פיל אָנגעזעענע רבנים און געלערנטע ווי דער יונג־פאַרשטאָרבענער פּראָפ. א. ז. אשכולי פון ישראל, וואָס איז אין יענע צייטן געווען אַ חסידישער בחור און געלערנט אין אַלעק־סאַנדערער שטיבל; ווי דער באַקאַנטער אין לאָדזש מאַטעמאַטיקער און קאַב־טיאַנער אברהמל קאַן, וואָס איז אויך אין יענע יאָרן געווען אַ שטיבל־זיצער און להבדיל — דער שפּעטער אויסגעצאַנגענער לתרבות רע, — דער תלמוד מובהק פון ר׳ חיים העלער און העריאָס פּריוואַט־סעקרעטאַר, אברהמל באַ־טשינסקי. עס זיינען געקומען די יונגעלייטלעך פון דער „חובבי שפת עבר״, וואָס האָבן אַביסל אונטערגעזינדיקט מיט מליצהדיקע ציון־לידער. עס זיינען אויך געקומען און געווען פון די זעלבע אָנגעלייגטע געסט און חברים־פאַר־ברענטע בונדיסטן־יידישיסטן, וואָס האָבן אָבער אין יצחקס אויפריכטיקער, אָפן־קינסטלערישער באַציאונג, געהאַט די גאַראַנטיע, אַז יצחק וועט, אויב ער וועט איינזען, אַז זיי האָבן וואָס צו זאָגן, זיי מקרב זיין, ווי ער האָט עס תמיד געטאָן.

עס זיינען אויך צו יצחקן געקומען אויף „סמיכה״ כמעט אַלע יונגע בחו־רים פון די יידישע גימנאַזיעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן און געוואָלט אַן אמתדיק וואָרט וועגן זיך. פון אַט־די בחורים זיינען שפּעטער אַרויס יידישע און העבּרעאישע שרייבער און דיכטער (דער יונג־פאַרשטאָרבענער גרויסער טאַלאַנט, דער דערציילער פּנחס גאָלדהאַר, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט אהרן אַלפּערן, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן מיט הומאָריסטישע שירים, אלי באַרוכין און מישאַ העלמאַן די העברעאישע דיכטער, יחיאל ראָזענצוויג, פּאַמעראַנץ און דער צוזאַגנדיקער גרויסער טאַלאַנט און העברעאישער וואָרט־קינסטלער, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ — מלכיאל לוסטערניק, און אַנד.).

דאָ, ביי יצחקן אין שטוב האָבן זיי אויסגעלאָדן זייער „רעוואָלוציאָנע־

רישקייט". און פון דאַנען אויסגעשטורעמט די אַלטע, אָפּגעשטאַנענע ליטע־ראַרישע „פעסטוגען".

פון לאָדזש זיינען שפּעטער אַרויס די טאַלאַנטירטע אייגנאַרטיקע שרייבער: חיים קרול, דוד זיטמאַן, דער ווילדער טאַלאַנט, וואָס איז ליידער נישט אָפּגעשאַצט נאָכן חורבן, — ישראל ראַבאָן, ישעיהו שפּיגל, וואָס האָט ערשט נאָכן חורבן זיך צעצוויגט אין דער פּראָזע: ש. בערלינסקי, יוסף אָקרוטני, י. ה. ראַדאָשיצקי, יצחק בערלינער, רקודה פּאָטאַש, יצחק יאַנאַסעוויטש און דער שרייבער פון די שורות.

אין יצחקס שטובן האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט באַגייסטערונג די ערשטע לאָדזשער שרייבער, משה בראָדערזאָן, ז. סעגאַלאָוויטש, ב. עפּעלבוים, אויך דער פאָלקס־דיכטער הערשעלע, כאָטש ער איז עלטער געווען פון יצחקן, איז פיל באַאיינפלוסט געוואָרן פון פאַרשיידענע פאָלקס־מאָטיוון, וואָס יצחק האָט זיי איבערגעגעבן הערשעלען צום באַאַרבעטן. פון יצחקן האָט אויך פיל געלערנט די דיכטערין מרים אולינאָווער אין די ערשטע צייטן פון איר שרייבן.

איך בין שוין ביי יצחקן געווען אַ שטיקל בן־בית. אָבער פאַר חיימען איז דאָס קומען צו יצחקן געווען אַ גרויסע איבעררא‌שונג.

בעת מיר האָבן מיט ציטערדיקע טריט געשפּרייזט איבער די טרעפּ, האָט מיר חיים פאַרטרויט, אַז ער האָט מיט זיך עטלעכע לידער, וואָס ער האָט נאָך ביז היינט קיינעם נישט געוויזן, און ער אַליין ווייסט נישט צי זיי זיינען גוט. צווישן די לידער געדענק איך איז געווען דאָס ליד „ברעט, מיין איינציק ברעט" און דאָס ליד „כ'האָב היינט געפּרעגט ביי די צווי פלעשלעך."

אין שטוב ביי יצחקן האָבן מיר שוין געטראָפן זייער אַ גרויסן עולם דיכטער, מאָלער, מוזיקער און לערער, פון רויך אַרויס האָבן זיך אַרויסגעצויגן פאַרשיידענע קעפּ. אָט איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פּנים מיט די קין־באָקן און משונה־אויגן פון דעם מאָלער איטשל ברוינער, וואָס איז געווען תמיד אַ חסיד און נאַאיוו־קינדיש צו אַ נייעם טאַלאַנט. אָט זעט מען דעם קאָמפּאָזיטאָר גלאַטשטיין, וואָס האָט זייער אַ סך יצחקס לידער אַקאָמפּאָנירט. איך זע נאָך איצט זיין לאַנג אויסגעצויגן פּנים, וואָס איז געווען אין האַרמאָניע צו זיין לאַנגן גוף. אָט זיצט דער קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָהן וואָס האָט אַריינגערעדט ביי יעדן ליד עפּעס אַן הלצהלע. מען זעט דאָ די דיכטער אל שמולעוויטש, וואָס איז געווען יצחקס אַן אינטימער חבר. אָט זעט מען י. ה. ראַדאָשיצקי און י. מ. ניימאַן.

בעת מיר זיינע מיט הערשעלען אַריין און באַטראַכט די גרויסע חברותא פון באַקאַנטע נעמען אין לאָדזש, האָט זיך חיים פאַרלוירן און נישט געקענט אַרויסרעדן איין וואָרט. אָבער באַלד האָט הערשעלע, וואָס האָט זעט אויס געוואָלט חיימען מפייס זיין פאַר יענעם טאָג, גענומען חיימען, ווי צום אונטער־

פירן און הויך אויפֿן קול געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם טאַלאַנט, וואָס שרייבט אינגאַנצן אַנדערש...

בעת חיים האָט געלייענט די צוויי לידער, איז ער אינגאַנצן געווען רויט, אָבער ווי איך האָב באַמערקט, האָבן זיך אַלע איבערגעווינקען, ווי מיט גרויס חידוש. אַז חיים האָט געענדיקט און זיך גענומען אָפּווישן דעם שוויס, וואָס האָט באַגאָסן זיין פּנים, האָט יצחק אַרומגענומען חיימען און גוט־ברידערלעך, וואָס איז געווען זיין טבע, ווען ער האָט געזען אַן אמתן טאַלאַנט, געקלאַפּט אים איבער דער פּליצע, וואָס האָט געהייסן, אַז פֿון איצט אָן ווערט מען אַ גלייכער צו דער גאַנצער גרופּע. חיים איז ווידער רויט געוואָרן און געשוויגן.

ווען מיר זיינען שפּעטלעך אַראָפּ פֿון יצחקס שטוב איז צוגעגאַנגען צו אונדז י. ה. ראַדאָשיצקי און פֿאַרבעטן צו קומען צו אים. פֿון יענעם טאָג אָן האָבן מיר שוין געהאַט אַ שטענדיק פֿריי אָרט וואו צו לייענען איינער פֿאַרן צווייטן, און דאָס אָרט — איז געוואָר ממש ווי אַ מקום־קדוש, פֿון וואַנען עס זיינען אַרויס כמעט אַלע אויסגאַבן פֿון דער לאָדזשער גרופּע.

ראַדאָשיצקיס „רעזורע“, איז באַשטאַנען פֿון אַ געוועלב, אַ הינטער־שטוב, כמו אַ וואַרט־צימער — דאָרטן האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט צו לייענען און באַטראַכטן אַלע ליטעראַרישע פּלענער, — און פֿון נאָך צוויי שטובן וואו דער דיכטער האָט געוואוינט.

די שטובן — אָרעמע, האָבן אָבער געהאַט אין זיך אַטמאָספֿערע פֿאַר שעפֿערישקייט. איך געדענק נאָך גוט די טענער פֿון דער פּיאַנאָ, וואָס ראַדאָ־שיצקיס טעכטערל האָט פֿאַר אונדז געשפּילט און די באַגייסטערונג פֿון אונדז יונגע, מיט זיינע ביכער, וואָס נישט איינער פֿון אונדז איז געוואָרן באַאייב־פֿלוסט. אויך דאָס האַרציקע, ברייטע אויפֿנעמען פֿונעם דיכטער, אַן שום אָנ־שטעל, נאָר פּשוט חבריש, פֿריי און טריי, האָט באַווירקט, אַז מיר זיינען טאָג טאָג און נאַכט צו אים געקומען און געווען ווי ביי זיך אינדערהיים. און כאָטש ראַדאָשיצקי האָט געמוזט אַ גאַנצן טאָג שווער אַליין אַרבעטן מפרנס צו זיין די משפּחה, האָט ער דאָך זיך גענומען צייט אַוועקוואַרפֿנדיק די אַרבעט צו הערן פֿון אונדזערע לידער און טיילמאָל אויך אַליין עפּעס לייענען.

אַזוי איז ראַדאָשיצקיס שטיבל געוואָרן דאָס יום־טובדיקע אָרט פֿון אונדזערע יונגע שעפֿערישע טעג — דער אָנהאַלט פֿון אונדזערע האָפֿענונגען.

אין יענער צייט איז אַרויס אין לאָדזש דער ערשטער נומער פֿון „יידישן זשורנאַליסט“, אַן אויסגאַבע פֿון לאָדזשער ליטעראַטן־פֿאַראיין. און כאָטש כמעט אַלע יונגע זיינען געווען אין נומער פֿאַרטראָטן, דאָך האָט דער כאַראַק־טער פֿון דער גאַנצער אויסגאַבע נישט צופֿרידנגעשטעלט אונדזער גרופּע, וואָס האָט פֿאַרלאַנגט — ליטעראַטור איז נישט קיין צייטונגס־מאַטעריאַל.

מיר האָבן דעריבער, טאַקע ביי ראַדאָשיצקין אין שטיבל, באַשלאָסן צו מאַכן שבת פֿאַר זיך.

לאָדזש האָט דעמאָלט שוין געהאַט צוויי טאָג־צייטונגען, דאָס „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" און דער „לאָדזשער טאַגעבלאַט". דער רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט", ישעיהו אוגער, איז געווען דער מדריך פון אַלע יונגע שרייבער. אַ ביישפּיל. פון יידיש־שרייבערישער ווירדע האָט אוגער אַרויסגעוויזן סיי אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת די דייטשן האָבן באַזעצט לאָדזש, און סיי אין די היטלער־טעג ווען ער האָט זיין לעבן מקדיש געווען, און זיך אָפּגעזאָגט צו שרייבן פאַר די דייטשע רוצחים. אויך לאַזאַר קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", איז געווען אַ האַרציקער פריינט פון די יונגע שרייבער. קאַהאַן האָט יעדע וואָך געדרוקט אַ ליד פון איינעם פון די גרופּע לאָדזשער דיכטער, אפילו זיי געצאָלט האָנאָראַר; כדי צו דערמוטיקן די יונגע דיכטער. דער שרייבער צבי כהן, האָט אין יענער צייט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „יוגענט", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט עלטערע און אויך יונגערע שרייבער.

ווען מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די העפטן „געזאַנגען" האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז אויך די אויסגאַבע, וועט אויך נישט אַלעמען צופרידנשטעלן, אָבער דאָך האָבן מיר זיך געאייניקט, ווייל מיר האָבן געוואָלט מאַניפעסטירן אונדזער אייגענעם כוח און נישט זיין אָנגעוויזן אויף די עלטערע גרופּע שרייבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום יצחק קאַצענעלסאָן.

אַלס רעדאַקטאָר איז באַשטימט געוואָרן „הערשעלע". מיר האָבן אים פּשוט געוואָלט געבן צו פאַרדינען. און איך און ראַדאָשיצקי, האָבן געדאַרפט מיטהעלפן ביים אָפּקלייבן מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט אינגאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף הערשעלעס געשמאַק. היינט ווען מיר בלעטערן די „העפטן" זעט מען די גוטע זאַכן און די טאַלאַנטן, וואָס זיינען פון זיי אַרויס. עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען אַז שמעון האראנטשיק האָט דעמאָלט געדרוקט זיין ערשט ליד. אויך חיים קרול, דוד זיטמאַן און ישראל רובין, וואָס האָט ערשט שפּעטער זיך גערופן ראַבאַן, זיינען געווען פאַרטראָטן.

חיים, כאָטש ער איז אויך געווען פון די איניציאַטאָרן, האָט זיך אין רע־דאַקציע־ענינים נישט געמישט און ליבערשט געוואָלט שרייבן.

ווען עס איז אַרויס דער ערשטער העפט „געזאַנגען", געווידמעט „ליבע־ליריק" און די קריטישע אָפּרופן זיינען געווען גוטע, האָבן די עלטערע לאָד־זשער שרייבער אונדז קיין וואַרעמע באַציאונג נישט אַרויסגעוויזן. אָבער יצחק קאַצענעלסאָן האָט זיך צו אונדז דערנענטערט. אין צווייטן העפט „געזאַנגען" האָבן שוין כמעט אַלע עלטערע שרייבער געגעבן פאַרן זשורנאַל זייערע שאַ־פונגען.

פלוצלינג איז חיים נישט געוואָרן צופרידן פון די „געזאַנגען" און צו־זאַמען מיט ישראל ראַבאַן און מיט דעם שרייבער פון די שורות אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „פעלד", וואָס איז געווען אינגאַנצן אַנדערש אין

מהות פון יידישער דיכטונג. דער זשורנאַל האָט אויך, אַ חוץ לאָדזשער, גע־דרוקט אַנדערע דיכטער, וואָס זיינען אונדז געווען נאָעט. אין די זעקס נר־מערן „פעלד" האָבן אויך מיטגעאַרבעט מלך ראַוויטש, אורי־צבי גרינבערג, בער האָראָוויץ, דוד קעניגסבערג פון דער ווינער גרופּע, און אויך אַ גרופּע אַמעריקאַנער יידישער דיכטער.

חיים, אָבער, האָט ווידער נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַלעם, וואָס דער זשורנאַל האָט געדרוקט, איז ער אַוועק פון זשורנאַל און אַרויסגעגעבן זיין בוך „לויבן", וואָס האָט אים געבראַנגט אָנערקענונג פון דער קריטיק. שפּע־טער איז אויך אַרויס זיינס אַ ביכל „הימלען אין אָפּגרונט", אַן אָפּקלייב פון לידער אין האַלץ־שניט, מיט פיינע מאָלערישע קאָמפּאָזיציעס פון דער יונ־גער מאָלערין אסתר קאַרפּ, וואָס די גרופּע „אחריד" האָט אַרויסגעגעבן.

די גרופּע „אחריד" איז נישט באַשטאַנען בלויז פון דיכטער, נאָר אויך פון מאָלער, מוזיקער, טענצער, וואָס האָבן געוואָלט שאַפן עפּעס נייעס אין דער יידישער קונסט. די גרופּע האָט אויך אַרויסגעגעבן דוד זיטמאַנס לידער „אויף ווייטקייטן קרייזנדיקע פאַל איך". און אויך אַ ביכל לידער אויף דייטש פון ראַלאַ ליפּשטיין (די היינטיקע שרייבערין רחל מינץ).

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ נייעם זשור־נאַל די „שוועלן". דאָס איז געווען אין יאָר 1925. די לאָדזשער גרופּע האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט י. ה. ראַדאָשיצקין און חיים קרולן (וואָס זיינען שוין געווען דעמאָלט אין ניו־יאָרק) זיי באַפולמעכטיקט צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע אַמעריקאַנער דיכטער, וואָס זאָלן מיטאַרבעטן אין די „שוועלן". אַ חוץ די לאָדזשער, האָבן זיך אין דעם זשורנאַל געדרוקט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, קלמן הייזלער, ב. לאַפּין, י. י. סיגאַל, נפתלי גראָס, חיים קרול, י. ה. ראַדאָ־שיצקי, מ. באַסין, ב. אלקוויט, י. קיסין, און אַנדערע. עס זיינען צוגעקומען צו די פריער־דערמאָנטע גרופּע לאָדזשער דיכטער איניקע נייע נעמען ווי דוד זיטמאַן, שרה בוים, יצחק בערלינער, רקודה פּאָטאַש, און ישעיה שפּיגל, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די אויבן־דערמאָנטע זשורנאַלן.

וואָס דערפון איז שפּעטער אַרויסגעקומען קען מען איצט זען, אין די ביכער פון ישעיה שפּיגל, וואָס האָט דעם קידוש־השם־מאָטיוו אין פּראָזע אַזוי קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט ; און אויך אין די לידער־ביכער פון יצחק בערלינער, וואָס אָטעמען מיט גרויסער דיכטערישער אויפ־ריכטיקייט ; אין י. ה. ראַדאָשיצקיס דיכטונג, און באַזונדערס אין זיין לעצטן בוך „ליד און אומרו" אין וועלכן מען פילט דעם אינערלעכן ציטער פון יידישן ליד אין אונדזער צייט. אין רקודה פּאָטאַשעס נייעם בוך, מיט ארץ־ישראל־מאָטיוון, וואָס זיינען אייגנאַרטיק פאַר דער יידישער פּרויען־דיכטונג בכלל.

אין די יאָרן 1926־1927 איז די לאָדזשער דיכטער־גרופּע זיך צעפאַלן. ראַדאָשיצקי און קרול זיינען שוין עטלעכע יאָר געווען אין אַמעריקע. י. ראַ־

באַן איז אַוועק קיין וואַרשע; יצחק בערלינער — קיין מעקסיקע, דוד זיטמאַן איז אַזוי יונג אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער וועלט. און איך אַליין האָב נישט געהאַט מיט וועמען צו טרייבן ווייטער דאָס ראָד פון דער לאָדזשער גרופּע דיכטער. אַ גרופּע, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַזאַ שיין קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן.

מ. וואַלדמאַן

מיט חיים קרולן אין לאָדזש

קדושה. דאָס האָב איך געפילט קומענדיק נאָענט צו זיין גייסטיקער וועלט. צוקומענדיק נאָענט צו אים מיט זיין בוך „לויבן" האָט ער געשאַפן אַט דאָס דאָזיקע געפיל.

האָט מען יענע לידער פון בוך „לויבן" געלייענט? ניין, געדאַוונט האָט מען זיי. דאָס זיינען תפילות. די קליינע שורהלעך, אָן פראַגע־צייכנס און אָן אויסרופצייכנס, פאַרמאָגן אין זיך אַ הייליקייט, און ווען איך האָב זיך מיט דעם דיכטער באַקענט — צוואַנציק יאָר ווערט איצט ווי ער איז צום לעצטן מאָל געווען אין לאָדזש — האָט ער דאָס דערהויבענע געפיל, וואָס איך האָב געטראָגן פאַר אים נישט פאַרמינערט.

אין זיינס אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס איז באַקאַנט, אַ דאַנק רייזענס „לעקסיקאָן", זעט מען אַ דערשראָקן פנים. געזען האָב איך אים גאָר מיט מילדע אויגן, מיט גלעטנדיק־ווייכן בליק. און זיין וואָרט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען שטאַמלדיק, צעריסן, אין האַלבע, נישט דערזאָגטע קלאַנגען, האָט ער אַלץ נאָך תפילה געטאָן.

און אויסגעזען האָט ער דעמאָלט שוין „נעבעכדיק". געווען צעבראָכן פון קרענקן. די פּלייצע געבויגן. דער קאָפּ פאָראויס. און זיין טראָט אומזיכער אויף דער ערד, ווי אַ גרויסער פויגל וואָלט געהאָפּסלט איבער דער גאַס מיט דראָבנע שפּרייזלעך. אָבער ניין, דאָס איז ער אין דער אמתן נישט אַזאַ. דאָס האָט ער זיך נאָר אַזוי „פאַרשטעלט" אין אַן אַנדערן מסתמא, בכדי מען זאָל אים נישט דערקענען, ווער ער איז.

ער, חיים קרול — ער דאַרף דאָך פאַרבייגיין די גאַס מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און פאַרמאַכטע ליפּן, אַז קיינער זאָל אים נישט דערזען און אים נישט דערהערן. זיין עובדה איז דאָך גאָר זינגען שטיל, באַהאַלטענערהייט, ווייל דאָס געזאַנג וואָס ער טראָגט אויס זינגט זיך מיט פאַרמאַכטע ליפּן.

זיין היים אין לאָדזש האָט ער געהאַט אויפן באַלוט, אין אַ זייטל־געסל, וואָס האָט געפירט נאָך אַלעקסאַנדער — צום רביך. דאָרטן האָט ער געוואוינט, אויך זיין צופרי־פאַרעלטערטער טאַטע. אַ נידעריקלעכער ייד, מיט אַ

בלאַסלעך פּנים, איינגעראַמט אין אַ זילבער־ווייסער באָרד. אַ וועבער געווען. אין זיין ליכטיק פּנים האָט ער געהאַט, עפּעס פון אַ בעל־תּפילה אין אַ יום־כּיפּור־טאָג. צער און גלויבן צוזאַמען אויסגעדריקט. ער האָט זיך געשפּיגלט אין זיין זון חיימען, וואָס איז דערווייל איינגעגאַנגען „אין דערלייטערונג". און דער זון האָט געטראָגן אַ גרויסע ליבשאַפט צום טאַטן — אַ גרעסערע נאָך, ווי די, פאַר וועלכער ער האָט געשריבן זיינע „לויבן"... און פּונקט אַזאַ גרויסע ליבשאַפט ווי צום טאַטן, האָט ער אויסגעטראָגן אויך פאַר זיינע צוויי שוועסטערן.

אין אַן אַלט הילצערן הויז האָבן זיי געוואוינט, עס האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעדאַכט, ווען איך בין דאָרט געקומען, אַז נאָר צו זייער הויז קומען טויבן אויפן דאַך. און אַז איך בין אַריין אין זייער שטוב, מיט דער ציטערניש פון אַ יונגען פאַרערער, האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט אַריינגעקומען אין אַ מקום־קדוש. עטלעכע פאַרליבטע חסידים האָט ער דעמאָלט געהאַט אין לאָדזש. עטלעכע יונגע שרייבער, פאַר וועמען חיים קרול איז געווען זייער מדריך. ווי דער כּהן־גדול האָט ער זיין ברכה געגעבן אויף זייערע שאַפונגען. און מיט זיין שוין ציטערדיקער האַנט געגלעט זייערע יונגע קעפּ. פיר קדושים זיינען זיי היינט: ש. שאַיעוויטש, מישאַ טראַיאַנאָוו, אלתר האָפּמאַן, און ירחמיאל וויינבערג. דער פינפטער, וואָס איז אַן אָפּגעראַטעוועטער, דערמאָנט זיי איצט צוזאַמען — מיט זייער פאַרערטן דיכטער. אַ ליכטיקע דערמאָנונג.

אין אַ ווינטערדיקן אָוונט. אַ ווייסער שניי בלענדט אין דרויסן מיט אַ העל ליכט. אין חיים קרולס שטוב איז געווען פינצטער. שאָטנס האָבן געטאַנצט אויף די ווענט, אַזוי דאָס ליכט־פלעמל פון דער נאַפט־לאָמפּ. צוויי אויסגעצויגענע שאָטנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ באַרג מיט פינצטערניש, האָבן פאַרשטעלט די שוועסטער פייגעלע וואָס איז געזעסן ביי דער קוך און זיך צוגעהערט. געגאַפט און געהערט. חיים קרול האָט געלייענט. דאָס האָט ער אַרויסגענומען אַ פּעקל אַלטע כּתבים — זיינע ערשטע לידער. גאָר פון סאַמע אָנהויב.

פאַרגעלטע בלעטלעך. אַ סך זיינען געווען באַשריבן מיט אַ העלע וואַסערדיקע טינט, אויסגעבליאַקעוועט; אַנדערע געשריבן מיט בליי. דאָס איז געווען דעם דיכטערס פאַרמעגן, פון יענע טעג ווען ער איז נאָך געשטאַנען ביים וועב־שטול און צווישן איין שטיקל סחורה און אַ צווייטן וואָס ער האָט געוועבט, אַרויסגעזונגען זיינע תּפילות.

חיים קרול לייענט. בלעטל נאָך בלעטל שווימען אַוועק אויסגעלאָשענע חלומות. זיינע אויגן פאַרמאַכן זיך, ער שוועבט ערגעץ אַוועק אין אַ ווייטער פאַרכישופטער וועלט. ער איז אַוועק צו די גאָלדענע טעג פון אַמאָל, איידער דאָס לעבן האָט אים אַזוי שווער געשטראָפט. איך, דער צווייטער ביי זיין

זייט, האָט געשלינגען יעדעס וואָרט. פאַר מיינע אויגן פערלען זיך אַזוי פיל פאַרבן. מיין אויער הערט זיך צו ווי צו שטילער מוזיק. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקוקט אין די בלעטלעך פון אַן אָנערקענטן פּאָעט, געזען אַרומ־שפּרינגען פייערלעך אויף געלע פאַרמעטן און געהערט אויך אויסצווישטשען אָפּגעהאַקטע קלאַנגען, וואָס קומען, ווי פון אַ גן־עדן התחתון. דער דיכטער איז געוואָרן מיד. ער האָט אָפּגעהאַקט.

ביי דער קיך, אין דעם באַרג פּינצטערניש, האָט די שוועסטער פייגעלע שטיל געוויינט.

משה נאַדיר

וועגן חיים קרולן

אויף דער „בצלאל־אויסשטעלונג" האָב איך געטראָפן דעם פון־דער־וועלט־אויסגעטועטעם חיים קרול. ווי אין היגער־פּלעט (טראַכט איך) איז זיין לעבן. אַ ריין געגרייטער טיש איז זיין שרייבן. און אויף די טעלער זיינען נישט קיין עסנס, נאָר... בלימלעך? און אפשר (ווער ווייסט? — קיינער ווייסט נישט!) אפשר זיינען דאָס אמתע מאַלינעס, איבערגעחלומט אויף... עקזאָטישער אומניצלעכקייט? לייענט פאַמעלעכן, און פּרובירט פילן דעם פיינעם דופט פון צוריבענע מענטע־בלעטלעך:

איך האָב חיים קרולן „געכאַפּט ביי דער האַנט". ווען ער האָט דאָס ליד געשריבן, שטייענדיקערהייט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ קאָלאָנע פון דעם זאַל, וואו די „בצלאל־אויסשטעל" איז געווען. ער האָט מיר דאָס ליד איבערגעגעבן ווי אַ ברענענדיק ליכט — זיך געשראָקן, אַז עס וועט חלילה אויסגיין ביי מיר אונטער די הענט.

„שטייט אין אַ ווינקל פון מיין שטיבל
אַ כימערין
ווי פון נאָטרדאַם —
מיט אַ שטראַל אויפן שטערן.

צינד איך אָן מיין סלמנדר־פלאַם
אין מיר אַרום.
שפּרינגט די אַריין אין עיגול
און ווערט מיט מיר פאַרברענט.

איך בין זיך מודה, אַז איך ווייס נישט וואָס „אַ כימערין ווי פון נאָטר־דאַם" איז.

איך האָב מוראדיק ליב דאָס וואָרט נאָטרדאַם (פּיפּער־נאָטר־דאַם — וואָלט אפשר געקלונגען נאָך בעסער!) אָבער דאָס ליד איז אַ גוטס. עס רעדט נישט קיין סך, אָבער — עס הערט! עס איז נישט פון יענע „טויבע לידער", וואָס זאָגן אָפּ זייערס און גייען אַוועק!

יעפים ישורין

חיים קרול ביבליאָגראַפּיע

איגנאַטאָוו, דוד : חיים קרול (זיין ליידן און זיין לייטערונג). אידישער קעמפּער, נ. י., סעפּט. 27, 1946, זז' 43-50.

אַפּאַטשינסקי, פּרץ : חיים קרול, אין דער לייטערונג. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומ. 64, יולי 24, 1925, ז' 6.

— דיכטער פון טרויער און פּשטות. חיים קרולס אין דער לייטערונג. גע-זאַמלטע שריפטן, נ. י. 1951, זז' 167-170.

באַשעווים, י. : אַרום דער יידישער ליטעראַטור. צוקונפט, נ. י., אויג. 1943, ז' 475.

ביק, אברהם : דער חסידישער מאָטיוו אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, המשך, נומער 2, נ. י. 1940, זז' 55-56.

ביילין, י. ב. : פּאַרטריקנטע בלומען אין נייע וואַזאַנעס. מאָרגן-פרייהייט, נ. י., יאַנ. 14, 1945.

בערגעלסאָן, ד. : שריפטן, זאַמלבוך 1925-1926. [חיים קרול], אין שפּאָן, ווילנע, מאַי 1926, ז' 169.

גראָבאַרד, ב. : „אין דערלייטערונג”. אויפקום, נ. י., 1926.

— אַ פערטל יאָרהונדערט. נ. י., 1935, ז' 188.

היילפּערן, פאַלק : „אויסשטאַטונג און פּרעטענזיע”, ווילנער טאָג, נאָוועמבער 4, 1921.

וויטיעס, משה : חיים קרול. ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט, אַפּריל 12, 1946, זז' 5-6.

ווינאָגראַד, מ. : שריפטן. אונדזער בוך, נ. י., מערץ-אַפּריל 1926, ז' 124.

ווייסמאַן, י. א. : חיים קרול. עפּאָכע, נ. י., יאַנ.-פעב. 1946, זז' 20-21.

טענענבוים, ש. אַ כאַראַקטעריסטיק פון 2 ייד. פּאָעטן. י. ה. ראַדאָשיצקי און חיים קרול. די שטימע, מעקסיקע, מערץ 18 און אַפּר. 1, 1944.

— חיים קרול. (אַ קראַנץ אויף זיין פרישן קבר). ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט, פעב. 15, 1946, זז' 4-5.

— אַ פּאָעט איז געשטאָרבן [וועגן חיים קרול], די שטימע מעקסיקע, פעב. 16 און פעב. 23, 1946. אידישער קוריער, שיקאַגאָ, פעב. 22, 1946.

— חיים קרול. (צו זיין ערשטן יאָרצייט). ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 14, 1947, ז' 4. דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, מערץ 25, 1947.

— צום יאָרצייט פון פּאָעט חיים קרול. די שטימע, מעקסיקע, אַפּר. 23, 1947.

— וועגן חיים קרולן. אַ האַנט פאַרשריבט. מיניאַטורן, נ. י., 1953, ז' 18.

י. נחום : אין דערלייטערונג (וועגן חיים קרולס נייעם בוך לידער). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י., יוני 19, 1925, ז' 4.

ליבעמאַן, מ. : אַ דיכטער פונם אַלטען שניט. „אינדערלייטערונג” פון חיים קרול. פאָרן פאָלק, נ. י., נאָוו. 25, 1927, זז' 19-20.

ניגער, ש. : נייע לידער זאַמלונגען. (חיים קרול — אין דער לייטערונג). צו-קונפט, נ. י., אויג. 1925, זז' 480-483.

— אין אידישע זשורנאַלען, די צוקונפט. טאָג, נ. י., יאַנ. 17, 1926.

סיגאַל, י. י. : וועגן חיים קרול. שריפטען, נ. י., פרילינג, 1921, זז' 21-23.

— חיים קרול, געצעלטן, נ. י., יאַנ.-פעב. 1946, זז' 28-33.

— חיים קרול. (צו שלושים). קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מערץ 11, 1946.

— חיים קרול. (צום צווייטן יאָרצייט). קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מאַי 17, 1948.

— לזכר חיים קרול (פראַגמענט פון אַ פּאָעמע). צוקונפט, נ. י., יולי-אויג. 1950, זז' 296-295.
— ניו-יאָרקער נאָטיצען. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, יוני 25, 1951.
— לזכר דעם דיכטער חיים קרול. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, סעפּט. 22, 1952.
ראַדאָשיצקי, י. ה.: חיים קרול. די פעדער, נ. י., 1939, זז' 69-68.
— חיים קרול. יידישע שריפטן, נ. י., באַנד 3, העפט 2, פרילינג 1943, זז' 201-194.
— חיים קרול. ליטעראַרישע העפטן, נ. י., מערץ-אַפּר. 1946, ז' 34.
— חיים קרול. דער וועג, מעקסיקע, מאַי 4, 1946.
— חיים קרול: זיינע ערשטע אָנהויבן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י., מאַי 10, 1946, זז' 5 און 7.
— חיים קרול ע"ה. ניוי-אָרקער וואָכנבלאַט, נאָוו. 18, 1949, זז' 10-9.
— חיים קרול, לזכרון זיין פינפטן יאָרצייט. אַרבעטער-וואָרט, פּאַריז, מערץ 2, 1951.
רייזען, זלמן: חיים קרול. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע. דריטער באַנד, ווילנע, 1929, שפאַלטן 752-751.
שטיינבערג, נח: צום אָנדענק דעם דיכטער חיים קרול. [ליד] נח שטיינבערג, פאַרלאַנגט אַ מענטש, נ. י., 1952, ז' 103.

די וויטערדיקע ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען געהערן צו דעם אַרכיוו פון י. ה. ראַדאָשיצקי.

אַלמי, א.: ליטעראַרישע נסיעות, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י., 1927.
אַפּאַטשינסקי, פּרץ: חיים קרול. די פאָלקס-צייטונג, לאָדזש, 1924.
בלומענפעלד, ה.: חיים קרול. „הומאַניטע", פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע טעג-לעכע צייטונג, פּאַריז, 1925.
בערלינער, יצחק: חיים קרול. דער וועג, מעקסיקע, 1946.
— חיים קרול ע"ה. דער וועג, מעקסיקע, 1947.
— חיים קרול און זיין שאַפן. דער וועג, מעקסיקע, 1949.
בראַדערזאָן, משה: חיים קרול. „אַ יונגער דיכטער". לאָדזש, 1920.
גאָלדבערג, ב. צ.: אין ליטעראַרישן ווינקל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י., 1926.
דאָברושין, י.: אין דערלייטערונג, עמעס, מאָסקווע, 1925.
וויערניק, פּרץ: אין דערלייטערונג. מאָרגען זשורנאַל, נ. י., 1926.
זינגער, ש. ד.: חיים קרול. „קולטור". 1926.
טורקאָוו, יוסף: די פיזיאָנאָמיע פון אַ דיכטער. פאָלקסבלאַט, לאָדזש, 1927.
ליכט, מיכל: וועגן חיים קרול. „פאַר ליטעראַטור", נ. י., 1925.
לעבעדיגער (דער) פּאַמפּאַדור: ליטעראַרישער יאַריד. דער גרויסער קונדס, נ. י., 1925.
מרמר, קלמן: וועגן חיים קרול. פרייהייט, נ. י., 1925.
נאַדיר, משה: פון נעכטן ביז מאָרגן. חיים קרול. 1925.
ראַדאָשיצקי, י. ה.: חיים קרול. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 1930.
— חיים קרול. אַ קראַנץ אויף זיין קבר. ניוי-אָרקער וואָכנבלאַט, 1946.
ריווקין, ב.: צוויי פּאָעטן דאַווענען פון איין סידור. „שיקאַגאָ", 1943.
שפּיגל, ישעיהו: חיים קרול. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, 1926.

חיים קרולס עסייען וואָס זיינען געווען געדרוקט אין זיין בוך „אַרום זיך" דערשינען 1930 פֿאַרלאַג קלעצקין, ווילנע.

אברהם רייזען
א. ליעסין
יוסף ראָלניק
דוד איינהאָרן
מאַני־לייב
ה. לייוויק
משה־לייב האַלפּערן
זישע לאַנדוי
י. י. סיגאַל
יעקב גלאַטשטיין
מלך ראַוויטש
משה קולבאַק
משה בראָדערזאָן
ישעיה שפּיגל
י. ה. ראַדאָשיצקי
יעקב מעסטל
שלום אַש
דוד בערגעלסאָן
א. מ. ווייסענבערג
דוד איגנאַטאָוו
א. ראַבאָי
י. אָפּאַטאָשו
ל. שאַפּיראָ
א. מ. פוקס
י. י. זינגער
ברוך גלאַזמאַן
משה נאַדיר
י. טאפּל
לוי בערמאַן
ב. קאפּמאן
ל. כאנוקאָוו

אינהאַלט:

י. ה. ראַדאָשיצקי: — וויַ אַ זון־שטראַל — 3
י. ה. ראַדאָשיצקי: — חיים קרול, זיין לעבן, ליידן און שאַפן 5

1) חיים קרול — לידער:

מיין מאַמעס ווייסער חלום — 20
טאַטע — 23
לויבן — 25
אין דער לייטערונג — 28
לידער־ווידמונגען — 38
צו אומבאַקאַנטע — 44
לעכצונגען — 48
פלעקן — 51
צווישן מיינע שטערן — 53
לבנה־לידער — 56
נענטער צו גאָט — 59

2) פון חיים קרולס פּראָזע:

פראַגמענט פונעם „פון מיין טאַטנס שטוב" — 64
דורות — אויטאָביאָגראַפיע — 82
אין טויטן הויז — טאָג־בוך — 101

3) חיים קרול — מיניאַטור־עסייען:

ר׳ מרדכילע און אליעזר שטיינבארד — 114
אהרן צייטלין — 114
י. י. שוואַרץ — 115
י. ה. ראַדאָשיצקי — 116
ראובן אייזלאַנד — 116
נ. ב. מינקאָוו — 117
אליעזר גרינבערג — 118
בעריש ווײַנשטיין — 119
ב. אַלקוויט — 119
י. ל. קאַלושינער — 120
מ. ז. טקאַטש — 121

פּרץ אפּאטשינסקי — 121
פּנחס גודמאַן — 122
ב. ריווקין — 123
תלוש — 123
אַנאַ מאַרגאָלין — 124
רחל קאָרן — 125
מלכי לי — 125

4) אַרטיקלען, זכרונות און אָפּשאַצונגען וועגן חיים קרולן:

י. י. סיגאַל; **חיים קרול** — 128
דוד איגנאַטאָוו. **חיים קרול** — 134
ש. ניגער. **וועגן חיים קרולס בוך „אינדערלייטערונג"** — 136
משה וויטיעס; **חיים קרול** — 141
י. ה. ראַדאָשיצקי; **חיים קרול** — 141
יצחק בערלינער; **חיים קרול** — 153
ש. ד. זינגער; **חיים קרול** — 158
ש. טענענבוים; — 160
דוד בערגעלסאָן; חיים קרול — 170
ישעיה שפּיגל; **וועגן חיים קרולן** — 170
לוי גאָלדבערג; **חיים קרולס ליד** — 172
חיים לייב פוקס; **חיים קרולס דיכטערישער באַגינען** — 173
מ. וואַלדמאַן; **מיט חיים קרולן אין לאָדזש** — 182
משה נאַדיר; **וועגן חיים קרולן** — 184

חיים קרול ביבליאָגראַפיע:

יעפים ישורין; — 185
י. ה. ראַדאָשיצקי — 186